סֵפֶר

# וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים

אִידִישׁ
חֵלֶק א'

פְּרַאקְטִישֶׁע חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה, עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל, פַּאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶעִרינְס, אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין דֶעם הֵיילִיגְן אַרְבֶּעט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, מִיט אַ קְלָארֶע מַהֲלָךְ ווִי אַזוֹי זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִין אַלֶע מַצָּבִים אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן, נֶעמֶען יֶעדֶעס קִינְד אוּן אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט, אַז עֶר זָאל זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶר סָאלְדַאט פַאְרן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט פוּן שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

בִּשְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן - חֵלֶק א'

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער
פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב**

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן
זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב**

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט
זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְּלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.


אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן חֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ תובב"א

**מהדורת וועבערמאן**

היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
רחוב רבי נחמן מברסלב 15
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
רחוב ירושלים 2
**052.760.5715**

געדרוקט דורך, און צו באקומען:

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

געשריבן און באארבעט דורך:

**מערכת שיעורי חינוך**
Mareches@kerenhadfusa.org

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# מהדורת
# וועבערמאן

זכות מהדורת ספר הקדוש הזה
נתנדב על ידי

**מוה"ר אהרן בן פיגא וועבערמאן הי"ו**

וזוגתו

**מרת בילא שיינדל בת פרומט תחי'**

וילדיהם

טויבא רבקה ומשפ', חיה ומשפ', אברהם יושע ומשפ'
מלכה הינדא ומשפ', פנחס דוד ומשפ', נפתלי קלונימוס
קלמן ומשפ', אסתר שרה ברכה ומשפ', נחמן יואל ומשפ'
רחל הענדל ומשפ', אדל פראדל, אליעזר שלמה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבכם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, וזכות רבינו ז"ל
ותלמידיו הקדושים, יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון.

ולעילוי נשמת אביהם

**ר' מנחם מענדל בן ר' יהושע ע"ה**

נלב"ע כ"ד תשרי תשפ"ה

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

## זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק



### לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה׳ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה׳ וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ״ת ׳אֲשֶׁר בַּנַּחַל׳, וְסֵפֶר ׳שְׂפַת הַנַּחַל׳ פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ״ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ״תְ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

**עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ,**
**עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֵה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת**

**מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ**

# רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה״ה

**בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ״ל**
**הָרַב מִטָּאקַאִי וּבַעַל הַ׳מִנְחַת זְאֵב׳ וְעוֹד**

## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה
לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן
י״ז שְׁבָט תשע״ה

## תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

# מורינו ראש הישיבה שליט"א

וזוגתו
מרת **אסתר גיטל** תחי'

וילדיהם

**שלמה ומשפ', אלחנן חיים ומשפ'
מרים העניא זיסל ומשפ', שמעון ומשפ'
נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה, יוסף,
מנחם, יחזקאל, מלכה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבכם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, וזכות רבינו ז"ל
ותלמידיו הקדושים יגן וימליץ בעדם תמיה, אמן כן יהי רצון.

# מַפְתֵּחַ

אַרַייְנְפִיר ............................................................ יג

פֶּרֶק א' | דֶער מִיטְל וֶועג ........................ כא

אָנְהֵייבּ יָאר זֶענֶען דִי קִינְדֶער צֶעשָׁאקְלְט // דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט // וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי מוֹסָד // דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה // רֶעדְן יֶעדְן טָאג פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם // רֶעדְן פוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע // וֶוער אִיז בַּיי אוּנְז אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט קִינְד? // מֶען דַארְף נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג // אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער דִי וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה // עֶר אִיז פָארְט נָאךְ אַ קִינְד! // אַ אִינְגְל הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט // אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג // אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אִינְדֶערְהֵיים // גְלֶעטְן יֶעדְן קִינְד פְּרִיוַואט // שְׁטְרֶענְג, אָבֶער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז אַ קִינְד // דֶער מְלַמֵּד זָאל נִישְׁט זַיין אַ קִינְד // קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיס דֶעם מְלַמֵּד // אָן תְּפִלָּה גֵייט עֶס נִישְׁט // אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט // וָואס מֵיינְט אַ גוּטֶע שׁוּלֶע? // וָואס מֵיינְט אַ גוּטֶע חֵדֶר // וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי גְרוֹיסֶע סַאטְמֶערֶ'ע מוֹסְדוֹת? // פַאר מִיר אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער // אַ מוֹסָד אִיז אַ מְלַמֵּד וָואס זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער // קַיין אֵיין קִינְד בַּאקוּמְט נִישְׁט מֶעדֶעצִין // אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט // בַּיי אִים מֵיינְט עֶס אַ וֶועלְט // רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן // דֶער טָעוּת פוּן דִי שׁוּלֶעס // אַלֶע מְחַנְּכִים דַארְפְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען // אִיךְ ווִיל מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים

פֶּרֶק ב' | אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן קִינְד ........................ נז

מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דִי שְׁכִינָה // דָאס אִיז דֶער שְׁטָאט // אַז מֶען כַאפְּט דִי מַהֲלָךְ וֶוערְט דִי אַרְבֶּעט גֶעשְׁמַאק // מִיר בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער // קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיט שִׂמְחָה // עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי גוּט // אַרַייְנְזָאגְן אִין אַ רֶעקָארְדֶער // אָנְצִינְדְן רֶעקָארְדִירוּנְגֶען פוּן עֶרְלִיכֶע

בַּעֲלֵי מְסַפְּרִים // שְׁטֶעלְן דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער פַאר גַבָּאִים // לִיבּ הָאבְּן אַלֶע תַּלְמִידִים // דִי עֶלְטֶערְן מִיט דִי מְלַמְּדִים // קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זֵיי // דִי לֶערֶערִין אִיז דָאךְ שׁוֹין עֶרְוַואקְסְן // עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַ גוּט וָוארְט // אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'יִרְאַת שָׁמַיִם' // רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה // וַוייזְן אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער // נִישְׁט רֶעדְן קְרִיטִיק צְוִוישְׁן זִיךְ // וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס בְּרֶענְגְט אַהֵיים חֲפֵצִים? // וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גַנְבְ'עֶט?

## פֶּרֶק ג' | הָאפֶענוּנְג אוּן שְׁטַארְקְקֵייט ............ פג

ווִיסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער // אִיךְ דְרֵיי נִישְׁט אַן אַייזְן אוּמְזִיסְט // אַרַיין בְּלָאזְן אַ הָאפֶענוּנְג אִינֶעם פַּאצִיֶענְט // דֶער אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער כֹּחַ פוּן אַ גוּט וָוארְט // אַ הָאפֶענוּנְג אִין דִי תַּלְמִידִים אוּן אִין זִיךְ אַלֵיינְס // וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן? // עֶס גֶעשֶׁעט גָארְנִישְׁט אוֹיבּ אַ קִינְד כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף דֶעם לִימוּד // דֶעם מִיטְל וֶועג // דֶער וֶועג פוּן 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' // מַיין רֶבִּי טְרַאכְט פוּן מִיר // מִיט וָואס בַּאלוֹינְט מֶען קִינְדֶער? // גִיסְן אֱמוּנָה

## פֶּרֶק ד' | וָואס אִיז מַיין צִיל ............................. צז

וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי שׁוּלֶע? // וֶוער אִיז אַ גוּט קִינְד? // אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה // פַארְוָואס הָאט מֶען דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען // פַארְוָואס בַּארֶעדְסְטוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?! // אֶפְשָׁר גֵייסְטוּ אִין דִי זַייט?! // מַאךְ עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער // בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן פוּן דִי קִינְדֶער // מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן קַיין חִידוּשִׁים // וֶוען לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן דִי מוֹסָד? // אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ מֶענְטְשׁ גֶעדוֹיעֶרְט אַסַאךְ יָארְן // פַאלְשֶׁע גוּטֶע וֶוערְטֶער // וָואס אִיז מַיין צִיל? // נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ מֵיינְט 'חוּצְפָּה' // וֶוער זָאגְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ מְחוּצָף?! // אִיךְ מֵיין נָאר צוּ מְחַזֵק זַיין

## פֶּרֶק ה' | דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה ...................... קיא

וָואס הָאבְּן דִי יְוָנִים גֶעוָואלְט? // דֶער צִיל פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד - פְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה // דִי מַעֲשֶׂה פוּן חַכְמֵי כֶעלְם // אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט // אַרַיינְפְלֶעכְטְן 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' אִין יֶעדֶע

זאך // אַריינלייגן אין די קינדער אַ זיכערקייט אין זיך // קינדער ווילן נישט דאַוונען // מען וואַרפט נישט אַוועק אַ קינד // אַרויסברענגען יעדן קינד'ס מעלות // מען מוז ליב האָבן די קינדער // בעטן דעם אייבערשטן אויף חן // פון די שווערע קינדער וועט אַרויסקומען שיינע זאכן // אַכטונג געבן ווי אַזוי מען רעדט צו אַ קינד // אַ מלמד און אַ לערערין מוז עסן און זיין אויסגערוהט // דער סוד פון הצלחה // פאַרוואס וויל מיין קינד קומען אין חדר? // רעדן אויף די ריכטיגע וועג // דערציילן אַ מעשה פון דאַוונען // מעשיות פון צדיקים גייען אַריין אין די קינדער // אַ מחנך דאַרף האַלטן פון זיך אַליין // אַ מלמד דאַרף וויסן 'די קינדער גייען מיר פאָלגן' // אָנהייב יאָר לערנט מען אויס דרך ארץ // שמירת הזמנים // אַ ברכה ביי די אייגענע קינדער

פרק ו' | קינדערישע מעשיות.........................קמג

וואס וועט מען געדענקען אין הונדערט יאָר אַרום // מיין רבי רעדט צו מיר פון מיינע זאכן // אויסהערן די קינדערישע מעשיות // פון אויסהערן אַ קינד פאַרדינט מען // זיך אינטערעסירן אין די קינדערישע זאכן // איינער איז אינטערעסירט אין מיר // זיך זאָרגן פאַר אַלע קינדער // טראַכט: עס איז 'מיין' קינד // מאַכטס נישט פון די קינדער קיין קעיסעס // עס מוז זיין זייער אַ שטאַרקע דרך ארץ // ווען מעג מען שלאָגן די קינדער ביים לייגן שלאָפן? // ווי אַזוי קען מען לייגן שלאָפן די קינדער אָן טיילן פעטש? // כסדר רעדן פון דרך ארץ // רעדן פון קדושה פון צייט צו צייט // אַ מלמד מיט אַזאַ האַרץ פאַר אַ קינד // הנאה האָבן פון די אַרבעט // אַריינלייגן אַ ליבשאַפט צום אייבערשטן און צו די תורה // דו דאַרפסט לייז?! // איך האָב 'געזען' דעם זוהר הקדוש! // ווייזן פאַר די קינדער אַ ביישפּיל אויף זיך // שיין, איידל, רייך און באַ'טעמ'ט // רעדן פון האָבן גוטע מדות און כיבוד אב ואם // ווען דו זעסט עפּעס - זאָג עפּעס // וואס וועט בלייבן פון אונז? // דו קענסט תשובה טון

פרק ז' | יסודות אין חינוך................................ קסה

התייסדות 'מוסדות היכל הקודש' // דער חלום איז מקוים געוואָרן... // מיר געבן דאס בעסטע פאַר אונזערע קינדער // יעדער קינד מוז באַקומען אַ גוט וואָרט // נישט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן די קינדער // התבודדות אויף יעדן קינד // הלכות דרך ארץ // עס

הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן // אַ טַאטֶע דַארְף פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ // אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט קַיין 'חַבֵר' פַאר דִי קִינְדֶער // דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים // אַ מַעֲשֶׂה בַּיים שַׁבָּת טִישׁ // דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם // דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז אָנְהֵייבּ טָאג // אַרוּמְפָארְן אַ שָׁעָה אוּמְזִיסְט... // דִי סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד // קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע // דָאס אִיז מַיין הוֹיז, מַיין אָפִיס // זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען // גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צֶעטְלֶעךְ מִיט בִּילְדֶער צוּ קָאלֶערְן // קִינְדֶער הֶערְן אַלֶעס אֲפִילוּ אִינְמִיטְן טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן // וֶוען מֶען רֶעדְט פוֹעֵל'ט מֶען // אַרַיין זִינְגֶען אִין אַ רֶעקָארְדֶער // וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין // דֶער קוּנְץ פוּן אַ מְלַמֵּד // קְלָארֶע פוּנְקְטְלִיכֶע טַייטְשׁ // אַרַיינְלֵייגְן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט // אֵיידְל אִיז רַייךְ, קְלַאסִיג אוּן שֵׁיין // אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן אֵיידְל אוּן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאךְ // דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן // רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה // נִישְׁט קְלֶעבְּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן // אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט // אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן גֶעווַאוּנֶען גוֹרָלוֹת // גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ // אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת // מְחַנְכִים אוּן עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען // אוֹיף וֶועלְכֶע זַאכְן דַארְף מֶען פָארְהַאלְטְן קִינְדֶער? // חִינוּךְ אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּבֶ'ער פוּן אַלֶעס // שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ // אוֹיסְנִיצְן דִי פַארְמִיטָאג שָׁעָה'ן

## פֶּרֶק ח' | דִיסְצִיפְּלִין אָן שְׁרֶעק.........................ריא

אַ זְכִיָּה מְחַזֵק צוּ זַיין דִי מְחַנְכִים // אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ // גֶעשֶׁעדִיגְט דִי מֹחַ פוּן אַ קִינְד // דִיסְצִיפְּלִין אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט // דֶער קִינְד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטָאלְפֶּערְן // פַארְוָואס הָאט דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע 'בֵּית רָחֵל'? // דָאס אִיז אַ שֶׁעפֶּעלֶע וָואס וֵויינְט // עֶס אִיז בְּוַדַאי יָא דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן קִינְד // מַיינֶע דִיבּוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידִים // שְׂכַר אוֹיף בֵּיידֶע וֶועלְטְן // אִיךְ רֶעד צוּם וַואנְט? // וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס דַארְף אֵייבִּיג אַלֶעס טוּן?

## פֶּרֶק ט' | אֲסִיפַּת מְלַמְּדִים................................רכז

חָתָן דוֹמֶה לְמֶלֶךְ // אֲסִיפַּת מְלַמְּדִים בַּיים שֶׁבַע בְּרָכוֹת // "מָצָא" אָדֶער "מוֹצֶא"? // צוּפְרִי אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן // קוֹדֶם תּוֹדָה וְהוֹדָאָה נָאכְדֶעם תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה // דִי וֶועלְט וֶוערְט

אָפְּגֶעהִיטְן בִּזְכוּת דִי מְלַמְדִים // יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אָבֶּער דֶער מוּטְשֶׁע לוֹינְט זִיךְ // אַן אַרְבֶּעט וָואס צָאלְט זִיךְ אוֹיס שְׁפֶּעטֶער // וָואס גֵייט זַיין מִיטְ'ן קִינְד אִין צֶען יָאר אַרוּם? // קִינְדֶער הֶערְן אַלֶעס אוֹיס // צוּם סוֹף גֵייט עֶס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער // כַאפְּן דֶער מִיטְל וֶועג // אֶפְשָׁר הָאט נִישְׁט דֶער קִינְד קַיין טַאטֶע מַאמֶע // שְׁטְרֶענְג אִיז רַחְמָנוּת // שְׁטְרֶענְג נָאר מִיט דִי מוֹיל // תַּלְמִידִים דַארְפְן זַיין בַּאלִיבְּט וִוי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער // מִיט וָואס אִיז מַיין קָאפּ פַארְנוּמֶען? // וָואס נֶעמְט אַ קִינְד מִיט אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן? // וִוי אַזוֹי בּוֹיעֶט מֶען בֵּית הַכִּסֵא'ס אִין עֶפְנְטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער? // מְחַנֵךְ זַיין אָן פֶּעטְשׁ // דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים // אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?! // חִינוּךְ אִיז עֲבוֹדַת בֵּית הַמִקְדָשׁ // רֶעדְן צוּ קִינְדֶער מִיט מַעֲשִׂיוֹת אוּן מְשָׁלִים // יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע ווִיל זֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער // דִי מַעֲלָה אַז דִי קִינְדֶער וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן // אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים // הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן קֶען מֶען נָאר אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה // מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער // אִינֶעם יוֹם הַחֻפָּה הֵייבְּט מֶען אָן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן // וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַן עַיִן הָרָע?

## פֶּרֶק י' | אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ.................................רסה

זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אֱמוּנָה // דֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט נִישְׁט גוּט // מֶען דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט נָאכְמַאכְן // אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן // וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וֶוערְט אוֹיסֶער זִיךְ פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט? // וִוי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין בְּאַחְדוּת? // דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף בֵּיידֶע שְׁאֵלוֹת: רֶעדְן אוּן רֶעדְן // וָואס טוּט מֶען וֶוען מֵיידְלֶעךְ ווִילְן נִישְׁט נֵייעֶן? // אוֹיסְלֶערְנֶען מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט // מֶען טוּט נִישְׁט אִין לֶעבְּן וָואס מֶען ווִיל, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג // זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן אִיז רַחְמָנוּת // וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען הַלָכוֹת מִיט מֵיידְלֶעךְ? // וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ קִינְד פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטֶע קִינְד בָּרַבִּים? // אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן עֶרְוַואקְסְן

## פֶּרֶק י"א | קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען........................רפג

אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת אִיז עֶס גְרִינְגֶער // מֶען פַארְגֶעסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעפִילְן // מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים

זֶענֶען // דִי לַחַץ בַּיי דִי חוּמָשׁ סְעוּדוֹת // סְדוֹם הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט סִיסְטֶעמַאטִישׁ // שְׁטֶעל דֶעם קִינְד אַלְס גַּבַּאי // גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר אַלֶע קִינְדֶער // דֶער אוֹיפְטוּ פוּן אַ גוּט וָוארְט // רֶעדְן צוּ קִינְדֶער נָאר פוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַּאר זֵיי // אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט // בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז שֵׁיין // דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ // מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס // דְרֵיי זַאכְן - אַ שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה // קִינְדֶער ווִילְן אַ רֶבִּי וָואס אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ // דִי כִּתָּה זָאל נִישְׁט וֶוערְן קַארְבָּאן-דִיאַקְסֵייד // הוֹרָאוֹת פַּאר אֲסִיפַת הַהוֹרִים // שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת וָואס מֶען גֵייט רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן // נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט פַּאר עֶלְטֶערְן // אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ גֶעבּ אִיךְ פֶּעטְשׁ // אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן ווִיכְטִיגֶער ווִי אוֹיף לֶערְנֶען // קוֹדֶם זָאל מֶען אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע נְקוּדָה אוֹיפְ'ן קִינְד // דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרָאפְן מַיין גוּטֶע נְקוּדָה // דֶער טַאטֶע מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווַאוּסֶענְדִיג פוּנֶעם מְלַמֵד

## פֶּרֶק י"ב | אוֹיסְרִימֶען יֶעדְן קִינְד..................שה

חִיזוּק פַּאר מְלַמְדִים // מַיין אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִיבּוּד // אַ פְרֵיילִיכֶער אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה // גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַּאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד // אַ גוּט מָארְגְן פַּאר יֶעדְן קִינְד // הוֹרָאוֹת פַּאר אֲסִיפַת הַהוֹרִים // דֶערְצֵיילְן פַּאר דִי עֶלְטֶערְן אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף זֵייעֶר קִינְד // פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד // נִישְׁט אַלְץ ווִילְן עֶלְטֶערְן הֶערְן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף זֵייעֶרע קִינְדֶער // וָואס דַארְף מֶען זִיכֶער זָאגְן פַּאר אַלֶע עֶלְטֶערְן? // אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קִינְדְ'ס מַעֲלוֹת // מַאכְן דִי שְׁוַועְרֶע קִינְדֶער צוּ זַיין גַּבַּאי // אוֹיסְרִימֶען אוֹיךְ דִי גוּטֶע קִינְדֶער

# אַרייַנְפִיר

עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אָבֶער אוֹיךְ פוּן דִי שְׁווֶערְסְטֶע זַאכְן. מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, קִינְדֶער זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי מַתָּנָה קוּמְט אָבֶער אוֹיךְ בַּאגְלֵייט מִיט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעטְרוֹיעט מִיט גָאר טֵייעֶרֶע דִיאַמַאנְטְן, אוּן עֶס אִיז אוּנְזֶער פְלִיכְט אוּן אוֹיפְגַאבֶּע זֵיי אוֹיסְצוּשְׁלֵייפְן, זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זֵיי, אַרייַנְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן, "יֶעדֶע מַאשִׁין וָואס מֶען קוֹיפְט, קוּמְט מִיט אָנְוַוייזוּנְגֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן דֶערְמִיט; קִינְדֶער קוּמֶען אָבֶער אָן קַיין אָנְוַוייזוּנְגֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַ קִינְד פַאר עֶלְטֶערְן, אָן קַיין צֶעטְל מִיט אָנְוַוייזוּנְגֶען ווִי אַזוֹי עֶס צוּ בַּאהַאנְדְלֶען; אוּן דִי פְרַאגֶע בְּלַייבְּט, ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט זֵיי?", דָאס אִיז סֵיי בֵּיי עֶלְטֶערְן מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, אוּן סֵיי מְחַנְכִים אוּן מְחַנְכוֹת מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. יֶעדֶעס קִינְד אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ, יֶעדֶעס קִינְד ווֶערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַנְדֶערֶע סָארְט נַאטוּרְן, יֶעדֶעס קִינְד הָאט אַנְדֶערֶע נֵייגוּנְגֶען, אוּן מִיט יֶעדֶעס קִינְד דַארְף מֶען בַּאזוּנְדֶער זִיךְ אָפְּגֶעבְּן אוֹיף זַיין וֶועג, חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ (מִשְׁלֵי כב, ו); אוּן דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ.

דִי גְרִינְגְסְטֶע אוּן פוֹילְסְטֶע וֶועג זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז דוּרְכְ'ן גֵיין עֶקְסְטְרֶעם צוּ אֵיין זַייט, אָדֶער צוּ לָאזְן דִי קִינְדֶער לוֹיפְן, זֵיי

לָאזְן טוּן וָואס זֵיי ווילְן; אָדֶער גֵיין צוּ דִי פַּארְקֶערְטֶע זַייט, זֵיי צוּ שְׁטֵיין אוֹיפְ'ן קָאפּ אוּן קְרִיטִיקִירְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי טוּעֶן נִישְׁט רִיכְטִיג. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז בֵּיידֶע וֶועגְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט, דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ אִיז צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן מִיטְל וֶועג, מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט אוּן שְׁטַארְקְקֵייט, אָבֶער אוֹיךְ מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג אִין אָנְהֵייבּ, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין, אָבֶער אִיז עֶס דִי בֶּעסְטֶע אִינְוֶועסְטִירוּנְג וָואס אַ טַאטֶע קֶען מַאכְן אִין זַיין לֶעבְּן. אַ טַאטֶע וָואס הָאט גֶעלָאזְט זַיינֶע קִינְדֶער לוֹיפְן אִין דִי יוּגְנְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט שְׁפֶּעטֶער זִיךְ רַייסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ, זֶעעֶנְדִיג וִוי זַיינֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין; עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָבֶער יָא אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מְחַנֵךְ צוּ זַיין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג נָאךְ פוּן קְלֵיינְוֵויז אָן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ מְחַיֶה זַיין שְׁפֶּעטֶער, אוּן שֶׁעפְּן פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג פוּן זֵייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, הַזֹּרְעִים בְּדִמְעָה בְּרִנָּה יִקְצֹרוּ (תְּהִלִּים קכו, ה), מֶען פְלַאנְצְט מִיט גֶעוֵויין אוּן מֶען שְׁנַיידְט דִי גֶעשְׁמַאקֶע פֵּירוֹת מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דִי נְשָׁמָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ מַתָּנָה פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע לִיכְטִיגֶע לֶעבְּן סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן, צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדְן מַצָּב. מוֹהֲרָנַ"ת הָאט גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים אוּן עֶס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דִי הַיינְטִיגֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעשְׁרִיבְּן דִי פִּילֶע טוֹיזְנְטֶער הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, גֶערֶעדְט אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער שִׁיעוּרִים, אוּן דָאס אִיז מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק אוּן

גֶעבְּט הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן פַּאר אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי הוֹיכְּפּוּנְקְטְן אוֹיף וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק פַּארְלֵייגְט, אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם, אִיז גֶעוֶוען אוֹיף חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן עֶלְטֶערְנְ'ס עֶלְטֶערְן, מִיט דִי זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פוּן מוֹהֲרַ"שׁ, מִיט דִי פִילֶע דְרָשׁוֹת אוּן בְּרִיוו אוּנְז צוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן, אוֹיף דִי הַיינְטִיגֶע שְׁפְּרַאךְ, לוֹיט דִי הַיינְטִיגֶע וֶועלְט, דִי זֶעלְבֶּע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זַיין הֵיילִיגְן תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן, וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן וִוי אוֹיךְ דִי הַדְרָכוֹת אוּן עֵצוֹת אִין חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַז דִי טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֶמֶתְ'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אוּם אִסְרוּ חַג פֶּסַח שְׁנַת תש"ע לִפְרָט קָטָן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶפְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין אַמֶעריקֶע, "תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב", מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים, וָואס דָאס הָאט נָאכְגֶעפָאלְגְט מִיט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע "בֵּית פֵיגָא", אוּן שְׁפֶּעטֶער מִיט נָאךְ תַּלְמוּדֵי תּוֹרָה אוּן מֵיידְל שׁוּלֶעס אִיבֶּער דִי וֶועלְט. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶס גֶעעֶפְנְט מִיט אֵיין צִיל, אַז דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִויסְן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס פְּרִיאָרִיטֶעט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף פוּן יוּגְנְט אָן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ, וֶועט זֵיי דָאס בַּאגְלֵייטְן אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן דֶערִיבֶּער גֶעבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַוֶועק גָאר אַסַאךְ צַייט אוּן כֹּחַ מְחַזֵק צוּ זַיין אוּן מַדְרִיךְ זַיין דִי טֵייעֶרֶע מְחַנְכִים אוּן מְחַנְכוֹת, זֵיי זָאלְן

וויסן "אֶת הַדֶּרֶךְ יֵלְכוּ בָהּ וְאֶת הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר יַעֲשׂוּן", ווי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין די קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת אוֹיפְ'ן ריכְטִיגְן וֶועג.

פוּן די פִילֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אוּן שְׁרַייבְּט כְּסֵדֶר אִיבֶּער חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, קֶען יֶעדֶער מְלַמֵד אוּן מְחַנֵךְ אִיבֶּער די גַאנְצֶע וֶועלְט אַרוֹיסְהָאבְּן אַ קְלָארֶע מַהֲלָךְ ווי אַזוֹי זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט די קִינְדֶער אִין אַלֶע מַצָבִים אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן, נֶעמֶען יֶעדֶעס קִינְד אוּן אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט, אַז עֶר זָאל זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶר סָאלְדַאט פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען די מִי אוּן פְלָאג אָפְּצוּשְׁרַייבְּן די הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים, אוּן עֶס אַרוֹיסְגֶעבְּן אִין אַ פָארְמַאט פוּנֶעם וֶועכֶנְטְלִיכְן גִלְיוֹן "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ", אוֹיף אִידִישׁ אוּן אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן עֶס צֶעשְׁפְּרֵייטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט דָאס גֶעהַאט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אָפְּקְלַאנְג, מִיר הָאבְּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען גָאר אַסַאךְ גְרִיסְן פוּן אִיבֶּעְרָאל, אַזוֹיפִיל מְחַנְכִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט זֵיי מַמָשׁ גֶעעֶפְנְט די אוֹיגְן אוּן גֶעוִויזְן דֶעם וֶועג מִיט קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, אוּן שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט מִיט די אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער.

אוּן די זֶעלְבֶּע הָאט מֶען צוּרִיק גֶעהֶערְט פוּן פִילֶע עֶלְטֶערְן, וָואס זֵיי זֶענֶען דָאךְ די מְחַנְכִים פוּן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אַז די שִׁיעוּרִים הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארְקֵייט וָואס חִינוּךְ מֵיינְט, אוּן ווי אַזוֹי זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט די קִינְדֶער אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם.

יֶעצְט נֶעמֶען מִיר צוּזַאם, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, די אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִין לוֹיף פוּנֶעם יָאר תשפ"ג לִפְרָט קָטָן אוּן מִיר גֶעבְּן אַרוֹיס דֶעם עֶרְשְׁטְן בַּאנְד פוּן

דֶעם הֶערְלִיכְן סֵפֶר "וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים", כִּשְׁמוֹ כֵּן הוּא, אַזוֹי וִוי שִׁפְרָה אוּן פּוּעָה הָאבְּן גֶעמַאכְט לֶעבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִצְרַיִם, וֶועט דֶער סֵפֶר אוֹיךְ אוֹיפְלֶעבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, סֵיי דִי עֶלְטֶערְן אוּן סֵיי דִי קִינְדֶער, וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו, "אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז צוּ זַיין אַזוֹי וִוי דִי עֶרְלִיכֶע פְּרוֹיעֶן שִׁפְרָה אוּן פּוּעָה, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט לֶעבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִצְרַיִם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּחוּמִין, הֲלָכָה ו, אוֹת יח) דִי צַדִּיקִים וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "מְיַלְּדוֹת הָעִבְרִיּוֹת", וַוייל זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק צוּ לֶעבֶּעדִיג מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יא:) וָואס אִיז דִי נָאמֶען שִׁפְרָה אוּן פּוּעָה? שִׁפְרָה, "שֶׁמְּשַׁפֶּרֶת הַוָּלָד", זִי מַאכְט שֵׁיין דֶעם קִינְד, פּוּעָה, "שֶׁפּוֹעָה וּמְדַבֶּרֶת וְהוֹגָה לַוָּלָד כְּדֶרֶךְ הַנָּשִׁים הַמְפַיְּסוֹת תִּינוֹק הַבּוֹכֶה", זִי רֶעדְט צוּם קִינְד, אַזוֹי וִוי דִי סֵדֶר פוּן פְּרוֹיעֶן וָואס רֶעדְן שֵׁיין צוּם קִינְד, בַּארוּאִיגְן דָאס קִינְד פוּן וֵויינֶען; זָאגְט רֶבִּי נָתָן, דָאס טוּעֶן דִי צַדִּיקִים, 'שִׁפְרָה' זֵיי מַאכְן שֵׁיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זוּכְן אוֹיף אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זוּכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, זֵיי וַוייזְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ 'קוּק בִּיסְט יָא שֵׁיין, בִּיסְט יָא וֶוערְד, הָאסְט אִין דִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס'. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְן דִי צַדִּיקִים אָנְגֶערוּפְן בְּלָשׁוֹן פּוּעָה, "כִּי כֵן הוּא מַמָּשׁ עִסְקֵי הַצַּדִּיקִים עִם יִשְׂרָאֵל", דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים טוּעֶן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "שֶׁפּוֹעִין וְהוֹגִין וּמְדַבְּרִין עִמָּהֶן וְשׁוֹרְקִין וּמְצַפְצְפִין וּמְרַמְּזִין אֲלֵיהֶם", זֵיי רֶעדְן, זִינְגֶען, פַּייפְן, קְוִויטְשְׁקֶען אוּן וִוינְקֶען, "לְחַזְּקָם", זֵיי צוּ שְׁטַארְקְן, "לְעוֹרְרָם", זֵיי אוֹיפְצוּוֶועקְן, "וּלְהַגְבִּיהָם", זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן, "וְלַהֲרִימָם", זֵיי דֶערְהֵייבְּן, "מִכָּל מִינֵי נְפִילוֹת וִירִידוֹת וְהַשְׁלָכוֹת שֶׁלָּהֶם", פוּן ווּאוּ זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן פַארְוָוארְפְן, "שֶׁיִּזָּרְזוּ בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת לְהִתְעוֹרֵר מֵחָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת ה' בְּכָל מַה שֶׁיּוּכְלוּ לַחֲטֹף", זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְוֶועקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, "וְהוּא מַמָּשׁ כְּדֶרֶךְ שֶׁמְּפַיְּסִין תִּינוֹק הַבּוֹכֶה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת פּוּעָה", מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דִי פְּרוֹיעֶן וָואס בַּארוּאִיגְן אַ קִינְד פוּן וֵויינֶען, "וְהַדְּבָרִים מוּבָנִים לְכָל אֶחָד לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ רַחֲמָנוּת הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת עָלֵינוּ אֲשֶׁר עַל יָדָם ה' יִתְבָּרַךְ

מְחַזֵק וּמְנַחֵם אוֹתָנוּ", דָאס אִיז זֵייעֶר פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַאר דִי וָואס ווייסְן דִי רַחֲמָנוּת פוּן דִי אֱמֶתְ'עֶ צַדִיקִים, וָואס דוּרְךְ זֵיי הֶעלְפְט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן טְרֵייסְט אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "כְּאִישׁ אֲשֶׁר אִמּוֹ תְּנַחֲמֶנּוּ כֵּן אָנֹכִי אֲנַחֶמְכֶם וְכוּ'".

דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זֶענֶען אוּנְז מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק, אוּן מִיר דַארְפְן דָאס אוֹיךְ טוּן פַאר דִי טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, מִיר דַארְפְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיפְלֶעבְן, אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוּן מְחַיֶה זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט ווַייטֶער אִינֶעם בְּרִיוו, "ווִיסְן זָאלְסְטוּ, מֶען קֶען מַאכְן יֶעדְן קִינְד פַאר אַ שְׁלֶעכְט קִינְד אוּן מֶען קֶען מַאכְן יֶעדְן קִינְד פַאר אַ צַדִיק; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מְלַמֵד, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס פַאר אַ נִיגוּן דֶער מְלַמֵד זִינְגְט פַארְן קִינְד. וֶוען דֶער קִינְד הֶערְט טָאג אוּן נַאכְט: "בִּיסְט וואוּיל", "בִּיסְט וֶוערְד", "בִּיסְט טֵייעֶר", "קֶענְסְט יָא", "קֶענְסְט גוּט", "וֶועסְט זַיין אַ צַדִיק" - דֶער נִיגוּן וֶועט אִים מַאכְן פַאר אַ צַדִיק, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען עֶר הֶערְט קוֹל עֲנוֹת חֲלוּשָׁה (שְׁמוֹת לב, יח), מֶען קְלַאפְּט אִים, מֶען זָאגְט אִים: "בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט", "דוּ בִּיסְט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד", "בִּיסְט אַן עֶקְלְדִיג קִינְד" - אִיז דָא אַ קְלֵיינֶע הָאפֶענוּנְג אַז עֶפֶּעס זָאל וֶוערְן פוּן דֶעם קִינְד".

עֶס אִיז כְּדַאי פַאר יֶעדְן וָואס טוּט אִין חִינוּךְ, סַיי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אוּן סַיי טַאטֶעס אוּן מַאמֶעס, זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר, עֶס דוּרְכְלֶערְנֶען אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וַוייל דִי חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה, עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל, וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם סֵפֶר, טְרֶעפְט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ. דֶער סֵפֶר וֶועט גֶעבְן גָאר אַ נֵייעֶם בְּלִיק אוֹיפְ'ן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַ נֵייעֶר בְּלִיק וָואס טוֹישְׁט אָבֶער גָארְנִישְׁט פוּנֶעם אַלְטְן אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶעם וֶועג וָואס מִיר הָאבְן מְקוּבָּל מִדוֹר דוֹר פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּר עֶלְטֶערְן.

צוּם שְׁלוּס ווִילְן מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן אַנְטֵייל גֶענוּמֶען אִין דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם סֵפֶר צוּם דְרוּק, דָאס אִיז אַ גֶעוואַלְדִיגֶע זְכוּת הָרַבִּים, אוּן דִי זְכוּתִים וֶועלְן אַייךְ זִיכֶער בַּאגְלֵייטְן בָּזֶה וּבְבָא.

מִיר דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָּה וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, און מִיר בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה אוֹיף וַוייטֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכִיָּה אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעֻלָּה, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין מְחַנֵךְ צוּ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער לוֹיט דִי וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

**הַמוֹצִיאִים לָאוֹר**
**מַעֲרֶכֶת שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ**

## פֵּרֶק א׳

# דֶער מִיטֶל וֶועג

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ,
שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א



זכות הפרק נתנדב ע״י

מו״ה
**אפרים פעלדמאן**
הי״ו

# דֶער מִיטְל וֶועג

## אָנְהֵייבּ יָאר זֶענֶען דִי קִינְדֶער צֶעשָׁאקְלְט

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אַלֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען הֵייבְּט אָן אַ נֵייעֶ יָאר.

בֶּאֱמֶת הָאט זִיךְ דִי יָאר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן אַ פְּרִישֶׁע יָאר אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער, הֵייבְּט זִיךְ דִי יָאר אָן פוּן פְּרִישׁ.

צוּם עֶרְשְׁט דַארְפְן דִי מְלַמְדִים ווִיסְן אַז אָנְהֵייבּ יָאר זֶענֶען דִי קִינְדֶער גוּט צֶעשָׁאקְלְט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דָאהִי; נָאכְדֶערְצוּ הֵיי יָאר וָואס אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעפַאלְן אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, אִיז כִּמְעַט נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעהֶערִיג קַיין חֵדֶר פַּאר יוֹם טוֹב אוּן נָאךְ יוֹם טוֹב, קוּמְט אוֹיס אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין זֶעקְס וָואכְן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר הַיּוֹם, וּבִפְרַט בַּיי אוּנְז וָואס מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט דָאס פָּארְן אוּן קוּמֶען גֶענוּמֶען נָאנְט צוּ צְוֵויי וָואכְן, זֶענֶען דִי קִינְדֶער נָאכְמֶער אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן נִישְׁט רוּאִיג.

## דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זַאךְ וָואס אִיז מֶער הֵיילִיג ווִי זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין; דָאס אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט!

אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסָד זֶענֶען זִיךְ 'מִתְנַדֵּב' צוּ קוּמֶען טוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

פַּארְוָואס רוּף אִיךְ עֶס אָן אַ 'הִתְנַדְּבוּת'? ווייל אִיךְ גְלֵייבּ אַז אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד, וָואלְטְן גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֵיין אַרְבֶּעטְן אִין דִי בִּיזְנֶעס וֶועלְט, אַלֶע וָואלְטְן גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען אוּן פַּארְדִינְט זֵייעֶר זֵייעֶר שֵׁיין, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ נֶעם נִישְׁט אָן צוּ אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד קַיין 'לֹא לָנוּ'ס מִיט קַיין 'לֹא יוּצְלָחְ'ס'; אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז אַיינְגֶעפִּירְט אַז דֶער וָואס טוֹיגְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, נֶעמְט מֶען אוֹיף אַלְס אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶענֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

אֲפִילוּ מֶען צָאלְט עֶנְק גֶעהַאלְט, אִיז דָאס פָּשׁוּט כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן ווִי מֶען פַּארְדִינְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אַז מֶען רֶעכְנְט אוֹיס וִויפִיל דָאס לֶעבְּן קָאסְט, שְׁטִימְט נִישְׁט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת, מֶען פַּארְדִינְט נִישְׁט גֶענוּג אוֹיף צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹדֶשׁ'לִיכֶע גֶעבְּרוֹיכְן, דֶער לֶענְדְלָארְד, גְרָאסֶערִי, וַואסֶער, אוֹיל אוּן לֶעקְטֶער[א].

## וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי מוֹסָד

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס הֵייבְּט זִיךְ יֶעצְט אָן דִי יָאר, עֶס קוּמְט שֵׁיינֶע לַאנְגֶע וָואכְן וָואס מֶען גֵייט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ תּוֹרָה, אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם, אַסַאךְ אֱמוּנָה אוּן אַסַאךְ גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף מֶען אִיבֶּער חַזֶר'ן וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע, וָואס אִיז אוּנְזֶער צִיל מִיטְ'ן זַיין אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי מוֹסָד.

מִיר ווִילְן אֵיין זַאךְ: אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה! דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער צִיל הָאבְּן מִיר.

כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְהֶערְן, מוּז זַיין דִיסְצִיפְּלִין, עֶס מוּז זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', דִי קִינְדֶער דַארְפְן זִיצְן שְׁטִיל וֶוען דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין רֶעדְט, אָבֶּער 'דִיסְצִיפְּלִין' אִיז נִישְׁט דֶער צִיל, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית, דָאס

א. בֶּאֱמֶת אִיז טַאקֶע נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, ווייל לוֹיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן שְׁטִימְט עֶס נִישְׁט... נָאר מֶען בַּאצָאלְט וָואס מֶען דַארְף בַּאצָאלְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן גֶענוּג פוּן אַלֶעם.

איז נָאר גֶעמַאכְט כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ וָואס מֶען וִויל, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה!

יֶעצְט אִין דִי וָואכְן פוּן 'סֵפֶר בְּרֵאשִׁית' קֶען מֶען בְּלוֹיז מִיטְ'ן דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַּרְשָׁה, אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי הוֹיפֶּעְנֶעס יִרְאַת שָׁמַיִם.

פַּרְשַׁת נֹחַ דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט און מֶען דַארְף הִיטְן דִי תּוֹרָה, מֶען דַארְף טוּן דִי מִצְוֹת, און אוֹיב מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אַ מַבּוּל.

פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער וִוי נַארִישׁ עֶס אִיז אַז מֶען וֶוענְדְט זִיךְ צוּ גֶעטְשְׁקֶעס; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, און יֶעדֶער וָואס דַארְף עֶפֶּעס זָאל זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער!

דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן דִי מוֹסָד; דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶר מַאכְט אַלֶעס און פִירְט אַלֶעס. מֶען לֶערְנְט טַאקֶע מִיט דִי קִינְדֶער אַלֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים; מֶען לֶערְנְט עִבְרִי, חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, און אִין שׁוּלֶע לֶערְנְט מֶען שְׁרַייבְּן און רֶעכֶענֶען, דָאס אַלֶעס אִיז זֵייעֶר פֵּיין און וואוּיל, אָבֶער דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אִיז, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, און עֶס אִיז זַיין וֶועלְט, עֶר טוּט אַלֶעס און מַאכְט אַלֶעס, און נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, און אוֹיב מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן סַיי וָואס, זָאל מֶען דָאס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; און מֶען דַארְף הָאבְן אֱמוּנָה, מֶען זָאל וִויסְן און גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה.

## דֶערְצֵיילְן
## מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז אַלֶע מְלַמְּדִים און אַלֶע לֶערֶערִינְס זָאלְן בַּאשְׁטִימֶען פִינְף צֶען מִינוּט אַ טָאג וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעמָאלְט 'מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה'.

קוֹדֶם זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זִיךְ, נָאכְדֶעם קֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער מִיטְטֵיילְן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂיּוֹת וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶעהָאלְפְּן.

יֶעדֶע מָאל וֶוען דֶער מְלַמֵּד קוּמְט אַרֵיין אִין כִּתָּה קֶען עֶר אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג: "קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה!" אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט לֶעצְטְנְס פַּאסִירְט מִיט זִיךְ.

מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס מִיט אַלֶע פְּרָטִים פוּן אַרוּם דִי מַעֲשֶׂה, וואו מֶען אִיז דֶעמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען, וָואס מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן טוּן, אוּן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: דִי בֶּעבִּי הָאט גֶעוֵויינְט, אָדֶער אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס פַארְלוֹירְן, אָדֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט, - "וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

עֶס אִיז גוּט אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן דִי פִּינְקְטְלִיכֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ.

מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעזָאגְט: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר מִיט דִי בֶּעבִּי', 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיינֶע שִׁיךְ', 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ פִּיל זִיךְ נִישְׁט גוּט, אִיךְ הִיס, מַיין אוֹיעֶר טוּט מִיר וֵויי', אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעווִיזְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער פִּינְקְטְלִיכֶער פְּלַאץ וואו עֶס טוּט מִיר וֵויי, 'דָא טוּט מִיר וֵויי'[ב], אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ

ב. מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פוּן דֶעם עִנְיָן, צוּ ווייזְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וואו עֶס טוּט וֵויי:

**אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער צֵיין טוּט מִיר וֵויי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ זָאלְסְטוּ אַרֵיינְלֵייגְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער פוּן דֶער אִיד וָואס הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר זַיינֶע

גֶעהָאלְפְן, דִי בֶּעבִּי הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן מַיינֶע שִׁיךְ, אוּן עֶס אִיז מִיר גֶעוָוארְן בֶּעסֶער, עֶס טוּט מִיר מֶער נִישְׁט וֵויי".

---

צֵיינֶער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהֶערְט ווִי עֶר בֶּעט אוּן וַוייזְט דֶערְבַּיי פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי צָאן וָואס טוּט אִים וֵויי.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ רֶעדְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה אוּן אוּנְז זָאגְן: "אַזוֹי דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מַאךְ אַ בִּילְד ווִי אַ אִיד וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער אוֹיף דִי צֵיין, עֶר הַאלְט דִי קָאפּ אוֹיף אַרוֹיף מִיט וֵויטָאג, אוּן נֶעבְן אִים שְׁטֵייט מוֹהֲרָא"שׁ מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹיעֶר אוּן בֵּייגְט זִיךְ צוּ.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער:

**"מַיין צֵיין טוּט זֵייעֶר וֵויי; אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, מַיין צֵיין טוּט מִיר וֵויי, דָא, דֶער צֵיין..."**

**מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעבְן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ אִיד, אַ סְפַרְדִי'שֶׁער אִיד, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט. מוֹהֲרָא"שׁ הֶערְט ווִי עֶר זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַיין צֵיין טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ יִסוּרִים בַּיי דִי צֵיינֶער"; עֶר זָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא, דֶער צֵיין", מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אַ קוּק, עֶר זֶעט ווִי דֶער אִיד וַוייזְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְכֶע צֵיין עֶס טוּט אִים וֵויי, אַזוֹי ווִי מֶען וַוייזְט פַארְן צֵיין דָאקְטֶער וֶועלְכֶע צֵיין עֶס טוּט וֵויי.**

**מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: "מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעפָאלְן צוּ זֶען ווִי אַזוֹי דֶער אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְן אִים אוּן עֶר קֶען וַוייזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ עֶס טוּט אִים וֵויי, וָואס טוּט אִים וֵויי.**

**מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אָפְּשְׁטַאמִיגֶע אִידְן הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת; אַזוֹי דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְן מִיר אוּן אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.**

**טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ אִיד וָואס לֶעבְּט בִּתְמִימוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן, אוּן אָן תַּעֲרוּמוֹת נָאר בִּתְמִימוּת נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפָארְן, רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ תָּמִים, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט לִיבּ אַ אִיד וָואס לֶעבְּט בִּתְמִימוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן..."**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא שְׁנַת תשפ"ב)

אַז מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס פִּינְקְטְלִיךְ מִיט אַלֶע פְּרָטִים, וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן[ג].

דָאס זָאלְט עֶטְץ חַזֶר'ן מִיט דִי קִינְדֶער: **"יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"**

## רֶעדְן יֶעדְן טָאג פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם

מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם'.

מֶען קֶען דָאס נִישְׁט לָאזְן אוֹיף אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ, אָדֶער אוֹיף אֵיין מָאל אִין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.

מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ טַאטֶע מַאמֶע! מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר טַאטֶע מַאמֶע "נֵיין!" מֶען טָאר נִישְׁט שָׁאקְלֶען מִיט דִי אַקְסְלֶען אוּן זָאגְן פַאר**

---

ג. אַפָּאר טֶעג פַארְן גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר אַלֶע מְלַמְדִים פוּן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וֶועגְן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אַרָאפּ:

**ווי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת אִין חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי מְלַמְדִים פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן נַארִישֶׁע אוֹיפְגֶעטְרַאכְטֶע מַעֲשִׂיוֹת, אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דְרַאמַאטִישׁ מִיט פַארְמַאכְטֶע לֶעקְטֶער וְכוּ' וְכוּ'; עֶס קֶען דֶערְשְׁרֶעקְן דִי קִינְדֶער וְכוּ'. עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, עֶנְדֶערְשׁ לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, לֵייגְט אַרַיין אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער מוּסָר, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רַב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ

**טאַטע מאַמע: ״איך וויל נישט!״ אַ טאַטע מאַמע טאָרן זיך נישט אַראָפּבייגן! אויב דו קומסט אַהיים און דו זעסט ווי עפּעס האָט זיך אויסגעגאָסן אָדער אַראָפּ געפאַלן, בייג זיך אַראָפּ, וויש עס אויף און הייב עס אויף, לאָז נישט דיין מאַמע זיך אַראָפּבייגן!**

ביי קליינע קינדער דאַרף מען דאָס נאָך שטערקער אַריינלייגן.

עס זענען דאָ מלמדים וואָס שיקן אַהיים אויף שבת אַ דיקע העפט פון כללים, שרשים, מזלות און כוכבים, - דאָס זענען שיינע זאכן, אָבער מען טאָר נישט פאַרגעסן פון ׳פּשטות יהדות׳, אַריינלייגן אין די קינדער צו זיין פּשוט׳ע ערליכע אידן.

## רעדן פון נישט טשעפּען אַנדערע

יעדע זאַך וואָס מען זעט אין כּתּה וואָס טויג נישט, איז אַ סימן אַז מען דאַרף פון דעם רעדן און אויסלערנען.

---

מוסר ספרים לערנסטו מיט זיי?״ זאָגט ער: ״חובות הלבבות״, זאָגט אים דער הייליגער צאנזער רב: ״נישט דאָס מיין איך צו פרעגן, איך פרעג צי דו דערציילסט זיי מעשיות פון הייליגן רבי ר׳ אלימלך זכותו יגן עלינו און פון זיין ברודער דער הייליגער רבי ר׳ זושא זכותו יגן עלינו״; מעשיות פון צדיקים פלאַמט אויף די נשמה, מעשיות פון צדיקים עפנט די האַרץ מען זאָל אויך אָנהויבן בענקען און וועלן זיין אַ צדיק.

אויך וויל איך בעטן די באָס דריייווערס און די באָס מלמדים, מען זאָל אָנצינדן נאָר טעיפּס פון בעלי מספּרים מיט יראת שמים און ניגונים פון בעלי מנגנים מיט יראת שמים; איך וואָרן אויב איך וועל הערן אַז מען צינדט אָן מעשיות אָדער ניגונים פון לצים, דאָס איז ביי מיר די וויכטיגסטע זאַך, מען זאָל געבן צו הערן פאַר די קינדער נאָר פון ערליכע מענטשן וואָס דערציילן מיט יראת שמים. ווייל נישט יעדע זאַך וואָס איז אַדווערטייזט אין די צייטונגען און אויסגאַבעס - מיינט יראת שמים, נישט יעדע קינדער טעיפּ וואָס מען געבט אַרויס מיינט אַז דאָס מעג מען הערן, און נישט יעדער זינגער וואָס גייט מיט אַ שיינע שטריימל מיינט אַז ער האָט יראת שמים.

דער אייבערשטער זאָל העלפן איר זאָלט מצליח זיין מיט די תלמידים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פּרשת וירא שנת תשפ״ג)

אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט אַ חַבֶר, עֶר טוּט וֵויי אַ חַבֶר, אִיז דָא צְוַויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיפְמֶערְקְן דֶעם קִינְד, אָדֶער זָאגְט מֶען אִים בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה: "**מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן!**" אָדֶער לֵייגְט מֶען עֶס אַרַיין אִינְמִיטְן אַ שִׁיעוּר, בִּשְׁעַת מֶען רֶעדְט בִּכְלָלִיוּת צוּ דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זָאגְט מֶען: "**מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער**".

אַז אַ קִינְד קוּמְט אוֹיסְזָאגְן: "אֵיינֶער הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט מַיין רִיסֶעס", דַארְף דָאס דֶערְמַאנֶען דֶעם מְלַמֵּד אַז מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל מַאכְן אַ שְׁמוּעֶס פוּן דֶעם, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם אֵיין מָאל, צְוַויי מָאל, דְרַיי מָאל, מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם.

צוּ מַיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ רֶעד אִיךְ כְּסֵדֶר פוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע. אִיךְ הָאבּ אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיךְ יֶעדְן טָאג; בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדְן טָאג זַייט אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה שְׁרַייט מֶען מִיךְ נָאךְ, אַמָאל אִיז עֶס בַּיים אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, אַמָאל אִיז עֶס אִינְטֶערְוֶועגְנְס, אַמָאל אִיז עֶס בַּיים אַהֵיים קוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה, אוּן אַמָאל אִיז עֶס שְׁפֶּעטֶער אוֹיף דֶער נַאכְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ טְשֶׁעפֶּעט מֶען מַיינֶע קִינְדֶער.

דִי וָואךְ שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אִין שׁוּל, אוּן אַ מַחֲנֶה קִינְדֶער הָאבְּן נָאכְגֶעשְׁרִיגְן מַיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז אֲפִילוּ נַארִישׁ נָאכְצוּזָאגְן וָואס דִי טְשֶׁעפֶּערַייעֶן זֶענֶען גֶעוֶוען, אַ שֵׂכֶל'דִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט עֶס טְרַאכְט 'וָואס הָאבְּן זֵיי דֶען גֶעזָאגְט?' "דַיין טַאטֶע אִיז..." אָדֶער "נֶעבֶּעךְ בְּרֶסְלֶב".

הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: "**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט עֶנְק. עֶטְץ וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ? - וַוייל אַזוֹי וֵוייסְט עֶטְץ וָואס מֵיינְט טְשֶׁעפֶּען**", אִיךְ פְרֶעג זֵיי: "עֶס טוּט וֵויי וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט?" זָאגְן זֵיי: "יָא!" פְרֶעג אִיךְ זֵיי: "עֶטְץ גֵייטְס דָאס אַמָאל טוּן פַאר אַנְדֶערֶע?" זָאגְן זֵיי: "נֵיין! קֵיינְמָאל נִישְׁט, וַוייל עֶס טוּט וֵויי!" אִיךְ פְרֶעג זֵיי: "אוֹיבּ עֶטְץ גֵייטְס אַמָאל טְרֶעפְן אַ אִינְגְל פוּן אַן אַנְדֶערֶע חֶדֶר, גֵייט עֶטְץ אוֹיךְ זָאגְן 'נֶעבֶּעךְ יֶענֶע חֲסִידוּת'?" זָאגְן זֵיי: "נֵיין! וַוייל מִיר וֵוייסְן אַז עֶס טוּט וֵויי!"

אִיךְ זָאג פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: עֶס קֶען זַיין אַז יֶענֶע קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט וָואס מֵיינְט וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט, קֵיינֶער הָאט זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אַז מֶען

ווערט אַמאָל גֶעטְשֶׁעפֶּעט, מֶען זָאל שְׁפִּירְן וָואס מֶען שְׁפִּירט ווען מֶען ווערט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אַזוֹי וועט עֶטְץ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

## וֶוער אִיז בַּיי אוּנְז אַן אַרוֹיסְגֶעקוּקְט קִינְד?

דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי מְלַמְדִים אִיז אַרַיין צוּ לֶייגְן אִין דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וָואס הֵייסְט אַ גוּט קִינְד, מֶען ווערט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיב מֶען קוּמְט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ נַייעֶ הֶעמְד; אַן אַרוֹיסְגֶעקוּקְט קִינְד אִיז דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע, וֶוער עֶס הָאט אַ הַארְץ פַאר אַנְדֶערֶע.

מֶען דַארְף חוֹזֵק מַאכְן פוּן דִי הַיינְטִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט ווֶעגְן אַבִּיסְל כָּבוֹד. פְרֶעגְטְס דִי קִינְדֶער: "**וֶוער אִיז אַ גוּט קִינְד? וֶוער עֶס קוּמְט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ נַייעֶ הֶעמְד? - נֵיין! אַ גוּט קִינְד אִיז דֶער וָואס שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ צְוֵוייטְן! אַ גוּט קִינְד אִיז דֶער וָואס פַארְגִינְט אַ צְוֵוייטְן! אַ גוּט קִינְד אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט אַוֶועק פוּן זַיין רִיסֶעס פַאר אַ צְוֵוייטְן! אַ גוּט קִינְד אִיז דֶער וָואס אוֹיב עֶר זֶעט אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין פֶּענְסִיל (בְּלֵיי), זָאגְט עֶר אִים: 'אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַ בְּלֵיי', אַ גוּט קִינְד אִיז דֶער וָואס אוֹיב עֶר זֶעט אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ צוּ זִיצְן, זָאגְט עֶר אִים: 'אִיךְ וֶועל דִיר מַאכְן פְּלַאץ, קוּם אוֹיף מַיין טִישׁ, קוּם אוֹיף מַיין בֶּענְקְל', דָאס הֵייסְט אַ גוּט קִינְד!**"

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דָא אַ גוּטֶע חִינוּךְ, מִיר הָאבְּן יֶעצְט סַיי חֲתָנִים אוּן סַיי כַּלּוֹת וָואס ווילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה, זֵיי ווילְן אַ פָּשׁוּטְ'עֶ לֶעבְּן, ווייל דָאס לֵייגְט מֶען אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט אַז מֶען ווערְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט ווען מֶען רֵייסְט זִיךְ אוֹיף בִּשְׁעַת אַ שִׂמְחָה, זֵיי בֶּעטְן זִיךְ בַּיי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן: "פַארְוָואס זָאל מֶען אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נִישְׁטִיגֶע זַאכְן?"[ד]

---

ד. גֶעוֶוענְלִיךְ רֶעדְן זִיךְ עֶלְטֶערְן אָפּ אַז זֵיי ווילְן חֲתוּנָה מַאכְן פָּשׁוּט אוּן בִּילִיג, נָאר דִי קִינְדֶער פַארְפִירְן אַז זֵיי דַארְפְן טֵייעֶר, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָא

# מֶען דַארְף נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג

וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס וָואס טוֹיג נִישְׁט בַּיי אַ קִינְד, דַארְף מֶען נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג. פוּן אֵיין זַייט גֵיי אִיךְ אִים מְחַנֵךְ זַיין אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז אַ קִינְד, אוּן אִיךְ גֵיי אִים נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען פַאר דֶעם.

דֶער מִיטְל וֶועג אִיז אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, וֶוער עֶס קֶען עֶס גוּט בַּאלַאנְסִירְן אִינְדֶערְמִיט, אִיז אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ.

עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן: "לָאז אָפּ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאר אַ קִינְד", נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן: "אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט אָדֶער גֶעעֶפֶּנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס לֶעדְל, דַארְף מֶען אִים הַרְגְ'עֶנֶען!" בֵּיידֶע וֶועגְן זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט, עֶר אִיז טַאקֶע אַ קִינְד אָבֶּער מֶען דַארְף אִים מְחַנֵךְ זַיין, אוּן מֶען דַארְף אִים טַאקֶע מְחַנֵךְ זַיין אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז אַ קִינְד, מֶען קֶען אִים נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען.

אִיךְ גֵיי אִים נִישְׁט זָאגְן: "דוּ בִּיסְט אַ קִינְד אוּן דוּ מֶעגְסְט אַלֶעס טוּן", אָבֶּער אִין מַיין קָאפּ וֵייס אִיךְ 'עֶר אִיז אַ קִינְד אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיךְ גֶעטוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַמָאל גֶעעֶפֶּנְט מַיין רֶבִּינְ'ס לֶעדְל...' אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעעֶפֶּנְט דַיין רֶבִּינְ'ס לֶעדְל אַלְס קִינְד, קֶען זַיין אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ נֶעבֶּעךְ... אִיךְ מֵיין אַז דִי גֶעלוּנְגֶענֶע קִינְדֶער פְּלֶעגְן עֶפֶּענֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס לֶעדְל, דִי גֶעלוּנְגֶענֶע קִינְדֶער פְּלֶעגְן וִויסְן ווּאוּ דִי קֶענְדִי'ס לִיגְן אוּן מֶען הָאט גֶענוּמֶען...

---

אִיז עֶס פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מִיר הָאבְּן יֶעצְט פִיר חַתַנִים אִין יְשִׁיבָה אוּן אַפָּאר כַּלוֹת אִין שׁוּלֶע, אוּן גֶעוִויסֶע עֶלְטֶערְן פַארְפִירְן אַז זֵיי ווִילְן דַוְקָא חֲתוּנָה מַאכְן טֵייעֶר, אֵיי, הַיינְט צוּ טָאגְס קָאסְט דִי חֲתוּנָה נַאכְט צְוִוישְׁן צְוָואנְצִיג אוּן דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, דוּ קֶענְסְט דָאךְ נֶעמֶען דָאס גֶעלְט אוּן גֶעבְּן פַאר דִי פָּאר-פָּאלְק זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ דַאוּנְפֶּעימֶענְט (עֶרְשְׁטֶע גֶעלְט) פַאר אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז?!

אַז אַ קִינְד נֶעמְט עֶפֶּעס פוּנֶעם רֶבִּינ'ס לֶעדְל אִיז עֶר נִישְׁט קַיין 'גַּנָב', עֶר אִיז נִישְׁט קַיין 'רוֹיבֶּער', עַל פִּי תּוֹרָה טוּט מֶען נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן אַ אִינְגֶל בִּיז דִי דְרַייצְן יָאר און אַ מֵיידְל בִּיז דִי צְוֶועלְף יָאר, זֵיי זֶענֶען פָּטוּר פוּן צוּ בַּאצָאלְן.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט גֵיי אִיךְ זֵיי מְחַנֵךְ זַיין, און אִיךְ גֵיי רֶעדְן פוּן דֶעם, אִיךְ גֵיי זֵיי דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גִלְגוּל, אַז אַ נְשָׁמָה אִיז בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אַז עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעדַארְפְט אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט וַוייל עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט. וֶוען אַ קִינְד הֶערְט דָאס, מַאכְט עֶר אָפּ: 'אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען!'

# אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער דִי וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה

צוּמָאל קֶען גֶעשֶׁען אַז אַ קִינְד הֵייבְּט זִיךְ אָן פַּיינִיגְן מִיט מַחֲשָׁבוֹת: 'אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין סֵיי ווִי גֶע'גַנְבְ'עֶט, אִיךְ וֶועל סֵיי ווִי דַארְפְן מְגֻלְגָל וֶוערְן', דַארְף מֶען אוֹיך זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען בַּאצָאלְן, און אוֹיבּ מֶען ווֵייסְט נִישְׁט פוּן וֶועם מֶען הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט, זָאל מֶען גֶעבְן צְדָקָה פַאר זַאכְן וָואס מֶען טוּט מִיט דֶעם 'צָרְכֵי רַבִּים', מִיט דֶעם בַּאצָאלְט מֶען דֶעם חוֹב[ה].

---

**ה.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיווּ וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן:

**אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, וָואס טוּ אִיךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן אִיבֶּער אַ נוֹשֵׂא וָואס פַּיינִיגְט מִיךְ שׁוֹין פַאר אַסַאךְ יָארְן. דִי נוֹשֵׂא אִיז אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט ווַייל אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט, נָאר ווַייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם עֶפֶּעס שָׁאדְן גֶעמַאכְט.

דִי זַאךְ אִיז אַז עֶס זֶעט אוֹיס פוּנְדְרוֹיסְן ווִי אַזַא נַארִישֶׁע זַאךְ, אָבֶּער מִיר פַּיינִיגְט עֶס אַזוֹי שְׁטַארְק. מַיין עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ שֶׁעם זִיךְ

# עֶר אִיז פָּארְט
# נָאךְ אַ קִינְד——!

יֶעצְט אִיז דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵךְ זַיין, אַז מֶען הֶערְט אַ קְלֵיין קִינְד זָאגְט אַ מִיאוּסְ'עֶ וָוארְט, וָואס מֵיינְט אַ מִיאוּסְ'עֶ וָוארְט? יֶעדֶע נִישְׁט שֵׁיינֶע וָוארְט וָואס קִינְדֶער זָאגְן - אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן זָאגְן אַז עֶר אִיז נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, מֶען מוּז אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן!

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז אַ גֶעפֶּערְלִיךְ קִינְד אוּן מֶען דַארְף אִים אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן חֵדֶר... - עֶר אִיז פָּארְט נָאךְ אַ קִינְד! אוּן פַאר אַ קִינְד דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס נִישְׁט צוּ טוּן.

---

זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ פְרֶעגְן אַ דַיָין אוֹיבּ אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן, אָדֶער פְרֶעגְן יֶענֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר אִיז מִיךְ מוֹחֵל.

אִיךְ פִּיל אַז אִיךְ לֶעבּ פַאר גָארְנִישְׁט, וַוייל אִיךְ גֵיי סֵיי וִוי דַארְפְן מְגֻלְגָל וֶוערְן, יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ טְרַאכְט דֶערְפוּן וֶוער אִיךְ אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט. אִיךְ פִּיל אַז אִיךְ דַארְף אַ דַיָין זָאל זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן מִיט מִיר אוּן מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַלֶע מַיינֶע בּוֹיךְ וֵוייטָאג, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט וִויפִּיל עֶס גֵייט הֶעלְפְן וַוייל אִיךְ גֵיי זִיךְ הַאלְטְן אִין אֵיין דֶערְמַאנֶען אַלְטֶע זַאכְן אִיךְ פִּיל אַז עֶס אִיז אֵין לַדָבָר סוֹף.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיךְ הֶעלְפְן וַוייל אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַז דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט צַעַר אוּן וֵוייטָאג; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן וֶוען עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אַ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי זַאךְ?

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה כט.): "גָּזַל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ לְמִי גָּזַל, יַעֲשֶׂה מֵהֶן צָרְכֵי רַבִּים", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן וֵוייסְט

אוֹיבּ מֶען אִיז מְחַנֵךְ אוֹיף דֶעם וֶועג, אַז 'קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער', אָבֶּער 'אִיךְ דַארְף זֵיי מְחַנֵךְ זַיין', קֶען מֶען מוֹרָא'דִיג מַצְלִיחַ זַיין.

אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ, מֶען זָאגְט: "נֶע, עֶס אִיז דָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט! לָאז אָפּ!" - וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף עַזוּת פֶּנִימְ'עֶר רַחֲמָנָא לִצְלָן.

## אַ אִינְגְל הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד, אַ בַּעַל הַבַּיִת פוּן אַ שְׁפִּילְצֵייג גֶעשֶׁעפְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג רוּפְט מִיר אָן, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אֵיינֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט אַיינְקוֹיפְן סְחוֹרָה פַאר אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער, עֶר הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט בִּיכֶער, שְׁפִּילְצֵייג אוּן אַ הַאֶווערְבָּאוּרְד וְכוּ' וְכוּ', עֶר הָאט עֶס בַּאצָאלְט מִיט אַ קְרֶעדִיט קַארְד, אוּן יֶעצְט וֶוערְט מֶען גֶעוואוֹיר אַז דִי קְרֶעדִיט קַארְד אִיז גֶעוֶוען גֶע'גַנְבְ'עֶט, מֶען אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי אוֹיגֶעלֶעךְ וָואס כַאפְּט אַלֶעס אָפּ אוּן מֶען אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל וָואס לֶערְנְט אִין 'בְּרֶסְלֶב'.

---

נִישְׁט פוּן וֶועם עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט - זָאל עֶר טוּן צָרְכֵי רַבִּים; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה, אוֹת לו): עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ גְרֶעסֶערֶע צָרְכֵי רַבִּים ווִי דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' וּמְחַזֵּק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן עֶס בְּרֶענְגְט צוּרִיק צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַּיינִיגְן; דְרוּק דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת, דָאס אִיז רִיכְטִיגֶע צָרְכֵי רַבִּים אוּן וֶוען עֶס קוּמֶען צוּרִיק דִי מַחְשָׁבוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ זָאגְן: 'אִיךְ פָאלְג רֶבִּי נָתָן, אִיךְ פָאלְג מוֹהֲרָא"שׁ, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט'; אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט דָאס דִיר הֶעלְפְן, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דַיין תִּיקוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (בּאר"י אֱמוֹר) שְׁנַת תשפ"ב)

אִיךְ הָאבּ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דִי זַאךְ פַּארְן מְנַהֵל, און אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'וָואס וֶועט דֶער מְנַהֵל דָא טוּן? אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אִים אוֹיפְפַּאטְשְׁן, אָדֶער אַהֵיים שִׁיקְן, אָדֶער אַרוּם טְרָאגְן אִין אַלֶע כִּיתּוֹת מִיט אַ צֶעטְל אוֹיפ'ן הֶעמְד אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן: "מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ גַנָבִ!"...' - אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער מְנַהֵל וֵוייסְט אַז אַ קִינְד אִיז נִישְׁט קַיין גַנָב, מֶען קֶען נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען אַ קִינְד, נָאר מֶען דַארְף אִים מְחַנֵךְ זַיין.

וָואס הָאט דֶער מְנַהֵל גֶעטוּן? עֶר הָאט אַריין גֶערוּפְן דֶעם קִינְד אִין אָפִּיס און גֶעפְרֶעגְט דֶעם קִינְד: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן מִיט דֶעם קְרֶעדִיט קַארְד וָואס דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן?" הֵייבְּט דֶער אִינְגְל אָן צוּ דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קְרֶעדִיט קַארְד און אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ וִויל נָאר קוֹיפְן אֵיין זַאךְ', אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם שְׁפִּילְצֵייג גֶעשֶׁעפְט און אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט נָאר אֵיין זַאךְ, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אַרְבֶּעט, מֶען קֶען אַיינְקוֹיפְן מִיט דֶעם און קֵיינֶער טוּט מִיר גָארְנִישְׁט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר מֶעג מֶען עֶס נִיצְן, אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ גוֹי'ס, און אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעקוֹיפְט נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן".

הָאט דֶער מְנַהֵל אִים גֶעזָאגְט: "בְּרֶענְג אַלֶעס צוּרִיק", אִיז דֶער אִינְגְל גֶעגַאנְגֶען און אַלֶעס צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אַ פָּאר שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט, פְּרֶעגְט אִים דֶער מְנַהֵל: "פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעקוֹיפְט שִׁיךְ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שִׁיךְ?" זָאגְט עֶר: "נֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שִׁיךְ, מַיין מַאמֶע קוֹיפְט מִיר נִישְׁט קַיין שִׁיךְ, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן שִׁיךְ", זָאגְט אִים דֶער מְנַהֵל: **"מֶען וֶועט דִיר צַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט דוּ זָאלְסְט קֶענֶען קוֹיפְן שֵׁיינֶע נֵייעַ שִׁיךְ, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען!"** און עֶר פְּרֶעגְט דֶעם קִינְד: "דוּ זָאגְסְט צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען?!" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִינְגְל: "יָא, אִיךְ זָאג צוּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען!" הָאט דֶער מְנַהֵל צוּרִיק גֶעשִׁיקְט דֶעם קִינְד צוּ זַיין כִּתָּה.

אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט קִינְדֶער, מֶען הֵייסְט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט מִיטְ'ן קְרֶעדִיט קַארְד, מֶען גֶעבְּט עֶס צוּרִיק פַארְן בַּעַל הַבַּיִת, און עֶר זָאל צוּזָאגְן אַז עֶר גֵייט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן.

וָואס דֶען זָאל מֶען טוּן מִיט דֶעם קִינְד? מֶען זָאל אִים הַרְגְ'עֶנֶען?! - עֶר אִיז דָאךְ אַ קִינְד!'

## אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג

אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג צוּ דִי קִינְדֶער'.

---

ו. אַגַב, דָא רֶעדְט מֶען פוּן קִינְדֶער וָואס מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ אוּן זֵיי פָּאלְגְן, אָבֶּער בַּיי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, גֵייט מֶען זִיךְ אוּם אַנְדֶערְשׁ.

אִינְמִיטְן זוּמֶער הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ בָּחוּר, מֶען הָאט מִיר גֶערוּפְן דֶערְצֵיילְן אַז אַ בָּחוּר קוֹיפְט אַיין מִיט אֵיינֶעמְ'ס קְרֶעדִיט קַארְד, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אִים אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל, פִּיר מָאל, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶר נֶעמְט נִישְׁט אָן עֶרְנְסְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ אִים, יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּיי אִים אַ דְזְשָׁאוֹק, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "קוּק אַהֶער, דָא קֶענְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין אִין יְשִׁיבָה".

אִיךְ וִויל נִישְׁט יֶעצְט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם נוֹשֵׂא; מִיט עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים דַארְף מֶען הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע לִימוּד וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט זֵיי.

ז. אַפָּאר טֶעג נָאכְן גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן זַיין שְׁטְרֶענְג אָנְהֵייבּ יָאר, מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אַרָאפּ:

### אַ לֶערֶערִין דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ לֶערֶערִין, לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אֱמוּנָה, צְנִיעוּת, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְּן דִי תּוֹרָה לֶעבְּן; דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַייט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אַז קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט, אַזוֹי קוּמֶען קִינְדֶער; קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט, אוּן דִי אַרְבֶּעט לִיגְט אוֹיף אוּנְז זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען יָא צוּ פָאלְגְן.

יֶעצְט בַּיים אָנְהֵייבּ פוּנֶעם יָאר זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ, גֶעבְּט אַוֶועק אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט - קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן, אוּן אַז דִי קִינְדֶער רֶעדְן וַוייטֶער - בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אוּן וַוארְטְס מֶען זָאל זַיין שְׁטִיל, אוּן אַז מֶען

אֲפִילוּ מֶען הֶערְט ווִי אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ מַיין רֶבִּי", "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ מַיין טִיטְשֶׁער", דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג, דֶער עִיקָר אִיז אַז דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער הָאבְּן דִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אַז דוּ וֶועסְט זֵיי לִיבּ הָאבְּן אַזוֹי ווִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי צוּם סוֹף דִיךְ אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן".

בַּאלְד וֶועט מֶען זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְבֶּעטְן.



---

רֶעדְט ווַייטֶער זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר דֶעם קִינְד: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט". אֲפִילוּ עֶס וֶועט אַוֶועקְגֵיין אַסַאךְ צַייט פַאר דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קֵיין צַייט פַארְן לִימוּד - אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, ווַייל דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לְתוֹרָה.

דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ לֶערֶערִין, זִי דַארְף הָאבְּן זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט; בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ דַארְף זִי ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען: 'דִי קִינְדֶער דַארְפְן מִיךְ פָאלְגְן אוּן גֵייעֶן מִיךְ פָּאלְגְן, אוּן אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וֶועט מֶען מִיךְ מוּזְן פָאלְגְן בַּיים צְווֵייטְן מָאל'; מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִינֶעווֵייניג אִין זִיךְ צוּ ווִיסְן אַז 'דִי קִינְדֶער דַארְפְן מִיךְ פָאלְגְן אוּן זֵיי וֶועלְן מִיךְ פָאלְגְן', אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין אִיז אַלֵיינְס מְסוּפָּק, זִי טְרַאכְט 'דִי קִינְדֶער גֵייעֶן מִיךְ זִיכֶער נִישְׁט פָאלְגְן' - אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט פַאר אִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

הַלְוַאי זָאלְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אָדֶער לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדֶע וָואךְ וָואס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג)

**ח.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דֶעם עִנְיָן:

### פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער דִיסְצִיפְּלִין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

דָאס אִיז דִי וֶועג; זַייט שְׁטַארְק מִיט דִי וֶועג, אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ; דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דָא רֶעדְט מֶען פוּן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען "דֶרֶךְ אֶרֶץ".

הַלְוַואי וָואלְטְן אַלֶע טִיטְשֶׁערְס גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', פַארְלַאנְגְט

# איך בין זייער שטרענג אינדערהיים

איך טו דאס יעדע נאכט ווען איך לייג שלאפן מיינע קינדער, איך בין זייער שטרענג צו זיי, אלע מיינע קינדער גייען שלאפן צעקריגט מיט מיר, אבער צופרי ווערן זיי צוריק מיינע בעסטע חברים...

איך ווער נישט באליידיגט ווען איך קום באזוכן מיין חתונה געהאטער זון און מען פרעגט מיין קליינער אייניקל פון צוויי יאר: "וואס ווייסטו פון זיידי?" זאגט ער מיט א שטרענגע טון: "זיידי זאגט: 'אריין אין בעט!'" איך פרעג אים איבער מיט א שמייכל: "זיידי זאגט אריין אין בעט?!" ענטפערט ער: "ניין! זיידי זאגט עס אן א שמייכל"... ער מאכט נאך ווי אזוי איך קוק אראפ און איך זאג שטרענגערהייט: "אריין אין בעט!" - איך ווער נישט באליידיגט פון דעם, צום סוף וועט ער נאך ווערן מיין חבר...

קליינע קינדער מוזן פאלגן!

ברוך השם איך שלאג נישט מיינע קינדער אינדערהיים, איך צעברעך נישט קיין הענגערס אויף זיי, אבער איך בין שטרענג, איך זאג זיי: **"יעצט דארף מען אריין גיין אין בעט! יעצט דארף מען גיין שלאפן!"** איך בלייב שטיין ביים טיר ווילאנג מען מאכט צו די אויגן, אמאל געב איך אויך שטרענגערהייט א גלעט, איך זאג: **"יעצט זע איך שוין ווי דו ביסט שוין זייער וואויל, דו מאכסט צו דיינע אויגן".**

---

פון די קינדער דיסציפלין; אז ווען א טיטשער רעדט - קען מען נישט רעדן און נישט זיך אויפשטעלן וכו' וכו'.

האט נישט מורא אז די קינדער וועלן אייך נישט ליב האבן, קינדער האבן ליב א טיטשער וואס איז שטרענג און הארציג; אז מען האט באמת ליב די קינדער - קען מען אסאך אסאך פארלאנגען.

...

(קונטרס עצתו אמונה יום טוב סוכות שנת תשפ"ד)

אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ, צוּפְרִי גֵייט קֵיינֶער נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן צוּ מִיר, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וֶועלְן שְׁטֵיין נֶעבְּן מִיר, לְמַעֲשֶׂה אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶער ווִיל זַיין מַיין חַבֶר.

## גְלֶעטְן יֶעדְן קִינְד פְּרִיוַואט

אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין אִין כִּתָּה 'זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג', כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן קְלָאר כַאפְּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ מְלַמֵד רֶעדְט! נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל וֶוען אַ מְלַמֵד רֶעדְט! נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט! אַז דוּ ווִילְסְט עֶפֶּעס זָאגְן קֶענְסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דִי הַאנְט, אַז דֶער מְלַמֵד זָאגְט 'אַרָאפְּלֵייגְן דִי הַאנְט', דַארְף מֶען אַרָאפְּלֵייגְן דִי הַאנְט, מֶען קֶען נִישְׁט דָא מַאכְן קֵיין גֶעוַואלְדֶעס.

מִיט דֶעם אַלֶעם אַז עֶס וֶוערְט שׁוֹין אַבִּיסְל צוּ שְׁטְרֶענְג, זָאל מֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, גֶעבְּן אַ גְלֶעט פַאר יֶעדְן קִינְד פְּרִיוַואט, זָאגְן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער: **"דוּ בִּיסְט דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד, נִישְׁט דִיךְ מֵיין אִיךְ, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אָבֶּער דוּ בִּיסְט יָא גוּט, וֶוען אִיךְ גֵיי טְרֶעפְן דַיין טַאטֶע וֶועל אִיךְ אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע גְרִיס אוֹיף דִיר"**.

## שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז אַ קִינְד

הַיינְט בִּין אִיךְ אַרוֹיס גֶעקוּמֶען צוּם שְׁטֶעטְל, בְּעִיקָר כְּדֵי אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אַ נֵייעֶר מְלַמֵד, אִיךְ ווִיל אִים הֶעלְפְן אוֹיסְפָּארֶעמֶען זַיין כִּתָּה מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט.

אִיךְ בִּין אַרַיין אִין זַיין כִּתָּה אוּן אִיךְ הָאבּ אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער אָנְגֶערוּפְן אַ טַאטֶע וָואס זַיין זוּן אִיז זֵייעֶר וואוֹיל, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: **"דַיין זוּן אִיז אַזַא וואוֹיל קִינְד, אַזַא גוּט קִינְד!"** נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר אַן אַנְדֶערֶער קִינְד: **"אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ וֶועל דַארְפְן אָנְרוּפְן דַיין טַאטֶע זָאגְן אַ פַארְקֶערְטֶע גְרִיס"**,

זאָגט מיר דער קינד: "ניין, ניין, דער ראש ישיבה זאָל וואַרטן נאָך איין וואָך!"

פון די אַנדערע זייט דאַרף אָבער דער מלמד געדענקען אַז ער איז אויך אַמאָל געווען אַ קינד, ער זאָל געדענקען זיינע קינדער יאָרן: 'איך האָב אויך נישט געלערנט', 'איך האָב אויך נישט געדאַוונט', 'איך האָב אויך גוט אויסגעפּרואווט מיין רבי', 'איך האָב אויך געמאַכט אַ פּאַקס', - 'בין איך דען געווען שלעכט? איך בין געווען אַ קינד!'

## דער מלמד זאָל נישט זיין אַ קינד

פון איין זאַך געבט אַכטונג, דו זאָלסט נישט זיין אַ קינד...

איך האָב געהאַט אַן אינטערעסאַנטע מעשה פּאַר צוויי יאָר צוריק אין בית פיגא ווילאַמסבורג, אַ לערערין פון די עלטערע קינדער שרייבט מיר אין אַ בריוו: "אין שולע איז אַלעס פיין און וואויל, אָבער עס איז דאָ איין קינד אין מיין כתה וואָס דאַרף מיך נישט, אפילו ווען איך פּרובּיר איר צו מאַכן פּאַר גבאי, איך זאָג איר זי זאָל גיין עפּעס ברענגען, שטעלט זי זיך אויף, אויף אַזאַ וועג כאילו זי איז נישט אינטערעסירט אין דעם". איך הייב אָן צו טראַכטן וואָס מען קען דאָ טון צו העלפן דעם קינד, אינמיטן באַקום איך אַ בריוו פון יענע קינד, און זי שרייבט מיר אַזוי: "איך ווייס נישט פאַרוואָס מיין לערערין איז אַזוי קאַלט צו מיך, איך שפּיר ווי מיין לערערין דאַרף מיך נישט, וויפיל איך פּרובּיר איר צו ווייזן אַז איך וויל זיין גוט, נעמט זי עס נישט אָן", - האָב איך געזען ווי ביידע האָבן קינדערישע קאָמפּלעקסן.

די קשיא איז אויף די לערערין, פאַרוואָס טראַכטסטו אַזעלכע זאַכן?! מילא אַז דאָס קינד טראַכט אַזוי, זי איז דאָך טאַקע אַ קינד, אַ קינד איז איין שטיק קאָמפּלעקס שבקאָמפּלעקס... אָבער אַן ערוואַקסענע מענטש זאָל זיך אַרום דרייען מיט קאָמפּלעקסן?! דו ביסט שוין אַ מלמד, דו ביסט שוין אַ לערערין, טראַכט נישט די אַלע מחשבות 'מען דאַרף מיך יאָ', 'מען דאַרף מיך נישט', די אַלע זאַכן זענען נאַריש.

אַ מְלַמֵד און אַ לֶערֶערִין דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען, אִיךְ בִּין דָא מְלַמֵד, אִיךְ בִּין דָא לֶערֶערִין, אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן מִיךְ! אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ קִינְד מַאכְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר דַארְף מִיךְ נִישְׁט.

אוֹיבּ אַ קִינְד זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ מַיין רֶבִּי", מֵיינְט דָאס גָארְנִישְׁט, זָאג אִים: **"אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ גוּט קִינְד, יֶעצְט לֵייג שֵׁיין אַרָאפּ דַיינֶע פִּיס, יֶעצְט לֵייג שֵׁיין אַרָאפּ דַיין הַאנְט, יֶעצְט דַארְף מֶען טוּן וָואס מֶען הֵייסְט".**

## קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיס דֶעם מְלַמֵד

מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס דַארְפְן ווִיסְן אַז נִישְׁט יֶעדֶער קִינְד קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען אִיז מְחַנֵךְ, אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעט אָנְהֵייבּ יָאר אַז גֶעווִיסֶע קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט, אָבֶּער אַ גוּטֶער מְלַמֵד ווֵייסְט שׁוֹין אַז דִי קִינְדֶער מֵיינֶען גָארְנִישְׁט, זֵיי ווִילְן פָּשׁוּט אוֹיסְפְּרוּאוְון דֶעם מְלַמֵד, דִי קִינְדֶער ווִילְן זֶען צִי דֶער מְלַמֵד אִיז שְׁטַארְק אָדֶער שְׁוַואךְ, און מִיט וָואס עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, און אַז דֶער מְלַמֵד בְּלַייבְּט שְׁטַארְק, עֶר זָאגְט: **"דָא אִין כִּתָּה מוּז מֶען שֵׁיין פָאלְגְן!"** ווֶעט דֶער קִינְד אִים נָאךְ אַפָּאר מָאל אוֹיסְפְּרוּאוְון, בִּיז עֶר ווֶעט אַיינְזֶען אַז דֶער מְלַמֵד אִיז טַאקֶע שְׁטַארְק און דָא מוּז מֶען פָאלְגְן.

בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת אִיז גֶעווֶען אַ קִינְד וָואס דֶער מְלַמֵד הָאט זִיךְ צוּ מִיר אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דֶעם קִינְד, מַמָשׁ אַזָאנְס הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַ בֵּיישְׁפִּיל, עֶר הָאט גֶעווִיזְן צְוֵויי צֶעטְלֶעךְ פַאר דֶעם קִינְד און פְרֶעגְט אִים: "ווֶעלְכֶע צֶעטְל ווִילְסְטוּ קָאלֶערְן, דָאס אָדֶער דָאס?!" גֶעבְּט דֶער קִינְד אַ שְׁרֵיי: "גָארְנִישְׁט!" און עֶר נֶעמְט בֵּיידֶע צֶעטְלֶעךְ און צֶערַייסְט עֶס...

הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵד: מֶען קֶען פוּן דֶעם מַאכְן אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן חוּצְפָּה, אַרוֹיס ווַארְפְן דֶעם קִינְד און צוּרִיק אַרַיין ווַארְפְן... אָבֶּער אַ גוּטֶער מְלַמֵד ווֶערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן דֶעם, נָאר מֶען זָאגְט פַארְן קִינְד זֵייעֶר שְׁטַארְק: **"'גָארְנִישְׁט' אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ! אִיךְ גֶעבּ דִיר נָאךְ אֵיין מָאל צְווֵיי צֶעטְלֶעךְ,**

**װעל אױס װעלכע צעטל דו װילסט קאלערן**", און אז דער קינד זאגט נאכאמאל: "איך קאלער נישט!" זאגט מען אים נאכאמאל: "**זעץ זיך שײן אראפ, לאמיר זען װי שײן דו פאלגסט, לאמיר זען װי שײן דו קאלערסט**", "**א מחיה צו זען װי שײן דו קאלערסט**", אזױ װעט דער קינד אײנזען אז דא מוז מען פאלגן.

## אן תפלה גײט עם נישט

דא אין שטעטל איז דא א מעלה װאס איך װײס נישט אויב עס איז דא אין שטאט, אז מען פארט א צען פופצן מינוט פון די הױז ביז צו די חדר און צו די שולע, קענען זיך די מלמדים און לערערינס מתבודד זײן אױפ'ן װעג, בעטן דעם אײבערשטן: "**רבונו של עולם איך פאר יעצט אין חדר, איך פאר יעצט אין שולע, העלף מיך אז די הײנטיגע טאג זאל זײן א גוטע טאג, איך זאל מצליח זײן מיט די קינדער**".

איך געדענק װען איך בין געװען מלמד, א טאג װאס איך האב געװאוסט אז איך קען גארנישט און איך טויג גארנישט, איך האב צופרי געבעטן דעם אײבערשטן: "**רבונו של עולם איך געב דיר איבער די גאנצע כתה, העלף מיך אז די הײנטיגע טאג זאל זײן א גוטע טאג**", איז דער טאג געפארן װי א באן, עס איז געװען א מחיה, אבער אײן מאל איך האב זיך אנגעהויבן אײנרעדן אז איך טויג און אז איך בין שוין א געלונגענער מחנך, איז פלוצלונג געשען נײע זאכן װאס איך האב נישט געװאוסט װי אזױ דאס צו באהאנדלען, און װען איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אײבערשטן, איך האב נאכאמאל געמאכט א תפלה, איך האב נאכאמאל איבערגעגעבן די כתה צום אײבערשטן, האט מיר דער אײבערשטער געהאלפן, איך האב באקומען נײע ערפארונג.

## אױסניצן די געלעגנהײט

מיט יעדע קלײניקײט קען מען מאכן א גאנצע כתה זאל דאװענען געשמאק און הויך, אפילו מיט א קלײנע קליפ װאס מען

לַייגְט אויף צֶעטֶלֶעךְ וְכַדוֹמֶה. אויךְ פון יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען מַאכְט מְמֵילָא, ווי אַ 'רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פְּרָאגְרַאם' אָדֶער דֶער טְרִיפּ (אויסְפְלוּג) וָואס מֶען מַאכְט סַיי ווי אֵיין מָאל אַ יָאר - קֶען מֶען אויסְנִיצְן אויף אויפְצוּהֵייבְן דִי כִּתָּה, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "**וֶוער עֶס גֵייט דַאוֶוענֶען שֵׁיין, וֶוער עֶס גֵייט זִיךְ אויפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועט קֶענֶען מִיטְקוּמֶען צוּם טְרִיפּ, וֶועט קֶענֶען זַיין בַּיים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פְּרָאגְרַאם**".

דָאס אִיז אויךְ אַן עֵצָה פַאר עֶלְטֶערְן. מַיין שְׁוָואגֶער מַאכְט דִי וָואךְ חֲתוּנָה, אַז דִי חֲתוּנָה אִיז דָא אִין שְׁטָאט נֶעם אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ נֶעם נִישְׁט מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אָבֶּער דִי גְרוֹיסֶע קִינְדֶער נֶעם אִיךְ מִיט, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ גֵיי סַיי ווי טוּן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן נִיץ אִיךְ דָאס שׁוֹין פוּן צְוֵויי וָואכְן פַאְרדֶעם, אִיךְ זָאג: "**וֶוער עֶס פָּאלְגְט גֵייט קֶענֶען גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה**", "**וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין אִין בֶּעט גֵייט קֶענֶען גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה**", אִיךְ זָאג נִישְׁט: "וֶוער עֶס פָּאלְגְט נִישְׁט, גֵייט נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה", וַוייל מֶען גֵייט סַיי ווי גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט זֵיי אָנְצוּשְׁטָאפְּן מִיט קֶענְדִיס, נִיץ אִיךְ דִי חֲתוּנָה אויף אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין מַיינֶע קִינְדֶער אַ חֵשֶׁק צוּ פָּאלְגְן.

## וָואס מֵיינְט אַ גוּטֶע שׁוּלֶ'ע?

דֶער כְּלַל זָאלְט עֶטְץ ווִיסְן, ווי מֶער מֶען גֶעבְּט פַאר קִינְדֶער, מַאכְט עֶס נִישְׁט פְּרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט נָאר אַז מֶען זָאל צוּם סוֹף שְׁטוֹיסְן אויף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען זָאל מֶער גָארְנִישְׁט וֶועלְן, דִי וֶועלְט וֶוערְט אוֹיס.

דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן גֶעצֶערְטְלְטֶע (גֶעסְפּוֹילְטֶע) שְׁטִיבֶּער, זֵיי בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג נַייעֶ קְלֵיידֶער, נַייעֶ שְׁפִּילְצֵייג, דִי טַייעֶרְסְטֶע דַאלִי'ס, דִי טַייעֶרְסְטֶע קֶערִידְזְשֶׁעס, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְן, זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין לֶעבְן.

פַארְיָאר וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן הָאבּ אִיךְ גֶערוּפְן מַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס טוּט זִיךְ? וָואס הֶערְט זִיךְ? וָואס מַאכְט מַיין חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע טָאכְטֶער? הָאט זִי מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַ נַדְבָן אִין דִי קְהִילָה הָאט גֶעגֶעבְן דְרֵיי טוֹיזְנְט

דָאלֶער אַייִנְצוּקוֹיפְן דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס (אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס: בּוּבַּאס אוּן וֶועגֶעלֶעךְ) פַאר דִי ווִילְיַאמְסְבּוּרְג'עֶ שׁוּלֶע, אוּן מַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט נָאךְ לֶערֶערִינְס אַייִנְקוֹיפְן דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס פַאר דִי שׁוּלֶע.

הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מַיין וַוייבּ זָאל אָנְרוּפְן מַיין טָאכְטֶער אִיר זָאגְן, זֵיי זָאלְן שׁוֹין צוּרִיק טְרָאגְן אַלֶע דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס! אִיךְ בִּין זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דֶעם, דְרֵיי טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס? פַאר וֶועם? פַאר דִי פָּאר מֵיידְלֶעךְ וָואס לֶערְנֶען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג?! פַארְוָואס? פַאר וֶוען? אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דַאלִיס, אוּן דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן קֶענֶען זִיצְן אִין דִי זַייט אוּן נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער?!

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא וָואס הָאט יֶעדְן טָאג גֶעקוֹיפְט אִין דִי וֶוענְדִינְג מַאשִׁין דְזְשָׁאמְבָּאוֹ קָאקִיס, בְּרַאוּנִי בַּארְס מִיט קֶענְדִיס, אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן מוֹרָא'דִיג לִיבּ גֶעהַאט דִי לֶערֶערִין... נִישְׁט דָאס מֵיינְט אַ גוּטֶע לֶערֶערִין!

אַז מֶען קוֹיפְט עֶפֶּעס פַאר דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען עֶס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת.

אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין שְׁפִּילְצֵייג, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין דַאלִיס, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין קֶערִידְזְשֶׁעס, אִיךְ דַארְף אַ לֶערֶערִין וָואס הָאט אַ הַארְץ פַאר דִי קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל אַז דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער.

נִישְׁט דָאס אִיז אַ גוּטֶע שׁוּלֶע אוֹיבּ מֶען הָאט דִי בֶּעסְטֶע אוּן טֵייעֶרְסְטֶע שְׁפִּילְצֵייג.

מֶען קֶען נֶעמֶען דֶעקְלֶעךְ פוּן סָאדֶע בָּאטְלֶעךְ, אוּן מִיט דֶעם זָאלְן דִי לֶערֶערִינְס זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער!

## וָואס מֵיינְט
## אַ גוּטֶע חֵדֶר

אִין גֶעווִיסֶע פְלֶעצֶער מֵיינְט אַ חֵדֶר, אַ בִּנְיָן מִיט שֵׁיינֶע לֶעקְטֶערְס, וָואס אִינְדְרוֹיסְן אִיז דָא שֵׁיינֶע בֵּיימֶער מִיט אַ פַּארְק אוּן גָארְנִישְׁט מֶער, אִינֶעוֵוייניג אִיז דָא אַ דָאקְטֶער וָואס לֵייגְט אַרוֹיף יֶעדֶע קִינְד אוֹיף פִּילְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט אַזוֹי, בַּיי אוּנְז אִיז דָא אַ מְלַמֵּד מִיט הַארְץ! עֶר גֵייט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר גֵייט מַאכְן פוּן יֶעדְן קִינְד 'דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד'. וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַז יֶעדֶער קִינְד זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד? אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד פִּילְט וִוי עֶר הָאט דִי בֶּעסְטֶע כִּתָּה אוּן דִי בֶּעסְטֶע קִינְדֶער, שְׁפִּירְן עֶס דִי קִינְדֶער.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַז עֶס אִיז דָא אַ בִּנְיָן - אִיז דָא אַ חֵדֶר", אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; אִיךְ קֶען בַּאשְׁטֵיין עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע בִּנְיָן מִיט שֵׁיינֶע קְלַאסְן, מֶען מֶעג אַרַיין בְּרֶענְגֶען דַאלִי'ס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס אִין שׁוּלֶע, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דֶער חֵדֶר, אוּן נִישְׁט דָאס אִיז דִי שׁוּלֶע.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אוֹיבּ אִיז דָא אַ לֵייבְּרֶערִי פוּן בִּיכֶער בַּאקוּמְט עֶס דֶעם נָאמֶען 'שׁוּלֶע'... אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין לֶערֶערִינְס! אַ שׁוּלֶע מֵיינְט: לֶערֶערִינְס וָואס רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער מִיט גֶעדוּלְד נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם מֶענֶעדְזְשֶׁער פוּן דִי מוֹסָד:** אִיךְ בֶּעט דִיר, קוֹיף גָארְנִישְׁט פַאר דִי מוֹסָד. נִישְׁט דָאס מֵיינְט אַ חֵדֶר אוּן אַ שׁוּלֶע אַז דֶער בִּנְיָן קְלַאפְּט אוּן דִי שְׁפִּילְצֵייג קְלַאפְּט.

אַז דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד, קֶענְסְטוּ גֵיין אִין פַּארְק, דוּ קֶענְסְט זֵיי טְרָאגְן אוֹיף רֵיידְ'ס, דוּ קֶענְסְט בְּרֶענְגֶען שְׁפִּילְצֵייג, דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן שְׁפִּירְן 'מַיין רֶבִּי, מַיין לֶערֶערִין, הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ!'

אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין אִיז דֶער וָואס זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר מַאכְט זִיכֶער צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט.

הַיינְט פַאר אִיךְ בִּין אַרוֹיס גֶעפָארְן פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג צוּם שְׁטֶעטְל, הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אִין חֵדֶר אוֹיף אֵיינֶער פוּן דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ אִים צוּגֶערוּפְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט פָּאר?" זָאגְט עֶר מִיר: "מַיין טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מִיר, זֵיי טְרָאסְטְן מִיךְ נִישְׁט מִיט גָארְנִישְׁט", פְרֶעג אִיךְ אִים: "וִוי אַזוֹי וֵוייסְטוּ דָאס?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "אִיךְ וֵוייס!"...

אַ קִינְד שְׁפִּירְט אויבּ מֶען הַאלְט פוּן אִים, אַ קִינְד שְׁפִּירְט אויבּ מֶען הָאט אִים לִיבּ.

## ווִי אַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי גְרוֹיסֶע סַאטְמֶער'ע מוֹסְדוֹת?

מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעעֶפְּנְט אַ חֵדֶר אִין טְבֶרְיָה אִין אַ דִירָה, אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז דָארְט גֶעוֶוען בַּאזוּכְן, רוּפְט עֶר מִיר אָן אוּן זָאגְט מִיר: "נֶע, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חֵדֶר, אַ אִינְגֶערְמַאן זִיצְט אִין אַ קָאךְ מִיט צְוֵויי קִינְדֶער אוּן לֶערְנְט..." זָאג אִיךְ אִים: "פּוּנְקְט אַזוֹי הָאט זִיךְ סַאטְמֶער אָנְגֶעפַאנְגֶען! דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יוּדְל רָאזֶענְבֶּערְג זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעעֶפְנְט אִין זַיין הוֹיז!"

דִי אַלְטֶע ווִילְיַאמְסְבּוּרְג'עֶ דִירוֹת פְּלֶעגְט זַיין אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי גַאנְצֶע דִירָה אִיז גֶעוֶוען אֵיין גְרָאדֶע שוּרָה, כְּדֵי אַרַיין צוּ גֵיין צוּם צְוֵוייטְן שְׁטוּבּ הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אַדוּרְךְ גֵיין דֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן שְׁטוּבּ, הַיינְט בּוֹיעֶט מֶען שוֹין נִישְׁט אַזוֹי. רֶבִּי יוּדְל רָאזֶענְבֶּערְג'ס דִירָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי שְׁלָאף שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען בַּיים עֶק, פוּנֶעם שְׁלָאף שְׁטוּבּ אִיז מֶען אַרַיין אִינֶעם דַיינוּנְג רוּם (שַׁבָּת שְׁטוּבּ) אוּן פוּנֶעם דַיינוּנְג רוּם אִיז מֶען אַרַיין אִין קָאךְ, רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעזֶעצְן מִיט זֶעקְס קִינְדֶער אִין זַיין דַיינוּנְג רוּם, אוּן עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז זַיין ווַייבּ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַ גַאנְצְן טָאג גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁלָאף שְׁטוּבּ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן וְכוּ', אַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען דִי רִיזִיגֶע סַאטְמֶערֶע מוֹסְדוֹת ווָאס אִיז הַיינְט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט!

## פַאר מִיר אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער

אַ מוֹסָד אִיז נִישְׁט דֶער בִּנְיָן, אַ מוֹסָד אִיז נִישְׁט דִי שְׁפִּילְצֵייג, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען מֵהֵיכִי תֵּיתִי, אַז דוּ ווִילְסְט אַרַיינְלֵייגְן שְׁפִּילְצֵייג - פֵּיין, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דֶער חֵדֶר; צוּפִיל שְׁפִּילְצֵייג אִיז

גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער...

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, פְלֶעג אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין בַּיי רִיסֶעס פוּן כִּתָּה[ט], אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער, דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים פְלֶעגְן הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר, "קוּם אַרוֹיס, קוּם אַבִּיסְל פַארְבְּרֶענְגֶען, קוּם אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "פַאר מִיר אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער!" אִיךְ פְלֶעג בְּלַייבְּן בַּיי רִיסֶעס שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעקוּקְט ווִי אַזוֹי דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען, אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אַ צְווֵייטְן, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַרַיין גֶעלֵייגְט אִינֶעם קוּמֶענְדִיגְן שִׁיעוּר אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט הָאבּ אִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט אִינְמִיטְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שִׁיעוּר.

## אַ מוֹסָד אִיז אַ מְלַמֵּד וָואס זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער

עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט בַּאקְוֶועם מַאכְן אִין אַ שֵׁיינֶע בִּנְיָן וְכוּ', נָאר מֶען דַארְף ווִיסְן וָואס אִיז דֶער חֵדֶר אוּן וָואס אִיז דִי שׁוּלֶע.

דֶער חֵדֶר אוּן דִי שׁוּלֶע אִיז, דֶער מְלַמֵּד וָואס זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער. לָאמִיר זָאגְן אוֹיבּ מָארְגְן וֶועט מֶען דַארְפְן פַארְמַאכְן דִי

---

ט. עֶס קֶען זַיין אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן וַוייל דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ ווִי אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַהֵיים אֵיינְס אַזֵייגֶער, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי אַ מַגִיד שִׁיעוּר; זִיבְּן דְרַייסִיג בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר צוּ שַׁחֲרִית, אַכְט דְרַייסִיג אִיז גֶעוֶוען פְרִישְׁטָאג, פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז עֶלְף אַזֵייגֶער הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט גְמָרָא, פוּן עֶלְף אַזֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען רִיסֶעס, 11:15 הָאט מֶען וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט גְמָרָא בִּיז לָאנְטְשׁ אֵיינְס אַזֵייגֶער, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ אַהֵיים.

אַגַב, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין יֶענֶע מוֹסָד, אִיז גֶעוֶוען אִין אַ יוּנְגֶערֶע כִּתָּה אַ אִינְגְל פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ, עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעוַואלְגֶערְט, עֶר הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט אַרַיין צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיי מִיר, אָבֶּער פּוּנְקְט יֶענֶע יָאר וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרַיין קוּמֶען צוּ מִיר, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים,

מוֹסְדוֹת - מֶען קֶען נִישְׁט וִויסְן מִיט דִי גוֹיִים וָואס זֵיי וִוילְן טוּן מִיט אוּנְז, קֶען זַיין זֵיי וֶועלְן פַאְרלַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אַלֶע גְלוֹיבּוּנְגֶען חַס וְשָׁלוֹם, און מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן זֵיי, און דִי פָּאלִיצֵיי וֶועלְן קוּמֶען פַארְמַאכְן דִי מוֹסְדוֹת - וֶועלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אִין זֵייעֶרע הַייזֶער מִיט דִי קִינְדֶער וַוייטֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

## קַיין אֵיין קִינְד בַּאקוּמְט נִישְׁט מֶעדֶ—עצִין

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן בִּנְיָנִים פַאר דִי מוֹסְדוֹת, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דִי 'וַואוּוּ', דִי וַואוּוּ אִיז אַז מִיר הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וָואס לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, און קַיין אֵיין קִינְד בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין מֶעדֶעצִין!

יֶעדֶע יְשִׁיבָה מֶעלְדְט הַיינְט אִין דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס מֶען לֵייגְט נֶעבְּן דִי מִקְוָאוֹת, "עֶס עֶפְּנְט זִיךְ אוֹיף אַ יְשִׁיבָה", און אַזוֹי וִוי זֵיי וִוילְן אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַז עֶס אִיז אַ 'יְשִׁיבָה לְמְצֻיָּנִים', שְׁרַייבְּן זֵיי "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס נָאמֶען אִיז אַזוֹי", און אוֹיךְ אִיז דָא אַ דָאקְטֶער וָואס רֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים און פַארְשְׁרַייבְּט פִּילֶעכְלֶעךְ... מֶען שְׁרַייבְּט נִישְׁט אַרוֹיס קְלָאר אַז עֶס אִיז דָא אַ דָאקְטֶער, נָאר מֶען שְׁרַייבְּט אַז עֶס אִיז דָא "אַ מוּמְחֶה בְּתוֹרַת הַנֶּפֶשׁ"...

זֵייעֶר אַסַאךְ יְשִׁיבָה'ס הָאבְּן אַ דָאקְטֶער אוֹיפְ'ן פְּלַאץ וָואס פַארְשְׁרַייבְּט טַאבְּלֶעטְן (פִּילְן) פַאר בָּחוּרִים, אַז אַ בָּחוּר קוּמְט זָאגְן אַז עֶר וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאגְט מֶען אִים: "דוּ דַארְפְסְט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן!" אַז אַ בָּחוּר אִיז צוּ לֶעבֶּעדִיג גֶעבְּט מֶען אִים מֶעדֶעצִין עֶר זָאל אַיינְשְׁלָאפְן, דִי רֶעגִירוּנְג גִיסְט גֶעלְט פַאר דִי סָארְט זַאכְן.

---

אִיךְ הָאבּ אִים אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גְרֵייט דִיר אַרַיינְצוּנֶעמֶען פַאר מַיין קִינְד, אִיךְ וֶועל דִיךְ בַּר מִצְוָה מַאכְן, דוּ וֶועסְט גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי מַיינֶע קִינְדֶער, דוּ קֶענְסְט אֲפִילוּ טוֹישְׁן דַיין נָאמֶען, קֶענְסְט הֵייסְן ... רוֹטְה", אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן מִיר, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "נֶע, עֶס אִיז גוּט", לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶר אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶעוַואקְסְן.

אוּנְזֶער מַעֲלָה אִיז אַז מִיר הָאבְּן אַ מוֹסָד וָואס גֶעבְּט נִישְׁט קַיין מֶעדֶעצִין פַאר דִי קִינְדֶער', מֶען נִיצְט נִישְׁט קַיין שְׁטֶעקֶענֶעס, נָאר מֶען רֶעדְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ דִי קִינְדֶער.

## אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט

יֶעדֶער קִינְד דַארְף בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט!

יֶעדֶער קִינְד דַארְף בַּאקוּמֶען אַ גְרִיס!

אִין יֶעדֶע כִּתָּה זֶענֶען דָא אַפָּאר קִינְדֶער וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דֶער מְלַמֵּד, זֵיי קְלֶעבְּן צוּם מְלַמֵּד, זֵיי שְׁטְרֶעקְן אוֹיס זֵייעֶרֶע קֶעפּ,

---

י. מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צְוֵויי וָואכְן נָאכְ'ן גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר, וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דֶעם עִנְיָן:

**עֶס וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אָן קַיין מֶעדֶעצִין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן פוּנְדֶערְוַוייטְנְס אוּן זָאגְן אוֹיבּ מֶען דַארְף יָא גֶעבְּן רִיטֶעלִין פַארְן קִינְד - אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער דָאס קֶען אִיךְ אַייךְ יָא זָאגְן, מִיר הָאבְּן אִין אַמֶערִיקֶע דְרֵיי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן דְרֵיי מֵיידְל סְקוּלְס אוּן קַיין אֵיין קִינְד בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין רִיטֶעלִין וְכַדּוֹמֶה, קַיין אֵיין קִינְד אִיז נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם מֶעדֶעצִין (עַל כָּל פָּנִים מִטַּעַם הַמּוֹסָד; וָואס עֶלְטֶערְן טוּעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט דִי קִינְדֶער - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט).

עֶס זֶענֶען דָא בַּיי אוּנְז קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט סְתָם ווִילְד אוּן הַייפֶּערַאקְטִיוו, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין מֶעדֶעצִין. מִיר הָאבְּן מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס מִיט שְׁטַארְקֶע סַבְלָנוּת אוּן מִיט גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיךְ מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט - וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אַזוֹי ווִי אַלֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת שְׁנַת תשפ"ג)

זיי דאַרפֿן אַ גלעט, זיי פּרוּבירן אַלץ צו באַקומען אַ גוט וואָרט פוּנעם מלמד. די זענען געזונטע קינדער; עס איז דאָ מענטשן וואָס שטעמפּלען אָן אַזאַ קינד אַלס אַ פּראָבלאַמאַטיש קינד אַז ער איז 'אַן אַטענשאָן סיקער' (ער זוכט צופיל אויפמערקזאמקייט), אָבער דאָס איז בכלל נישט קיין פּראָבלעם, ווער עס דאַרף אַטענשאָן איז אַ געזונטער מענטש, אפשר ווער עס דאַרף נישט קיין אַטענשאָן האָט אַ פּראָבלעם... דער אייבערשטער האָט באַשאַפן אַ מענטש ער זאָל וועלן מען זאָל קוקן אויף אים, מען זאָל טראַכטן פון אים, מען זאָל אים געבן אַ גוט וואָרט אויף זיין אויסקוק, אויף זיין קלייד.

נאָכדעם זענען דאָ קינדער וואָס שטייען ווייט פוּנעם מלמד.

ביי די קינדער וואָס שטייען ווייט פוּנעם מלמד, קען געשען עס זאָל אַדורך גיין אַ וואָך צוויי אָן באַקומען אַ גוט וואָרט פוּנעם מלמד.

ווען איך בין געווען אַ מלמד האָב איך געהאַט אַ בוך מיט די נעמען פון אַלע קינדער, יעדע נאַכט האָב איך זיך געמאַכט אַ חשבון הנפש פאַר וועלכע קינדער איך האָב שוין געגעבן גוטע ווערטער און פאַר וועלכע קינדער איך האָב נאָך גאָרנישט געזאָגט, האָב איך געזען אַז מיט איין קינד רעד איך שוין נישט אַ גאַנצע וואָך, האָב איך זיך פאַרצייכנט אַז מאָרגן דאַרף איך רופן דעם קינד און אים געבן אַ גוט וואָרט.

## ביי אים מיינט עס אַ וועלט

מען קען נישט מאַכן קיין חילוקים צווישן קינדער אין כתה, אַז צוויי קינדער האָבן עפּעס פאַרגעסן צו ברענגען, קען מען נישט זאָגן פאַר איין קינד: "דו באַרג פון יענעם", און פאַרן אַנדערן קינד: "דו מוזט גיין צו די אָפיס", דער קינד טראַכט גלייך צו זיך, 'פאַרוואָס דאַרף איך גיין צו די אָפיס?' דער קינד פאַרשטייט אַז 'מיין רבי האָט מיך נישט ליב'; מען מוז אַכטונג געבן אויף דעם.

אויך דאַרף מען וויסן, אפילו אַ זאַך וואָס קען אויסקוקן אין דעם מלמד'ס אויגן ווי אַ קליינינקייט, ווי אַ גאָרנישט, קען זיין

אַז בַּיי דִי קִינְדֶער אִיז דָאס אַ גַאנְצְע וֶועלְט, אִים וֶועט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדֶערְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, הַיינְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ כִּתָּה, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶערוּפְן עֶלְטֶערְן, בְּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעוָואלְט רוּפְן עֶלְטֶערְן פוּן צְוֵויי קִינְדֶער, אָבֶּער אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אוֹיךְ רוּפְן מַיין טַאטֶע", הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט רוּפְן אַלֶע טַאטֶעס, וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוָואלְט קוּמֶען גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר פַּאר דִי מְלַמְּדִים, רוּפְט זִיךְ אָן אֵיין אִינְגְל וָואס זִיצְט אִין דִי זַייט: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט נָאכְנִישְׁט גֶערוּפְן מַיין טַאטֶע", אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּמְווארוּסְנְדִיג מַאכְן פוּן דֶעם קִינְד, אֲפִילוּ בַּיי מִיר מֵיינְט עֶס גָארְנִישְׁט, וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעטוּן? זַיין טַאטֶע הָאבּ אִיךְ יָא גֶערוּפְן אוּן דַיין טַאטֶע נִישְׁט?! - אָבֶּער בַּיי אִים מֵיינְט עֶס אַ וֶועלְט!

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן

פוּן נָאךְ אַ וויכְטִיגֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ הַיינְט רֶעדְן, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, זָאגְן פַּאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט אַ צְוֵוייטְנְס קֶערְפֶּער, אוּן קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט אַרָאפּ צִיעֶן דַיין הוֹיזְן"**.

דֶער יֵצֶר הָרָע הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן אֲפִילוּ בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער; דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט שׁוֹין פוּן גֶעבּוֹירְן אָן צוּם מֶענְטְשׁ אִים אִיבֶּער צוּ רֶעדְן עֶר זָאל טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

אוֹיבּ מֶען דֶערְוואוּסְט זִיךְ פוּן אַ אִינְגְל וָואס אִיז אוּנְטֶער גֶעקְרָאכְן אוּנְטֶער אַ צְוֵוייטְנְס בֵּית הַכִּסֵּא, וֶוערְט נָאכְנִישְׁט דֶער קִינְד קֵיין שֶׁגֶץ, בַּיי קִינְדֶער קוּמְט עֶס נָאכְנִישְׁט פוּן קֵיין שְׁלֶעכְטֶע כַּוָּונָה, אַז מֶען שְׁטֶעלְט עֶס אָפּ יוּנְגֶערְהֵייט, אִין כִּתָּה ב', ג', ד', מֶען לֵייגְט גוּט אַרֵיין אִין דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, קֶען עֶר נָאךְ אוֹיסְוואַקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָּה רֵיין, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען לָאזְט עֶס לוֹיפְן, מֶען זָאגְט: **"עֶר אִיז נָאר אַ קִינְד, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט"**, מֶען וָוארְנְט נִישְׁט אָן דִי קִינְדֶער גֶענוּג שְׁטַארְק, מֶען זָאגְט נָאר וֵוייךְ: **"עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידֶל"**, **"עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין"**, גֵייט עֶר עֶס חַס וְשָׁלוֹם וַוייטֶער טוּן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

# דֶער טָעוּת פוּן דִי שׁוּלֶעס

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען תַּלְמִידוֹת זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אֵיידֶל, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָעוּת פוּן גֶעוִויסֶע שׁוּלֶעס וָואס רֶעדְן נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, מֶען דַארְף יָא רֶעדְן; מֶען דַארְף זֵיי אָנְגְרֵייטְן און זָאגְן: **"דוּ קֶענְסְט הָאבְּן חַבֶרְ'טֶעס אָבֶּער קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט דַיין קֶערְפֶּער"**.

עֶס אִיז דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס שִׁיקְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער דָא אִין דִי מוֹסְדוֹת און זֵיי קוּמֶען מִיר פְרֶעגְן צִי זֵיי זָאלְן שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין קֶעמְפּ אָדֶער עֶנְגֶערְשׁ הַאלְטְן אִינְדֶערְהֵיים, זָאג אִיךְ אַלְץ: גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין טָאכְטֶער, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט שִׁיקְן דַיין מֵיידְל אִין קֶעמְפּ! זָאל זִי וֵויינֶען, זָאל זִי שְׁרֵייעֶן, זָאל זִי בְּלָאזְן, הַאלְט איר אִינְדֶערְהֵיים; זִי קֶען הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, זִי קֶען קָאכְן, בַּאקְן און צַאמְלֵייגְן וֶועשׁ, און אֲפִילוּ אוֹיבּ זִי וֶועט בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן בִּיז צְוֶועלְף אַזֵייגֶער אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אָבֶּער אִין קֶעמְפּ שִׁיק איר נִישְׁט, וַוייל לֵיידֶער לֵיידֶער רֶעדְט מֶען נִישְׁט אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת פוּן זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאר פַארְנוּמֶען וֶוער עֶס קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער טֵייעֶרֶער און שֶׁענֶער און וֶועלְכֶע קָאמְפֶּענִי קְלֵייד צוּ קוֹיפְן, און דַיין טָאכְטֶער קֶען קַאלְיֶע וֶוערְן, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא רֶעדְט מֶען יָא און מֶען גְרֵייט יָא אָן דִי קִינְדֶער, מֶען זָאגְט אָן דִי קִינְדֶער: **"דוּ קֶענְסְט הָאבְּן חַבֶרְ'טֶעס, אָבֶּער קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט דִיר נִישְׁט אֵיידְל; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶערוֹיף"**.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן, אוֹיבּ מֶען וֶוערְט גֶעוואוֹיר אַ מַעֲשֶׂה וָואס אַ קִינְד הָאט גֶעטוּן מִיט אַ צְוֵייטְן, וֶוערְט נִישְׁט דָאס קִינְד אָפְּגֶע'פַּסְלְ'ט, זִי אִיז דָאךְ אַ קִינְד, נָאר מֶען דַארְף עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער חַזֶרְ'ן, נָאכְאַמָאל רֶעדְן דֶערְפוּן שֵׁיין, און שֵׁיין מְחַנֵךְ זַיין.

# אַלֶע מְחַנְּכִים דַארְפְן
# אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען

דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן הַאלְט אַן אוֹיג אוֹיף יֶעדְן קִינְד אִיבֶּערָאל; אִין כִּתָּה, אִין לָאנְטְש רוּם, אוּן אִין בֵּית הַכִּסֵא. אוּן מֶען דַארְף רֶעדְן מִיטְ'ן דְרַייוֶוער אוּן קֶעכֶער, הֶערְן פוּן זֵיי צִי עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף נִישְׁט אֵיידְל.

אַ מְלַמֵד קֶען נִישְׁט זָאגְן: "עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דֶעם קִינְד אוֹיפְ'ן בָּאס, עֶס אִיז נִישְׁט מַיין אַחְרַיוּת".

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ טִיטְשֶׁער, אַ נִישְׁט חַסִידִ'ישֶׁער אִיד, עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט עֶנְגְלִישׁ. אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט צוּפִיל מַעֲשִׂיוֹת פוּן עֶנְגְלִישׁ צַייט, וַוייל אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיג הָאט מֶען יֶעדְן טָאג גֶערוּפְן מַיין טַאטֶע דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ טוּ בַּיי עֶנְגְלִישׁ, מַיין טַאטֶע הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק פַאר מִיר צוּ זַיין בַּיי עֶנְגְלִישׁ, הָאט עֶר אָנְגֶערוּפְן דֶעם מְנַהֵל אוּן גֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי נָאר זַיין בַּיי אִידִישׁ, אוּן בַּיי עֶנְגְלִישׁ וֶועל אִיךְ זַיין מִיט אִים אִין כּוֹלֵל. אָבֶּער אַבִּיסְל גֶעדֶענְק אִיךְ וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן, וִוי צֶעפָּארְן עֶס אִיז גֶעוֶוען, וִוי קִינְדֶער פְלֶעגְן וַוארְפְן זַאכְן אוֹיף דֶער טִיטְשֶׁער, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ.

אֵיין שֵׁיינֶע זַאךְ גֶעדֶענְק אִיךְ יָא פוּן עֶנְגְלִישׁ, אִין כִּתָּה ח' אָדֶער ט', אַז דֶער מְלַמֵד פְלֶעגְט פָארְהַאלְטְן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גוּט אוֹיפְגֶעפִירְט בַּיי עֶנְגְלִישׁ צַייט, אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי דֶער מְלַמֵד אוּן דֶער עֶנְגְלִישׁ טִיטְשֶׁער הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט צוּזַאמֶען.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ טוֹיג, אִיךְ קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דֶעם קִינְד, זָאלְן דִי אַנְדֶערֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זִיךְ אוֹיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דֶעם קִינְד", נֵיין, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען.

# אִיךְ ווִיל מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַרוֹיס צוּ קוּמֶען אֵיין מָאל אַ וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל, צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קוּמֶען דָא וואוֹינֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ קוּם שׁוֹין טַאקֶע אַרוֹיס דָא וואוֹינֶען, לְמַעֲשֶׂה וְוִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַּאר דִי בָּחוּרִים וואוּ זֵיי זָאלְן שְׁלָאפְן, אוּן דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען דָא גֶעשְׁלָאפְן אִין דִי זוּמֶער וָואכְן - בִּין אִיךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן, אִיךְ ווִיל הָאבְן אַ הֵיילִיגֶע דָארְמִיטָארִי (שְׁלָאף שְׁטִיבֶּער), עֶס זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, דֶערִיבֶּער אִיז מִיר עֶנְגֶערְשׁ צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט, אוּן אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי הַנְהָלָה זֵיי זָאלְן צוּשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ פַּאר דִי בָּחוּרִים צוּ שְׁלָאפְן. וֶוען מֶען וֶועט צוּשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ פַּאר דִי בָּחוּרִים צוּ שְׁלָאפְן וֶועל אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען קוּמֶען צוּ עֶנְק יֶעדְן טָאג גֶעבְּן חִיזּוּק, אָבֶּער בִּיז דֶערְוַוייל וֶועל אִיךְ אַרוֹיס קוּמֶען אֵיין מָאל אַ וָואךְ עֶנְק גֶעבְּן חִיזּוּק.

אִיךְ קֶען בַּאשְׁטֵיין אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן מִיר שְׁרַייבְּן צֶעטְלֶעךְ פוּן וָואס מֶען זָאל רֶעדְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אָדֶער מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט פְּרַאגֶעס וִוי אַזוֹי מֶען זָאל עֶס בַּאהַאנְדְלֶען, אוּן אִיךְ וֶועל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף רֶעדְן פוּן דִי נוֹשְׂאִים וָואס מֶען וֶועט מִיר בֶּעטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, אוּן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.



## פֶּרֶק ב׳

# אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן קִינְד

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא,
שְׁנַת תשפ״ג לִפְּרָט קָטָן
אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א

זכות הפרק נתנדב ע״י
מו״ה
**יהודה אריה לייב ליבערמאן**
הי״ו

# אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן קִינְד



## מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דִי שְׁכִינָה

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה׳. עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָה אוּן כָּבוֹד צוּ קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל.

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל, גֵיי אִיךְ קוֹדֶם צוּ דִי קִינְדֶער; בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע.

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (זֹהַר חָדָשׁ, לֶךְ לְךָ), וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט, אִיז עֶר צוּם עֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מְלַמְּדִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: ״לָאמִיר גֵיין מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דִי שְׁכִינָה״.

טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: ׳וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי וָואלְט יֶעצְט גֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, וואוּ וָואלְט עֶר צוּם עֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען?׳ עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע זַאכְן אִין שְׁטֶעטְל, אַלֶע דְרֵיי זוּלְן אוֹיף וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֵייט (אָבוֹת א, ב); ׳תּוֹרָה׳ - אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג אִין כּוֹלֵל, ׳עֲבוֹדָה׳ - בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים צוּם דַאוֶוענֶען, ׳גְּמִילוּת חֲסָדִים׳ - מֶען טוּט דָא אַסַאךְ חֶסֶד, אָבֶּער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט: ״אִיךְ מוּז קוֹדֶם מְקַבֵּל זַיין ׳אַפֵּי שְׁכִינְתָּא׳, דִי פָּנִים פוּן דִי שְׁכִינָה״, קוֹדֶם גֵייט עֶר צוּ דִי מְלַמְּדִים וָואס זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִינֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער.

# דָאס אִיז דֶער שְׁטָאט

דֶעם פַאְרגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער אִיז גֶעוָוארְן דְרֵיי יָאר פוּן וֶוען דֶער שְׁטֶעטְל שְׁטֵייט, בָּרוּךְ הַשֵׁם, דְרֵיי יָאר פַארְדֶעם - וֶוען קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן - הָאט מֶען שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פְלַאנְצְן דִי קֶערְנְדְלֶעך, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּלַאנִירְן אִין וֶועלְכֶע גֶעגְנְט מֶען זָאל מַאכְן דֶעם שְׁטֶעטְל אוּן וִוי אַזוֹי מֶען זָאל עֶס מֶעלְדְן פַארְן עוֹלָם[יא].

הָאבּ אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי הַנְהָלָה: "וָואס וֶועט זַיין מִיט אַ מוֹסָד? וואוּ וֶועט מֶען מַאכְן אַ חֵדֶר? וואוּ וֶועט מֶען מַאכְן אַ שׁוּלֶע?" - וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁטָאט, אַז עֶס זִיצְט דָארְט אַ מְלַמֵד אוּן לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער "אַלֶף בֵּית", "קָמֵץ אַלֶף אָ", "קָמֵץ בֵּית בָּ", נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען שׁוֹין 'תְּהִלִים', נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ לֶערְנֶען 'חוּמָשׁ רַשִׁ"יי', - דָאס אִיז דֶער שְׁטָאט!

אוֹיף עֶנְק שְׁטֵייט דִי שְׁטֶעטְל! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס קוּמְט יֶעצְט אַ נֵייעֶ דוֹר אִין שְׁטֶעטְל, דִי שְׁטֶעטְל הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אוּן יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה הָאט דָאךְ קִינְדֶער, וֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם טוֹיזְנְט מִשְׁפָּחוֹת אוּן צְוֵויי טוֹיזְנְט מִשְׁפָּחוֹת, וֶוער עֶס קֶען אַבִּיסְל נוּמֶערְן זֶעט שׁוֹין אַז דָאס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט גֶעדוֹיעֶרְן צוּ לַאנְג, קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶע וַוארְטְן אוֹיף עֶנְקֶער אַרְבֶּעט.

---

יא. בִּשְׁעַת מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּנֶעם שְׁטֶעטְל, אִיז עֶס גֶעוֶוען בַּיי מֶענְטְשְׁן אַזַא מִין חוֹזֶק, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין אוֹיפְן קָאפּ גֶעפַאלְן, עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר, וָואס שְׁטֶעטְל, וואוּ שְׁטֶעטְל... בָּרוּךְ הַשֵׁם הַיינְט וואוֹינֶען שׁוֹין דָא הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אוּן עֶס בּוֹיעֶט זִיךְ יֶעצְט נָאךְ אַסַאךְ דִירוֹת, לוֹיט וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועלְן דָא וואוֹינֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת.

אִין דִי מוֹסָד שִׁיקְן יֶעצְט גָאר אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט מִשְׁפָּחוֹת, רוֹב שְׁטֶעטְל בַּאשְׁטֵייט פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס שִׁיקְן נָאךְ דִי קִינְדֶער צוּ בֶּעבִּי סִיטֶערְ'ס, מֶען קֶען זִיךְ אָבֶּער שׁוֹין פָארְשְׁטֶעלְן וִוי אַזוֹי דִי מוֹסְדוֹת וֶועט זַיין אִין אַ יָאר צְוֵויי אַרוּם. מִיר הָאפְן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַרִיבֶּער צוּ צִיעֶן דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה צוּם נֵייעֶם בִּנְיָן, אוּן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע וֶועט זַיין אִינֶעם עֶרְשְׁטְן בִּנְיָן, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן אָנְצוּגְרֵייטְן אַ דְרִיטֶע בִּנְיָן אַבִּיסְל אַרוֹיפְצִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן וַוייטֶער.

# אַז מֶען כַאפְּט דִי מַהֲלָךְ
# וֶוערְט דִי אַרְבֶּעט גֶעשְׁמַאק

אִין אָנְהֵייבּ, פַּאר אַ פְּרִישֶׁער מְלַמֵד אוּן אַ פְּרִישֶׁע לֶערֶערִין, אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער דָאס מְלַמְדוּת; וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן אַ פָּארְפָאלְק וָואס בֵּיידֶע, סַיי דֶער מַאן אוּן סַיי דִי וַוייבּ, לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער - אִיז עֶס נָאךְ שְׁוֶוערֶער, מֶען קוּמְט אַהֵיים זֵייעֶר אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט.

אִין אָנְהֵייבּ קוּקְט דֶער מְנַהֵל צוּ פוּן דִי זַייט צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען אִיז מַצְלִיחַ, מֶען קוּקְט אוֹיבּ אִיז דָאס אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס אִיז דָא וואו דִי בְּרָכָה זָאל חַל זַיין, אוּן דֶער מְנַהֵל לֶערְנְט אוֹיס עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרַייעֶן, מֶען קֶען זִיצְן רוּאִיג אוּן מִיט אַפָּאר טְרִיקְס כַאפְּט מֶען דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, אַמָאל מִיט קֶענְדִיס, אַמָאל מִיט טִיקֶעטְס, אַמָאל מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אָדֶער מִיטְ'ן בַּאשְׁטִימֶען גֶעוִויסֶע קִינְדֶער פַאר גַבָּאִים.

אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען כַאפְּט דִי מַהֲלָךְ וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ כִּתָּה - אִיז עֶס מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה!

וָואס קֶען זַיין בֶּעסֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵד:** דֶערְמַאן זִיךְ דַיין עֶרְשְׁטֶע יָאר וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן מְלַמֵד, בִּיסְטוּ יֶעדֶע וָואךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר זָאגְן: "עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר", "אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד", לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הֲנָאָה הָאבְּן צוּ זִיצְן אִין חֵדֶר, צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט הָאסְטוּ זֵייעֶר הֲנָאָה, דָאס אִיז אַ 'מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה', הַיינְט וָואלְסְטוּ זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּישְׁט מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, דוּ זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק, דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מַמָּשׁ אַ גַן עֵדֶן בַּיי דִיר אִין כִּתָּה!

עֶס קֶען זַיין אוֹיבּ מֶען רֶעכְנְט אוֹיס דִי שָׁעוֹת, וִויפִיל שָׁעָה מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, - אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְלַמֵד; וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט צוּפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, וִוי מִיט קוֹיפְן אַ הוֹיז וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען כַאפְּט דֶעם מַהֲלָךְ וִוי אַזוֹי צוּ כַאפְּן דִי קִינְדֶער'ס הֶערְצֶער,

וֶוערְט דִי אַרְבֶּעט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק און זִיס אַז מֶען ווִיל זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיפְטוֹישְׁן מִיט קֵיינֶעם.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי מְלַמְּדִים:** וֶוער פוּן עֶנְק וָואלְט נָאךְ הַיינְט גֶעזוּכְט צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין קָאנְסְטְרָאקְשְׁן, אָדֶער גְרָאבְּן קְוֶועלֶער?!...

## מִיר בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער

אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד און אַ לֶערֶערִין; נִישְׁט אֵיין מָאל און נִישְׁט צְוֵויי מָאל קוּמֶען מְלַמְּדִים צוּ מִיר זָאגְן: "גֶעוֶוענְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ", "עֶס נֶעמְט מִיר אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע כֹּחַ", זָאלְט עֶטְץ ווִיסְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אַרְבֶּעט און פְּלָאגְט זִיךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער.

ווען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי בְּרִידֶער וָואס בֵּיידֶע הָאבְּן מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער מְלַמֵּד אִין חֵדֶר, דֶער צְווייטֶער הָאט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט אִין בּוֹיעֶן הַייזֶער. אֵיין טָאג אִיז דֶער מְלַמֵּד צוּקוּמֶען צוּ מִיר און גֶעזָאגְט: "וָואס דַארְף אִיךְ דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מְלַמְּדוּת? אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער, עֶס קָאסְט מִיר כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ, קוּק מַיין בְּרוּדֶער, אִים אִיז פִּיל גְרִינְגֶער, עֶר אִיז מְסוּדָּר, עֶר הָאט אַ דְזְשַׁאבּ, עֶר אַרְבֶּעט זַיינֶע שָׁעָה'ן און בַּאקוּמְט אַ גֶעהַאלְט".

זָאג אִיךְ פַארְן מְלַמֵּד: דַיין בְּרוּדֶער הָאט מִיר פּוּנְקְט הַיינְט צוּפְרִי אָנְגֶערוּפְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ מִיר פּוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע, עֶר זָאגְט מִיר: "וָואס גֵייט פָאר מִיט מִיר? קוּק מַיין בְּרוּדֶער, עֶר זִיצְט אִין חֵדֶר מִיט אַ כִּתָּה קִינְדֶער, עֶר רֶעדְט צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דַארְף אִיךְ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט בּוֹיעֶן הַייזֶער? וָואס טוּ אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט?!" פְרֶעגְט מִיר דֶער מְלַמֵּד: "מַיין בְּרוּדֶער הָאט עֶס טַאקֶע גֶעזָאגְט?" זָאג אִיךְ אִים: "לָאמִיר אִים אָנְרוּפְן, וֶועסְטוּ עֶס הֶערְן פוּן אִים אַלֵיינְס"... נָאכְ'ן עֶס הֶערְן הָאט עֶר טַאקֶע אֵיינְגֶעזֶען אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי, בֵּיידֶע בְּרִידֶער אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, און וואוּ'ל אִיז דֶער וָואס לֵייגְט אַרַיין זַיין פְּלָאג אִין זַאכְן וָואס בְּלַייבְּן.

# קומֶען אִין חֵדֶר מִיט שִׂמְחָה

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס, אִיךְ ווִיל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ ווייס אַז אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶטְץ זָאלְטְס אָבֶּער ווִיסְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט; אוֹיבְן אִין הִימְל הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַלְאָכִים, פִּינְקֶען פֵּייעֶר, וָואס טוּעֶן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם גְרִינְגֶערְהֵייט, זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן און עֶר ווִיל אַז מִיר זָאלְן זִיךְ מוּטְשֶׁען, עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אַ יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ צוּ זֶען ווִי מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן און מֶען טוּט גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק, קוּמְט אִין חֵדֶר און אִין שׁוּלֶע מִיט שִׂמְחָה!

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר שְׁרַייבְּן חִיזּוּק, ווַייל דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט גֵיי אִיךְ אַרַיין אִין כִּתָּה אָן אַ טַעַם, גֶעצְווִינְגֶענֶערְהֵייט", אִיךְ הָאבּ אִים צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַבִּיסְל שַׁארְף, אִיךְ הָאף אַז עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר גֶעצְווִינְגֶענֶערְהֵייט ווִיל אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיי אוּנְז ווַייטֶער מְלַמֵּד, עֶנְדֶערְשׁ רוּף מִיר אָן אַז דוּ זָאגְסְט זִיךְ אָפּ פוּן מְלַמְּדוּת, עֶס וֶועט מִיר זֵייעֶר נִישְׁט שְׁמֶעקְן, אָבֶּער אִיךְ ווִיל מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס וָואס קוּמֶען מִיר טוּן טוֹבוֹת, ווַייל דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען נִישְׁט דִי קִינְדֶער דִי רִיכְטִיגֶע חִינוּךְ"[יב].

---

**יב.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ דֶעם בְּרִיוו:

**אִיךְ ווִיל מְלַמְּדִים און טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר אַרְבֶּעט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, ווִי אַזוֹי

# עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי גוּט

אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְדִים וָואס אִיז שׁוֹין צֶען יָאר מְלַמֵד בַּיי דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אִיז לֶעצְטְנְס צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט!" פְּרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶערַאטֶעוֶועט?" זָאגְט עֶר מִיר: "נָאךְ מַיין חֲתוּנָה בִּין אִיךְ אַרַיין אִין דִי אַרְבֶּעט פוּן קָאנְסְטְרָאקְשְׁן, אִיךְ הָאבּ אִינְסְטָאלִירְט קִיכְן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל וֶוערְן אַ מְלַמֵד בַּיי דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער"[יג].

מֶען קוּקְט אִין הִימְל אוֹיף אַ מְלַמֵד - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג: "אַ מְחַיֶה אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד!" וָואלְסְט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זְכוּת צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

אִיךְ טוּ דָאס שׁוֹין כִּמְעַט צְוָואנְצִיג יָאר, פוּן שְׁנַת תשס"ד לֶערְן אִיךְ תּוֹרָה מִיט בָּחוּרִים, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס דִי זִיסְטֶע זַאךְ, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ; אִיךְ וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִין דִי וֶועלְט. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים כז, ד): "שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי", אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען זִיצְן אִין בֵּית הַשֵּׁם מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

לָאז מִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַיין אַ מְלַמֵד, וַוייל אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט - ווִיל אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיי אוּנְז וַוייטֶער מְלַמֵד; אִיךְ ווִיל מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת חַיֵי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג)

יג. עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז אַרְבֶּעטְן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז שְׁוֶוערֶער אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז אַרְבֶּעטְן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז גְרִינְגֶער.

פַּאר מִיר קוּקְט אוֹיס אַז אַרְבֶּעטְן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז שְׁוֶוערֶער, וַוייל זֵיי הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט דֶעם שֵׂכֶל פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט צְוֶועלְף דְרַייצְן יֶערִיגֶע קִינְדֶער,

זָאגְט מִיר דֶער מְלַמֵּד וַוייטֶער: ״הַיינְט שְׁפִּירְט זִיךְ עֶס אַזוֹי גוּט, אִיךְ זִיץ מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ גֶעבּ אַרוֹיס תַּלְמִידִים; עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער צֶען יָאר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן הוּנְדֶערְטֶער תַּלְמִידִים וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פָּשׁוּט אִידִישְׁקֵייט, וִוי זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, אוּן דָאס גְלַייכְן; עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט דָא אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס זֶענֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים!״

דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶענֶע הֶענְט, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט מִיט מֶעבְּל אוּן שֵׁיין פַּארְדִינְט, עֶר קֶען מַאכְן מִיט אַפָּאר שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ - סֵיי וֶועלְכֶע מֶעבְּל מֶען דַארְף, זוּמֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען מֶענֶעדְזְשֶׁער אִין אַ קֶעמְפּ פוּן אַ רִיזִיגֶע יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, עֶר הָאט דָארְט פַּארְדִינְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט[יד].

הָאבּ אִיךְ אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: ״וָואס טוּסְטוּ? דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶועסְטוּ זֶעגְן הָאלְץ?! קוּם אִין חֵדֶר צוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ מִיט זֵיי אוּן רֶעד צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!״ - הַיינְט בַּאדַאנְקְט עֶר זִיךְ פַּארְן אִים צוּשְׁטִיפְּן צוּ מְלַמְּדוּת.

---

קִינְדֶער מִיט שֵׂכֶל, אִיז מִיר גֶעוֶוען גְרִינְג זִיךְ צוּ פַּארְשְׁטֵיין מִיט זֵיי, אָבֶּער מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז שְׁוֶועֶרער זִיךְ צוּ פַּארְשְׁטֵיין.

וֶוען אִיךְ קוּק צוּ וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵּד גֵייט זִיךְ אוּם מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶע אִיךְ וִוי אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט עֶס אִיז, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, בַּיים טֵיילְן עֶסְן זֶע אִיךְ וִוי דִי נֵייעֶ קִינְדֶער וֵויינֶען, זֵיי ווִילְן אַוֶועק לוֹיפְן פוּנֶעם טִישׁ, אוּן דֶער מְלַמֵּד כַאפְּט זֵיי אָן, - נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק, נָאר מִיט רַחֲמָנוּת, - אוּן עֶר הַאלְט זֵיי נֶעבְּן זִיךְ בִּיז זֵיי בַּארוּאִיגְן זִיךְ, בִּיז זֵיי זֶעעֶן אַיין אַז מֶען דַארְף פָּאלְגְן אוּן מֶען דַארְף זִיצְן שֵׁיין. עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.

יד. אַז מֶען רֶעדְט פוּן זַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער אִין אַ קֶעמְפּ אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּצוּלֵייגְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ זַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער אִין אַ קֶעמְפּ, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען פְרֶעגְט יֶענֶעם: ״וָואס דַארְפְסְטוּ? אַ נֵייעֶ סְקְרִין? אַ נֵייעֶ רִיגְל? פֵיין, אִיךְ פַארְשְׁרַייבּ דָאס אוֹיף מַיין לִיסְטֶע״, אוּן בַּאלְד פָּארְט מֶען שׁוֹין אַהֵיים פוּן קֶעמְפּ אוּן יֶענֶער הָאט שׁוֹין לַאנְג פַּארְגֶעסְן פוּן זַיין סְקְרִין אוּן רִיגְל...

דִי מֶענֶעדְזְשֶׁערְס וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם סוֹד, הַאלְטְן עֶס נִישְׁט אוֹיס, וַוייל יֶעדֶער דַארְף אוּמְצָאלִיגֶע זַאכְן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, אָבֶּער מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה קֶען מֶען גְרִינְג אַרְבֶּעטְן, אַבִּיסְל פַּארְרֶעכְט מֶען אוּן אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט מֶען אַז מֶען וֶועט עֶס בַּאלְד פַּארְרֶעכְטְן, אוּן בַּאלְד פָּארְט מֶען שׁוֹין אַהֵיים...

## אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַ רֶעקָאָרְדֶער

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַּאר דֶעם מְלַמֵּד, מֶען דַארְף נִישְׁט יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן; קוֹיף זִיךְ אַ נַייעֶ רֶעקָאָרְדֶער מִיט צְוֵויי קְלֵיינֶע סְפִּיקֶערְס, דָאס אִיז אַן אֵיינְמָאלִיגֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְט, אוּן זֶעץ זִיךְ אַוֶועק בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר וִוי דוּ בִּיסְט יֶעצְט אִין כִּתָּה, צִינְד אָן דֶעם רֶעקָאָרְדֶער אוּן זָאג אַרַיין קְלָאר: **"אַלֶע קִינְדֶער זֶעצְן זִיךְ שֵׁיין אַרָאפּ"**, וַוארְט אַבִּיסְל אוּן זָאג וַוייטֶער: **"וַואוּו! אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן אַזוֹי שֵׁיין! - יֶעדֶער הֵייבְּט שֵׁיין אָן צוּזַאמֶען: 'מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ'... יֶעצְט גֵייט מֶען שׁוֹין אַרוֹיס נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט 'בָּרוּךְ אַתָּה'..."** אוּן דָאס וֶועסְטוּ אָנְצִינְדְן יֶעדְן טָאג פַאר דִי קִינְדֶער.

דִי עֵצָה פוּנֶעם רֶעקָאָרְדֶער קֶען מֶען אוֹיךְ נִיצְן מִיטְ'ן דֶערְצֵיילְן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, מֶען רֶעקָאָרְדִירְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַּרְשָׁה אָנְהֵייבּ וָואךְ, אוּן מֶען שְׁפִּילְט דָאס אוֹיף יֶעדְן טָאג.

## אָנְצִינְדְן רֶעקָאָרְדִירוּנְגֶען פוּן עֶרְלִיכֶע בַּעֲלֵי מְסַפְּרִים

אוֹיךְ קֶענֶען דִי מְלַמְּדִים קוֹיפְן רֶעקָאָרְדִירוּנְגֶען פוּן בַּעֲלֵי מְסַפְּרִים, הַיינְט קֶען מֶען קוֹיפְן הֶערְלִיכֶע רֶעקָאָרְדִירוּנְגֶען אוֹיף אַלֶע פַּרְשִׁיּוֹת אוּן יָמִים טוֹבִים, פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, ר' ... - פוּן קִרְיַת יוֹאֵל; עֶס אִיז פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

מֶען קֶען אָבֶּער נִישְׁט אָנְצִינְדְן פַאר קִינְדֶער יֶעדֶער בַּעַל מְסַפֵּר אוּן יֶעדֶער זִינְגֶער, עֶס מוּז זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיךְ קֶען מֶען אָנְצִינְדְן דִי רֶעקָאָרְדִירוּנְגֶען בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ, אַזוֹי וֶועט בִּשְׁעַתְ'ן שְׁפִּילְן אַרַיין גֵיין אִין דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַּרְשָׁה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס דַאוֶוענֶען מִיט אַ רֶעקָאָרְדֶער אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָכְמָה, וַוייל אַזוֹי דַאוֶוענְט דֶער רֶעקָאָרְדֶער פָּאר דָאס דַאוֶוענֶען

און נישט דער מלמד, יעצט אז א קינד רופט זיך אן: "איך וויל נישט דאווענען!" דארף מען נישט אפשטעלן די גאנצע כתה פון דאווענען, נאר דער מלמד נעמט דעם קינד אין א זייט, ער איז אים משדל ער זאל וועלן דאווענען, און די גאנצע כתה דאוונט ווייטער מיט'ן רעקארדער.

## שטעלן די צעבראכענע קינדער פאר גבאים

אז א קינד זאגט: "איך וויל נישט דאווענען!" איז זיכער דא א סיבה פארוואס ער וויל נישט היינט דאווענען, א קינד ווערט נישט סתם אזוי משוגע.

עס קען זיין אז ער איז נישט געהעריג געשלאפן ביינאכט, אדער איז עפעס געווען נעכטן ביי נאכטמאל, זיין טאטע מאמע האבן זיך צעקריגט און ער האט באקומען פון דעם א שרעק; אמאל ווייסט דער קינד אליינס אויך נישט פארוואס ער איז היינט משוגע, עס קען אמאל ארויס קומען אין פופצן יאר ארום וואס עס האט אים געשטערט וואס צוליב דעם איז ער נישט געווען נארמאל.

א מלמד דארף נעמען די צעבראכענע אויסגעלאשענע קינדער, די קינדער וואס מען קען זיך מיט זיי נישט אן עצה געבן, און זיי מאכן פאר 'גבאים' אויסצוטיילן צעטלעך און קרעיאנס, אנשטאט דער מלמד זאל אויסוועלן וועלכע בלאט צו פארבן און וועלכע קאליר קענדי צו טיילן, זאל דער שווערער קינד, אויסוועלן דעם בלאט און קאליר. דאס וועט גרינגער מאכן פארן מלמד, ער וועט קענען זיצן אויף זיין בענקל און די גבאים וועלן אלעס טון, און מיט די קליינינקייטן בויעט ער אויף אידישע קינדער.

## ליב האבן אלע תלמידים

טייערע מלמדים און לערערינס. איך בעט ענק ברחמים; יעדן טאג אינדערפרי איידער עטץ גייטס אריין אין כתה, בעטס דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער איך וויל ליב האבן מיינע תלמידים אזוי ווי מיינע אייגענע קינדער, ווייל זיי זענען דאך**

**מַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי ווי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן** (סַנְהֶדְרִין יט:): **'כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, מַעֲלָה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ'".**

אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ צְוֵוייטְנְס קִינְד דַארְף אִים לִיבּ הָאבְּן ווי אַן אֵייגְן קִינְד; מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'דֶער קִינְד אִיז אַ ... אִיךְ וָואלְט אִים צֶערִיסְן', אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ קִינְד, דַארְף מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן כִּתָּה! מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי זִיצְן אִין כִּתָּה! מֶען מוּז לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן קִינְד!

מַאךְ צוּ דַיינֶע אוֹיגְן, טְרַאכְט אַ גוּטֶע זַאךְ, אַ רַחְמָנוּת, אוֹיף יֶעדְן קִינְד.

## דִי עֶלְטֶערְן מִיט דִי מְלַמְּדִים

אִיךְ זָאג אַלֶע פַאר עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן פוּן צַייט צוּ צַייט גֶעבְּן אַ טִיפ פַארְן מְלַמֵּד פוּן זֵייעֶר זוּן אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, ווייל אַזוֹי וֶועט אֶפְשָׁר דֶער מְלַמֵּד זָאגְן מָארְגְן פַאר זַיין קִינְד: "בִּיסְט אַזַא חָשׁוּב קִינְד!"

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען עֶס זֶען בַּיי זִיךְ וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִיבֶּער נַאכְט אַ פְרֶעמְדֶע קִינְד פוּן אַ שְׁכֵנָה אָדֶער מִשְׁפָּחָה, אוֹיבּ הָאט מֶען לִיבּ דִי עֶלְטֶערְן פוּנֶעם קִינְד - קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ אוֹיפְ'ן קִינְד, מֶען רֶעדְט גֶעשְׁמַאק מִיטְ'ן קִינְד, מֶען טוּט אִים אָן מִיט וַוארֶעמְקַייט אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין בֶּעט מִיט וַוארֶעמְקַייט, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ דִי עֶלְטֶערְן - טוּט מֶען עֶס אָן טַעַם.

דֶערְפַאר הָאף אִיךְ אַז אַלֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן לִיבּ דִי עֶלְטֶערְן פוּן אַלֶע קִינְדֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט עֶפֶּעס אַ סִכְסוּךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט אַ טַאטֶע, ווייל אוֹיבּ יָא קֶען חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁען אַז דֶער מְלַמֵּד זָאל גֶעבְּן אַ צִיפ פַאר יֶענֶעמְ'ס קִינְד, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר וֶועט הַאלְטְן אַז עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן צוּלִיבּ חִינוּךְ...

## קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זֵיי

נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט מִיר אַ טַאטֶע אַז פַארְיָאר פְלֶעגְט זַיין זוּנְ'ס

מְלַמֵד גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ פַּאר אֵיין אִינְגְל לְכָבוֹד שַׁבָּת אַ קְלֵיינֶע בָּאטְל גֶרֶעיפְּדְזְשׁוּס מִיט אַ סְטִיקֶער אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן: "דֶער קִינְד אִיז דֶער אוֹיסְגֶעצֵייכְנְסְטֶער אִינְגְל פוּן כִּתָּה", אוּן פַּאר זַיין זוּן הָאט עֶר עֶס גֶעגֶעבְּן סוֹף יָאר.

עֶס קֶען זַיין אַז פַאְרן מְלַמֵד אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוען עֶר גֶעבְּט דָאס, אַ מְלַמֵד וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק אַ קִינְד וַוארְט אוֹיף דִי זַאכְן, אָבֶּער זַיין זוּן וֶועט דָאס נִישְׁט פַארְגֶעסְן; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין חֵדֶר, אוּן אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וִוי דֶער טַאטֶע אִיז מִיר דֶעמָאלְט גֶעקוּמֶען זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי חֵדֶר, אָבֶּער פַארְוָואס דַארְף מַיין זוּן גֵיין אִין חֵדֶר? עֶר אִיז שׁוֹין נַיין יָאר, עֶר אִיז שׁוֹין זֵייעֶר עֶרְוַואקְסְן, עֶר זָאגְט מִיר כְּסֵדֶר אַז שַׁבָּת אִיז זַיין בֶּעסְטֶע טָאג, עֶר קֶען זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, פַארְוָואס טַאקֶע פֶעלְט אִים אוֹיס צוּ גֵיין אִין חֵדֶר?..."

אָבֶּער הֵיי יָאר הָאט זַיין זוּן יָא בַּאקוּמֶען דֶעם בָּאטְל גְרֶעיפְּדְזְשׁוּס אָנְהֵייבּ יָאר, הָאט דָאס גֶעטוֹישְׁט זַיין גַאנְצֶע חֵשֶׁק, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן אוֹיפְ'ן מְלַמֵד, אַ קִינְד וִויל אֵיין זַאךְ: 'קוּק אוֹיף מִיר', 'טְרַאכְט פוּן מִיר', 'רוּף מִיךְ אַרוֹיס אִיךְ זָאל אוֹיסְטֵיילְן צֶעטְלֶעךְ', 'לָאז מִיךְ עֶפֶּעס זָאגְן אוֹיף דִי מֵייק'.

אַלֶע קִינְדֶער סֵיי יוּנְגֶערֶע אוּן סֵיי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אֵיינִיג מִיט דֶעם, אַלֶע וַוארְטְן אוֹיף אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פוּן דֶער רֶבִּי, בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִיז עֶס גָאר שְׁטַארְק, זֵיי טְרַאכְטְן 'נָאר' פוּן דֶעם: 'דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ לִיבּ?' אָדֶער 'דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ?' אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים לִיבּ, ווִיל עֶר גֵיין אִין חֵדֶר.

## דִי לֶערֶערִין אִיז דָאךְ שׁוֹין עֶרְוַואקְסְן

פַארְיָאר הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ לֶערֶערִין, זִי שְׁרַייבְּט מִיר: "עֶס אִיז אַזוֹי גוּט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין סְקוּל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֵיין

תַּלְמִידָה וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׁפְּרַאךְ צוּ אִיר, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ קוּק אוֹיף אִיר קוּקְט עֶס אוֹיס ווי זִי דַארְף מִיךְ נִישְׁט". קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל אִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן, וָואס הֵייסְט דִי תַּלְמִידָה דַארְף מִיךְ נִישְׁט? עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, יֶעדֶע תַּלְמִידָה דַארְף אַ גוּט וָוארְט! פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, עֶס קֶען אַמָאל זַיין אַז דִי קִינְד דַארְף נָאךְ וויכְטִיגֶער דִי לֶערֶערִין ווי אַנְדֶערֶע, אַזוֹי ווי וֶוען מֶען גֶעבְּט אֵיינֶעם אַ מַתָּנָה אוּן יֶענֶער זָאגְט "אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי מַתָּנָה", וָואס מֵיינְט עֶס? אַז עֶר דַארְף עֶס 'גָאר שְׁטַארְק', נָאר עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען...

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ פּוּנְקְט דֶעם זֶעלְבְּן טָאג בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן יֶענֶע תַּלְמִידָה וָואס דִי לֶערֶערִין זָאגְט אַז זִי דַארְף אִיר נִישְׁט, שְׁרַייבְּט מִיר דָאס קִינְד: "אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַּארְוָואס מַיין לֶערֶערִין הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ וויל אַזוֹי שְׁטַארְק זִי זָאל קוּקְן אוֹיף מִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ בֶּעבְּסִיטְן אִיר קִינְד, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ אָנְרוּפְּן אִין כִּתָּה, וַוייל אִיךְ וויל זִי זָאל קוּקְן אוֹיף מִיר, אוּן זִי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג, זִי דַארְף מִיךְ נִישְׁט אִין קְלַאס".

הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס בֵּיידֶע וַוארְטְן אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן, אוּן בֵּיידֶע רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז דֶער צְוֵוייטֶער דַארְף אִים נִישְׁט.

דִי וואוּנְדֶער אִיז נָאר, מֵילָא אַ פֶּערְצְן יֶערִיג קִינְד טְרַאכְט אַז אִיר לֶערֶערִין דַארְף אִיר נִישְׁט, דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי מָאדְנֶע, אֲפִילוּ גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוערְט מֶען אוֹיס 'קְטַנָּה' בַּיי דִי צְוֶועלְף יָאר, אִיז זִי נָאכְנִישְׁט עֶרְוַואקְסְן, אָבֶּער פַּארְוָואס זָאל דִי לֶערֶערִין טְרַאכְטְן צִי 'דִי תַּלְמִידָה דַארְף מִיךְ יָא' צִי 'דִי תַּלְמִידָה דַארְף מִיךְ נִישְׁט'?! דִי לֶערֶערִין אִיז דָאךְ שׁוֹין עֶלְטֶער!

## עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַ גוּט וָוארְט

מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת דַארְפְן מִיךְ יָא!

חַזֵר זִיךְ אַיין: אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז יֶעדֶעס קִינְד וָואס אִיז דָא אִין כִּתָּה דַארְף מַיין גוּט וָוארְט.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק אוֹיבּ דִי תַּלְמִידָה קוּמְט בֶּעטְן דֶעם גוּט וָוארְט, זִי שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אִיר פָּנִים: "גֶעבּ מִיךְ אַ גְלֶעט", אָדֶער זִי גֵייט אַרוֹיס נָאכְ'ן שִׁיעוּר אוּן מַאכְט זִיךְ וִוי זִי דַארְף מִיךְ נִישְׁט, - אַלֶעמָאל וַוארְט אַ קִינְד אוֹיף דִי גוּט וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין.

קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבֶּער וואו דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, קֶענֶען שְׁנֶעלֶער אַרוֹיס וַוייזְן וִוי שְׁטַארְק זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַ גוּט וָוארְט. מַיין מַאמֶע הָאט מִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, קֶען אִיךְ נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַז אֵיינֶער זָאגְט מִיר: "שְׁכֹּחַ, דָאס דַאוֶוענֶען אִיז זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען", "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם נִיגוּן", זָאג אִיךְ אִים צוּרִיק: "יְיַשֶּׁר כֹּחֲכֶם", אִיךְ קֶען עֶס הֶערְן.

אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען עֶר דַאוֶוענְט פַּארְן עָמוּד וִויל עֶר אַז קֵיינֶער זָאל אִים נִישְׁט זָאגְן "שְׁכֹּחַ", זַיינֶע גֶעפִילְן זֶענֶען פַארְמַאכְט, עֶר עֶסְט זִיךְ אוֹיף אִינֶעוֵוייגִיג.

עֶס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער קִינְד דַארְף טַאקֶע נִישְׁט דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער, נָאר עֶר וֵוייסְט פָּשׁוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּנֶעמֶען דֶעם גוּט וָוארְט.

## אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'יִרְאַת שָׁמַיִם'

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'יִרְאַת שָׁמַיִם'.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ אִינְגְל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט זַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעמַאכְטֶע בְּרִיוו, אִיךְ קֶען דֶעם אִינְגְל. עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַזוֹי: "אִיךְ בִּין אַ צְוֶועלְף יֶערִיג אִינְגל אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע זַאכְן וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט אֲפִילּוּ נִישְׁט פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן בַּיי דִי זִיבֶּעצִיג יָאר!"

עֶר שְׁרַייבְּט מִיר: ״אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, בַּיי דִי עֶלְף יָאר הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אַן אַלְטֶע טֶעלֶעפָאן פוּן מַיין מַאמֶע, זִי הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס הָאט נִישְׁט קַיין סֶערְוִויס אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשַׁאפְּט סֶערְוִויס, יֶעדֶע נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן גֶעקוּקְט דָארְט דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין פַארְבִּינְדוּנְג מִיט מַיינְ׳ס אַ קָאזִינֶע, גָאר אַ פַארְדָארְבֶּענֶע, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט זִי אוֹיס עֶרְלִיךְ, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִיז זִי גֶענְצְלִיךְ פַארְדָארְבְּן, אִיךְ פְלֶעג זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִיר אוּן טוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. בִּיז אֵיין מָאל אִינְמִיטְן קוּקְן שְׁמוּץ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ דָארְט גֶעהֶערְט אַ נֵייעֶ זַאךְ פוּן ׳קְדוּשַּׁת הַבְּרִית׳; מַיין טַאטֶע הָאט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ פוּן ׳קְדוּשַּׁת הַבְּרִית׳, קֵיינֶער הָאט מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעזָאגְט וָואס מֵיינְט קְדוּשָּׁה!״

עֶר וֵויינְט צוּ מִיר אַז עֶר שְׁטֵייט נָאךְ פַּאר זַיין בַּר מִצְוָה אוּן עֶר הַאלְט שׁוֹין נָאךְ אַלֶע עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעטוּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען קֶען אִים נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן, וַוייל עֶר אִיז נָאךְ אַ קָטָן, עֶר אִיז יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ זַאךְ פוּן ׳קְדוּשַּׁת הַבְּרִית׳, אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן לֶעבְּן, אוּן דָאס דַארְף מֶען אָפְּהִיטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער![טו]

---

טו. מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ דֶעם בְּרִיוו:

**אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי פִיל גֶעפַאלְן, קֶען אִיךְ נָאךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אִיז מַיין לֶעבְּן, מַיין רוּחְנִיוּת׳דִיגֶע לֶעבְּן אוּן מַיין גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע לֶעבְּן, אוּן יֶעצְט וִויל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן מִיט מַיין שְׁוֶועךֶע לֶעבְּנְ׳ס גֶעשִׁיכְטֶע.

מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ מִיר גָארְנִישְׁט וֶועגְן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאבּ אִיךְ

דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעהֶערְט אִיבֶּער קְדוּשָׁה, אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן לֵיידֶער הָאט דָאס מִיר אָפְּגֶעקָאסְט מַיין לֶעבְּן.

שׁוֹין אִין כִּתָּה ב׳ גֶעדֶענְק אִיךְ אַז עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם אוּן מִיר צוּגֶערֶעדְט צוּ טוּן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, זִיךְ אָנְרִירְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוֹיף אַ וֶועג וָואס מֶען טָאר נִישְׁט רַחֲמָנָא לִיצְלָן. שְׁפֶּעטֶער זַייעֶנְדִיג עֶלְף יָאר הָאבּ אִיךְ ווִידֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מַיין מַאמֶע הָאט גֶעהַאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט, אוּן אֵיינְמָאל וֶוען זִי הָאט גֶעקוֹיפְט אַ נֵייעֶ טֶעלֶעפָאן, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט לַאנְגְוֵוילִיג, הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם טֶעלֶעפָאן, אוּן יֶעדֶע נַאכְט גֶעקוּקְט דָארְט דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן, בִּיז אֵיין נַאכְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן אַ ווִידִיאָו פוּן אַ דְרָשָׁה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם טֶעלֶעפָאן, בִּיז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט צוּגֶערִירְט דֶערְצוּ פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים. אָבֶּער זַייט דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין מַיין מֹחַ גֶעוֶוען פַארְבְּרֶענְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן בִּיז הַיינְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶערְנֶען.

אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען מַיין גְרֶעסְטֶע יְרִידָה, אִיךְ הָאבּ ווִידֶער אָנְהוֹיבְּן קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין פַארְבִּינְדוּנְג מִיט מַיינְ׳ס אַ קָאזִינֶע, גָאר אַ פַארְדָארְבֶּענֶע, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט זִי אוֹיס עֶרְלִיךְ, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִיז גֶענְצְלִיךְ פַארְדָארְבְּן. אִיךְ פְּלֶעג זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִיר אוּן טוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִין יֶענֶע צַייט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ גֶעוָואלְט נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם טַעַם אוּן סְפּוּק אִין מַיין לֶעבְּן; בִּיז אִיךְ הָאבּ ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

יֶעצְט הַאלְט אִיךְ פַאר מַיין בַּר מִצְוָה, אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף, אִיךְ שְׁלָאג זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת מִיט מַיין יֵצֶר הָרָע נִישְׁט צוּרִיק צוּ פַאלְן צוּ דִי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער אֵיין זַאךְ אִיז מִיר גָאר שְׁוֶוער, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז צוּ קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ גֵיי אוֹיפְ׳ן גַאס מִיט דִי קָאפּ אוֹיף אַרוֹיף, אוּן אִיךְ מוּז קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע מֵיידְל וָואס גֵייט דוּרְךְ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן.

אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי סַאךְ אַז אִיךְ ווִיל זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן מִיר אוּן אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט בַּייקוּמֶען?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר, אוּן מִיר

גֶעבְּן עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, וַוייל אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ פַאלְן אִין גְרוּבּ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, בִּפְרָט אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ קִינְד, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייסְטוּ וֶוערְן אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר - קֶענְסְטוּ יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶר בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (מִשְׁפָּטִים, צח.) וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט בַּר מִצְוָה - וֶוערְט עֶר נֵיי גֶעבּוֹירְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ב, ז): "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", עֶר בַּאקוּמְט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, עַיֵּין שָׁם.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם? וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס בְּרֶעגְט אִין דִיר אַ פֵייעֶר צוּ קוּקְן אוֹיף מֵיידְלֶעךְ, דוּ וֶוערְסְט פַארְבְּרֶענְט, נָאכְדֶעם וָואס דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט זִיךְ צוּ הִיטְן, דוּ הָאסְט שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וִוי מֶער דוּ הֶערְסְט אוּן לֶערְנְסְט פוּן רֶבִּי'ן - זֶעסְטוּ אִין וָואס פַאר אַ פְּלָאנְטֶער דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת; הוֹיבּ אָן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה כְּסִדְרָן, גֵיי אִין אַ סֵדֶר, פוּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס וֶועט אוֹיסְרַייסְן דַיין אַלְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט, עֶס וֶועט דִיר מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, "שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלַן", עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַ בָּחוּר וָואס אִיךְ קֶען שׁוֹין אַפָּאר יָאר[יז], הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מַיין גַאנְצֶע כֹּחַ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת", רַחֲמָנָא לִצְלָן!

הֶערְנְדִיג דִי וֶוערְטֶער טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר, 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶר הָאט דָאךְ גֶעלֶערְנְט אִין אַ פְרוּמֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע

---

גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אוּן אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, אַלֶעס אַלֶעס זָאלְסְטוּ אִים דֶערְצֵיילְן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט. שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל אִים אַז דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט, מֶען הָאט דִיר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אוּן אַזוֹי בִּיסְטוּ נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הַארְבְּסְטֶע זַאכְן. אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר פַארְגֶעבְּן אוּן דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ - וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן דוּ וֶועסְט וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דִי צְוֵויי עֵצוֹת וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן; דַארְפְסְט נָאר הָאבְּן אַבִּיסְל סַבְלָנוּת, אוֹיסְוַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד, מִיט אַסַאךְ חִיזוּק. וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט זֶען וִוי דוּ הוֹיבְּסְט אָן אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים וֶועט עֶר דִיר פְּרוּבִּירְן נָאכְלוֹיפְן, עֶר וֶועט דִיר נִישְׁט וֶועלְן אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶעבְּן. אָבֶּער שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אִיז שְׁטֶערְקֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת, אוּן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג)

טז. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם בָּחוּר: "עֶר אִיז אַ גוּטֶער בָּחוּר, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אִים נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם", אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ וֵוייס פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוער עֶס אִיז אַ גוּטֶער בָּחוּר אוּן וֶועמֶען אִיךְ דַארְף נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם.

תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן נָאכְאַלְץ קֶען אַזַאנְס פַּאסִירְן?! - זֶעט אוֹיס אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה׳.

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה

אִיךְ הָאבּ גֶעכְטְן אִין יְשִׁיבָה גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַ שַׁארְפֶע דְרָשָׁה בְּעִנְיְנֵי קְדוּשָׁה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיפְ׳ן הַאטְלַיין, ווייל מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלְץ וואוּ מֶען קֶען אַרוֹיסְשְׁנַיידְן שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן שִׁיעוּרִים אוֹיף צוּ חוֹזֶק מַאכְן, אָבֶּער פַּאר עֶנְק מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאג אִיךְ: ״הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא! רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, גְרֵייטְס אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גוּט וִויסְן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן הֵיילִיג אוּן רֵיין!״

מֶען דַארְף נִישְׁט יֶעדְן טָאג רֶעדְן פוּן דֶעם, אָבֶּער מֶען דַארְף רֶעדְן דֶערְפוּן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, מֶען פְלֶעכְט דָאס אַרַיין שֵׁיינֶערְהֵייט אִינְמִיטְן אַ דְרָשָׁה.

נַארִישֶׁע שׁוּלֶעס זֶענֶען פַאר׳עַקְשְׁ׳נְט מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, מֶען זָאגְט נָאר פַּאר דִי קִינְדֶער ״מֶען דַארְף זַיין אֵיידְל״ אוּן שׁוֹין... בְּשְׁעַת דִי קִינְדֶער וֵוייסְן בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט; מֶען דַארְף רֶעדְן אָפְן!

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס רֶעדְן, אָבֶּער מֶען דַארְף רֶעדְן.

פַּאר יוּנְגֶע קִינְדֶער נִיצְט מֶען דִי וֶוערְטֶער: ״**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט דָאס נִישְׁט טוּן**״, ״**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן**״, אוּן פַּאר עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זָאגְט מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל מֶער: ״**דָאס שְׁטֶערְט פַּארְן לֶעבְּן, אַז מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען נָאכְדֶעם נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן!**״

## וַוייזְן אַ בֵּיישְׁפִּיל פַּאר דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן בַּיי זִיךְ: אִיךְ בִּין דֶער מְלַמֵּד, אוּן אַלֶע

קִינְדֶער קוּקְן אוֹיף מִיר, אִיךְ דַארְף וַוייזְן אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֶען וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ.

אַ מְלַמֵד דַארְף קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיט אַ הוּט, אוּן דַאוֶוענֶען מִיט אַ הוּט. אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען מְלַמְדִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט קֵיין חֲסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט; וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען מִיט אַ הוּט, אוֹיבּ זַיין מְלַמֵד פוּן חֵדֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אָן אַ הוּט?!

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָא קוּמֶען, מֶען נֶעמְט יֶעדְן אַרַיין אִין דִי קְהִלָּה, אָבֶּער צוּ זַיין אַ 'מְחַנֵךְ' נֶעמְט מֶען אוֹיף אֵיינֶער וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי"שׁ אוּן וֶועט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער".

---

**יז.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פוּן דֶעם עִנְיָן:

**אַ מְלַמֵד דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט עֶרְלִיכֶע קְלֵיידֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי קְהִילָה; וָואס מֶען טוּט פַאר דִי קְהִילָה - אִיז אַ שִׁמּוּשׁ פַארְן רֶבִּי'ן, אוּן אַז מֶען אִיז מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי'ן - אִיז דָאס אַ נִצְחִיוּת.

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְלַמְדִים הָאבְּן אַן אַחְרָיוּת וִוי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, וִוי אַזוֹי זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן; אַ מְלַמֵד דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט עֶרְלִיכֶע קְלֵיידֶער; אַז אַ מְלַמֵד וֶועט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אָן אַ הוּט אוּן רֶעקְל - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, אַנְדֶערְשׁ וִוי סְתָּם אַ מֶענְטְשׁ. אַזוֹי אוֹיךְ אַ גַּבַּאי, דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז נִישְׁט בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם שׁוּל.

הַכְּלָל עֶס אִיז דָא אַ צְווִישְׁנְשֵׁייד פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט אַ חָשׁוּבֶ'עֶ פָּאסְטְן בִּיז אֵיינֶער וָואס נִישְׁט; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

אִיךְ זֶע מַמָּשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיר זָאגְן לְגַבֵּי דִי יְשִׁיבָה, אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע יְשִׁיבָה; יֶעצְט

דָאס אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַּאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן שׁוּלֶע. יֶעדֶער קֶען קוּמֶען נֶעמֶען חִיזוּק, יֶעדֶער קֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט אוֹיף אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידוֹת, דַארְף זִי קוּמֶען אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל.

עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס טְרַאכְטְן 'מֶען דַארְף זַיין אַ רֶעבֶּעצִין צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ בִּין דָאךְ נִישְׁט קַיין רֶעבֶּעצִין...' אָבֶּער אוֹיב דִי לֶערֶערִין גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אוּן זָאגְט תְּהִלִים אוּן רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי זָאגְט: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", - וֶועלְן דִי תַּלְמִידוֹת זֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל אַז מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין 'רֶעבֶּעצִין' צוּ לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מַיין לֶערֶערִין גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל אוּן זִי רֶעדְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ וֶוען דִי לֶערֶערִין וֶועט זָאגְן: **"מֶען הֵייבְּט נִישְׁט אוֹיף אַ קְלֵייד"** אָדֶער: **"מֶען שְׁפִּילְט נִישְׁט דִי סָארְט שְׁפִּיל"**, - וֶועט מֶען אִיר אוֹיסְהֶערְן.

אַ לֶערֶערִין קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּלֶע אָנְגֶעטוּן מִיט אַלְטֶע שְׁמַאטֶעס. אַ לֶערֶערִין וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן לַייטִישֶׁע קְלֵיידֶער, קֶען דִי מוֹסָד צוּשְׁטֶעלְן פַּאר דִי לֶערֶערִינְס שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער... וַוייל יוּנְגֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ רֵייץ אוֹיסְצוּקוּקְן גוּט, אוּן אַז דִי לֶערֶערִין גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל, בַּאקוּמֶען דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִיר, וֶועלְן זֵיי אִיר אוֹיסְהֶערְן.

אוֹיב יוּנְגֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אֵיינֶעם, הֵייבְּן זֵיי אָן יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן, אוּן זֵיי כַאפְּן זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אַז זֵיי מַאכְן יֶעצְט יֶענֶעם נָאךְ. מֶען קֶען דָאס זֶען בַּיי אַלֶע יוּנְגֶע מֵיידְלֶעךְ, צוּמָאל קוּמֶען זֵיי אַהֵיים פוּן סְקוּל אוּן פְּלוּצְלוּנְג רֶעדְן זֵיי גֶעוִויסֶע עֶנְגְלִישֶׁע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס דָאס מֵיינְט, פַּארְוָואס? וַוייל זִי הָאט פְּרִיעֶר גֶעטְרָאפְן אַ חַבֶרְ'טֶע וָואס הָאט גֶענוּצְט דִי וֶוערְטֶער, בְּלַאבְּלְט זִי עֶס נָאךְ, דֶערְפַאר, אַז אַ מְחַנֶכֶת גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, זִי שְׁמֵייכְלְט צוּ יֶעדֶע קִינְד, וֶועלְן

אִיז דָאס אוֹיךְ בַּיי דִי חֵדֶר, סְקוּל אוּן אוּנְזֶער הֶערְלִיכֶע קְהִילָה אִין קִרְיַית בְּרֶסְלֶב.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן שְׁנַת תשפ"ג)

די קינדער איר ליב האבן, איר ווען נאכמאכן און פאלגן אלעס וואס זי זאגט"[יח].

# נישט רעדן קריטיק צווישן זיך

**צום סוף פונעם שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן:** ווער עס האט עפעס א ווארט צו זאגן אויף די חדר אדער שולע, זאל מיר גלייך שרייבן, מען זאל אפילו נישט ווארטן

---

**יח.** מיר ברענגען דא אראפ א בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן איבער דעם ענין עטליכע טעג פארן געבן דעם שיעור:

**אריינברענגען אין די יונגווארג א ליבשאפט צו אידישקייט**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת לך לך, ט' מר-חשון, שנת תשפ"ג לפרט קטן

איר מאכט א רייץ ביי די קינדער אין בית פיגא סקול, אלע זאלן וועלן גיין נאך די חתונה מיט די שיינע אידישע לבוש. איר טוט זיך אן אזוי איידל און אזוי צאמגענומען, אז די קינדער זאגן: "מיר וויל אויך אויסזען אזוי ווי מרת ... מיר וויל אויך גיין אנגעטון איידל און באשיידן".

איך בין אייך זייער מכיר טובה פאר דעם. איר האט נישט קיין אנונג ווי עס גייט מיר ממש אין לעבן אויפצושטעלן א דור אידישע מאמעס, אידישע ווייבלעך - וואס זאלן ליבן אידישקייט, זיין שטאלץ מיט די אידישע אנטון.

קיינער ווייסט נישט וואס איך וויל, אלע זענען זיך טועה אין מיר, מען רעדט אויף מיר כל דבר אסור כאחד הריקים. דער אייבערשטער ווייסט וואס איך וויל; איך וויל אריינברענגען אין בני הנעורים, סיי ביי די בחורים און סיי ביי די מיידלעך א ליבשאפט צו אידישקייט, מען זאל זיך עקלען פון אומות העולם, מען זאל ליב האבן איידלקייט, עס זאל זיין מיט ליבשאפט.

איר און נאך אפאר יונגע ווייבלעך האבן א חלק אין דעם.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויצא שנת תשפ"ג)

בִּיז מָארְגְן, אִיךְ וִויל הֶערְן יֶעדֶע וָוארְט קְרִיטִיק אוֹיף דִי מוֹסָד, אִיךְ וִויל הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר, אִיךְ וִויל הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיפְ'ן בָּאס אוּן בַּיי יֶעדֶע פְּרַט"[יט].

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶפֶּעס אַ שְׁפִּילְצֵייג וָואס מִיט דֶעם שְׁפִּילְט עֶר זִיךְ, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס דָאס אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, אַ זַאךְ וָואס מֶען דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס: "דָאס אִיז מַיין בֶּעבִּי"; בַּיי מִיר אִיז עֶס דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל, - דָאס אִיז מַיין זַאךְ, מַיין 'יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים'.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ אַז מֶען רֶעדְט קְרִיטִיק צְווִישְׁן זִיךְ, אִיךְ וִויל מֶען זָאל מִיר זָאגְן יֶעדֶעס וָוארְט קְרִיטִיק וָואס מֶען הָאט.[כ]

יט. אוֹיךְ הָאט מֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם נֶעכְטְן גֶעעֶפְנְט דָא אִין שְׁטֶעטְל דִי לַאוּנְטְשׁ. דִי לַאוּנְטְשׁ אִיז כָּשֵׁר, אַלֶע קָאמְפְּיוּטֶערְס זֶענֶען גוּט גֶע'כַּשֶׁרְ'ט; אִיךְ וִויל אַז אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס אַ וָוארְט קְרִיטִיק - זָאל עֶר מִיר שְׁרַייבְּן.

כ. עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן מִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, וַוייל זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז עֶס וֶועט צוּרִיק קוּמֶען אִין זֵייעֶר נָאמֶען, אַפָּאר מָאל בַּאקוּם אִיךְ אִימֶעילְס פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁרַייבְּן מִיר אִין אָנְהֵייבּ מִיט גְרוֹיסֶע גֶעפַּארְבְּטֶע אוֹתִיוֹת: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ יֶעצְט", - זָאלְט עֶטְץ וִויסְן, מֶען דַארְף נִישְׁט זָארְגְן אוֹיף דֶעם, אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף וָואס אִיךְ זָאג אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאג עֶס.

**אַזַא שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף שְׁאֵלוֹת וָואס מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס הָאבְּן אַרַייְנְגֶעשִׁיקְט צוּ פְרֶעגְן.**

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס בְּרֶענְגְט אַהֵיים חֲפֵצִים?

**אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט:** וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס בְּרֶענְגְט יֶעדְן טָאג אַהֵיים חֲפֵצִים פוּן חֵדֶר?

צוּפֶעלִיג אִיז עֶס נִישְׁט מַיין קִינְד, וַוייל אִיךְ וואוֹין דָאךְ נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, אָבֶער אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אוֹיךְ יֶעדְן טָאג אַהֵיים מִיט טַייעֶרֶע חֲפֵצִים.

מַיין זוּן בְּרֶענְגְט יֶעדְן טָאג אַהֵיים חֲפֵצִים פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים, מַיין וַוייבּ דַארְף רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז אִיר זוּן הָאט טַאקֶע גֶעגֶעבְּן דֶעם מַתָּנָה פַאר מַיין זוּן.

אַמָאל אִיז דָאס אַ נַאטוּר פוּן אַ קִינְד אַז אַלֶע קִינְדֶער ווִילְן אִים בְּרֶענְגֶען מַתָּנוֹת, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּער גֵיין דֶעם גְּבוּל; מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ טְרֶעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע קִינְדֶער. בִּילִיגֶע זַאכְן, ווִי אַ פֶעדֶער, אַ מַארְקֶער אוּן רָאבֶּער'ס וְכַדוֹמֶה קֶען מֶען נֶעמֶען פוּן אַ חַבֵר, אָבֶער טֵייעֶרֶע זַאכְן מוּז מֶען צוּרִיקְגֶעבְּן.

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גַנְבְ'עֶט?

**אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט:** וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גַנְבְ'עֶט?

מֶען דַארְף אִים זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען.

דָאס וֶועט זַיין 'תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל' פַארְן מְלַמֵּד; דֶער מְלַמֵּד הָאט דָאךְ אוֹיךְ גֶע'גַנְבְ'עֶט אַלְס קִינְד, (נִישְׁט אַלֶע מְלַמְּדִים, אָבֶער עֶס אִיז דָא מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶע'גַנְבְ'עֶט אַלְס קִינְד פוּן זַייעֶר מַאמֶע'ס לֶעדְל), וֶועלְן זַיי תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְכְדֶעם וָואס זַיי וֶועלְן אוֹיסְלֶערְנֶען זַייעֶרֶע תַּלְמִידִים נִישְׁט צוּ גַנְבְ'עֶנֶען.

אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע דוֹר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

שְׁטַארְקְט זִיךְ! גֵייטְס אַרַיין אִין כִּתָּה מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה, אָמֵן.

## פֶּרֶק ג׳

# הָאפֶענוּנְג און שְׁטַארְקֶייט

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה
שְׁנַת תשפ״ג לִפְּרָט קָטָן
אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א



זכות הפרק נתנדב ע״י

מו״ה
**עלי מזרחי**
הי״ו

# הָאפֶענוּנְג אוּן שְׁטַארְקֵייט

## וִויסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה׳, אַלֶע חָשׁוּבְ׳עֶ מְחַנְכִים, מְלַמְדִים אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן ׳חִינוּךְ הַיְלָדִים׳, מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ אַייל זִיךְ יֶעצְט צוּ פָארְן בַּאזוּכְן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין קִרְיַת יוֹאֵל, וֶועל אִיךְ יֶעצְט נָאר רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן.

דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵד דַארְף וִויסְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִיז: עֶר זָאלְן וִויסְן בַּיי זִיךְ ׳וָואס טוּ אִיךְ׳, אוּן ׳וָואס אִיז מַיין אַרְבֶּעט׳.

וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע אַלֶף בֵּית אוּן עִבְרִי, דִי הֵיילִיגֶע דַאוְונֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיז זֵייעֶר גְרִינְג דִי אַרְבֶּעט.

## אִיךְ דְרֵיי נִישְׁט אַן אַייזְן אוּמְזִיסְט

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעלֵיינְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין רוּסְלַאנְד. דִי רוּסְן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט מֶענְטְשְׁן אִין תְּפִיסָה, זֵיי הָאבְּן גֶעהֵייסְן דִי מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִין תְּפִיסָה, זֵיי זָאלְן

אַ גאַנְצְן טָאג דְרֵייעֶן גְרוֹיסֶע מִילְשְׁטֵיינֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט, מֶען הָאט זֵיי אַיינְגֶערֶעדְט אַז אִינְדְרוֹיסְן לֵייגְט מֶען אַרַיין אִינֶעם מִיל וֵוייץ און דורְכְ'ן דְרֵייעֶן דֶעם אַייזְן קוּמְט אַרוֹיס מֶעל. דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעפָאלְגְט, פַּאר גַאנְצֶע צֶען יָאר הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז פַארְנַאכְטְס הָאבְּן זֵיי גֶעדְרֵיידְט דֶעם אַייזְן.

נָאךְ צֶען יָאר זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ לִיגְנְט, אִינְדְרוֹיסְן אִיז נִישְׁטָא קַיין וֵוייץ, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין מֶעל, זֵיי הָאבְּן אוּמְזִיסְט גֶעדְרֵיידְט דֶעם אַייזְן פַּאר גַאנְצֶע צֶען יָאר! זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט און צֶעבְּרָאכְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען דֶערְפוּן קְרַאנְק גֶעוָוארְן און גֶעשְׁטָארְבְּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט 'אִיךְ טוּ עֶפֶּעס אוֹיף', 'אִיךְ בִּין עֶפֶּעס וֶוערְד', עֶס גֵייט אַרַיין וֵוייץ און עֶס קוּמְט אַרוֹיס מֶעל, הָאט עֶר כֹּחַ צוּ דְרֵייעֶן אַן אַייזְן צֶען יָאר, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעוואוֹיר אַז עֶר הָאט סְתָּם גֶעדְרֵיידְט מִיט דִי הַאנְט און גַארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, קֶען עֶר פוּן דֶעם אַלֵיינְס שְׁטַארְבְּן.

מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס קוּמֶען - טָאג אַיין טָאג אוֹיס - אִין חֵדֶר און אִין שׁוּלֶע, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג, נָאךְ אַ וָואךְ, נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ און נָאךְ אַ יָאר, דַארְפְן זֵיי וויסְן: 'וָואס טוּ אִיךְ? - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ גְרֵייט אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועג'.

אוֹיב מֶען וֵוייסְט דֶער כְּלַל, אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ, גוּטְמוּטִיג און מֶען הָאט כֹּחַ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, און זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

## אַרַיין בְּלָאזְן אַ הָאפֶענוּנְג אִינֶעם פַּאצִיעֶנְט

אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל הָאט גֶעהַאט אַן אַפֶּענְדִיקְס רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי חֶבְרָה הַצָּלָה הָאט אִים אַרַיינְגֶעפִירְט אִין שְׁפִּיטָאל, מֶען הָאט אִים גֶעמַאכְט אַן אָפֶּערַאצְיֶע און אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה' אַרִיבֶּער פַיין, בִּיז דֶער דָאקְטֶער הָאט בַּאמֶערְקְט אַז זַיין אָטֶעם כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג צוּרִיק, זַיינֶע לוּנְגֶען זֶענֶען אָנְגֶעלֵייגְט וְכוּ', הָאט

מֶען אִים גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אַ רֶעסְפֶּערֶעיטָאר אִין אֵיי סִי יוּ, עֶר אִיז גֶעבֶּעךְ גֶעלִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל פַארְשְׁלַאפְט, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גְרוֹיס רַחֲמֵי שָׁמַיִם.

בָּרוּךְ ה׳ אַז מִיר ווייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן, דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיסֶע טְרֶערְן, נִישְׁט מִיט זַאלְצִיגֶע טְרֶערְן, מֶען הָאט גֶעוֵוייְנְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט הָאפֶענוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

נֶעכְטְן נַאכְט רוּפְט מִיר זַיין וַוייבּ פְּרֶעגְן וָואס זִי זָאל טוּן, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט, זִי זָאל גֵיין צוּ אִיר מַאן, זִי זָאל אִים אַרַיינְזָאגְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִין אוֹיעֶר: "דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט!" "דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט!" אֲפִילוּ עֶר אִיז פַארְשְׁלַאפְט - הֶערְט עֶר יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים.

שְׁפֶּעטֶער רוּפְט זִי צוּרִיק אוּן דֶערְצֵיילְט מִיר אַז זִי הָאט דָאס גֶעטוּן, אוּן גְלַייךְ הָאט זִי גֶעזֶען וִוי עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן רִיקְן, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: "זָאגְט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וַוייל עֶר הֶערְט יֶעדֶעס וָוארְט!"

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן מֶען הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּ אִים, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן וַוייל עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט דֶעם רֶעסְפֶּערֶעיטָאר אִין מוֹיל, אָבֶּער זַיין שְׁוֶוער הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף סְפִּיקֶער, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט, דוּ גֵייסְט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן שְׁפִּיטָאל", בָּרוּךְ ה׳ פְרִיעֶר הֶער אִיךְ שׁוֹין דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ פוּן דִי רֶעסְפֶּערֶעיטָאר אוּן זַיין מַצָּב וֶוערְט בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער.

וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ קֶעמְפְן זַיין קְרֶענְק? - דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְן!

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דִי וֶוערְטֶער: "דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט, דוּ קֶענְסְט, דוּ גֵייסְט קֶענֶען, פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל דוּ גֵייסְט קֶענֶען", גֶעבְּט דָאס אַרַיין אִין אִים אַ הָאפֶענוּנְג זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַאלְן.

# דֶער אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער כֹּחַ פוּן אַ גוּט וָוארְט

אִיךְ רֶעד יֶעדְן טָאג מִיט מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ׳, הָאט זִי מִיר לֶעצְטְנְס דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס אִיז לֵיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, עֶר אִיז גֶעבֶּעךְ גֶעלִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל אִין דִי אֵיי סִי יוּ אָפְּטֵיילוּנְג אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶועְרֶע מַצָּב, בַּאהָאפְטְן צוּ אַ רֶעסְפֶּערֶעיטָאר מַאשִׁין, דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן גֶעזָאגְט לוֹיט וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הֶערְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים[כא].

לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן בִּיז אַפָּאר טֶעג הָאט דֶער בָּחוּרִ׳ל גֶעעֶפְנְט זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֵיילְן, אוּן בָּרוּךְ ה׳ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גְרֵייטְן צוּ מַאכְן אַ ׳סְעוּדַת הוֹדָאָה׳.

הָאט דֶער בָּחוּרִ׳ל גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: אִיךְ וִויל מֶען זָאל רוּפְן צוּם ׳סְעוּדַת הוֹדָאָה׳ אֵיינֶע פוּן דִי דָאקְטוֹירִים וָואס אַרְבֶּעטְן אִין יֶענֶע שְׁפִּיטָאל, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעלִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל פַארְשְׁלָאפְט, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי אַלֶע זָאגְן אוֹיף מִיר קְלָאר: ״עֶר גֵייט עֶס נִישְׁט מַאכְן״, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין טְרָאפ כֹּחַ אִין מִיר צוּ וֶועלְן קֶעמְפְן מַיין קְרֶענְק, וַוייל אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז אִיךְ גֵיי סַיי וִוי עֶס נִישְׁט אִיבֶּער לֶעבְן, פְּלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי יֶענֶער דָאקְטֶער רוּפְט זִיךְ אָן: ״עֶר קֶען עֶס נָאךְ מַאכְן, עֶר גֵייט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן, עֶר גֵייט עֶס אִיבֶּער לֶעבְן״, זַיינֶע

---

**כא.** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁפִּיטָאל אִין דִי אֵיי סִי יוּ אָפְּטֵיילוּנְג.

נָאךְ מַיין חֲתוּנָה פְּלֶעג אִיךְ גֵיין אֵיין מָאל אַ וָואךְ נֶעכְטִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל מִיט חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, מִיט רְשׁוּת פוּן מַיין וַוייבּ, [נִישְׁט נָאר מִיט ׳רְשׁוּת׳, נָאר זִי פְּלֶעגְט מִיר בֶּעטְן אִיךְ זָאל גֵיין, וַוייל אִיר מַאמֶע אַרְבֶּעט בַּיי אַן אָרְגֶעַנִיזַאצְיֶע וָואס הֶעלְפְּט אִין דֶעם גֶעבִּיט פוּן שִׁיקְן מֶענְטְשְׁן צוּ אִיבֶּער נֶעכְטִיגְן מִיט חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל], הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין דִי אֵיי סִי יוּ אָפְּטֵיילוּנְג וִוי עֶס לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיף בֶּעטְלֶעך אֵיינְס נֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג דָאס צוּצוּזֶען.

ווערטער האָבן מיר געגעבן כּח און מוט צו וועלן קעמפן מיין קרענק, ענדליך הער איך ווי איינער געבט נאָך האָפענונג אויף מיר, האָב איך (כּמעט) טויטערהייט זיך געשטאַרקט צו קעמפן מיין קרענק, און אַזוי בּין איך געזונט געוואָרן און איך קען פּראַווען אַ סעודה הודאָה!

די עלטערן האָבן אָנגערופן דעם דאָקטער און אים איינגעלאַדנט צום סעודת הודאָה, ווען דער דאָקטער איז געקומען האָט זיך דער בּחור אויפגעשטעלט און דערציילט זיין געשיכטע זייענדיג אין שפּיטאַל, און ער האָט זיך אָנגערופן צום דאָקטער: "דו האָסט געראַטעוועט מיין לעבן! איך בּין שוין געליגן כּמעט טויט, אָן קיין טראָפּ כּח, איך האָב זיך צוגעהערט צו אַלע שמועסן ווי אַלע האָבן געזאָגט קלאָרע ווערטער: 'ער גייט עס נישט מאַכן', איך האָב שוין נישט געהאַט קיין כּח צו וועלן קעמפן מיין קרענק, פּלוצלינג הער איך ווי דו זאָגסט אַז איך גיי עס יאָ דורכלעבן, דאָס האָט מיר געגעבן כּח צו קעמפן מיין קרענק און אַזוי האָב איך זיך אויסגעהיילט!"

רופט זיך דער דאָקטער אָן: "זאָלסט וויסן, איך האָב עס אַפילו נישט געזאָגט פאַר דיר... איך האָב געהאַלטן אויף דיר די זעלבע פון יעדן אַז דו גייסט עס 'נישט' מאַכן, ווייל לויט דיין מצב וואָלסטו עס טאַקע נישט געקענט מאַכן! נאָר נעבן דיר איז געליגן אַ צווייטער מענטש, אויף יענעם האָב איך דאָס געזאָגט און דו האָסט געמיינט אַז איך מיין דיר, און דאָס האָט דיר געגעבן כּח צו ווערן געזונט!"

אַלע באַטייליגטע אינעם סעודת הודאָה האָבן זיך צעוויינט, ווייל זיי האָבן געזען דער אויסטערלישער כּח פון אַ גוט וואָרט, וואס עס טוט אויף ווען מען לייגט אַריין האָפענונג אין אַ מענטש!

## אַ האָפענונג אין די תּלמידים און אין זיך אַליינס

די זעלבע זאַך דאַרפן מלמדים און לערערינס טון מיט קינדער. איך האָב קיינעם נישט גערופן אין חדר און אין סקול צו צעברעכן די קינדער, אָדער צו אָנטייטלען אויף אַ קינד 'דער קען נישט',

'דֶער טוֹיג נִישְׁט' אוּן 'דֶער אִיז גָארְנִישְׁט', אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין זֵיי אַ זִיכֶערְקֵייט: 'דוּ קֶענְסְט!' אוּן: 'עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט יֶעצְט, דוּ גֵייסְט בַּאלְד קֶענֶען'.

אוֹיבּ אִיז דָא אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס אַלֶע זָאגְן אִים: "דוּ וֶועסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן", "דוּ וֶועסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן", וֶועט עֶר עֶס אַוַודַאי נִישְׁט מַאכְן, וַוייל אַלֶע זֶענֶען אִים מְיַיאֵשׁ פוּן נִיצְן זַיינֶע כֹּחוֹת צוּ וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן זַיין גוּט, אָבֶער אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין זָאגְט: **"דוּ וֶועסְט עֶס יָא מַאכְן"**, **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, **"דוּ בִּיסְט יָא"**, אוּן וֶוען דֶער קִינְד עֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט קָאלֶערְן", אִיז מֶען אִים מְחַזֵּק מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער: **"דוּ קֶענְסְט יָא, מַאךְ אַזוֹי אוּן מַאךְ אַזוֹי"**, **"אוֹי, דוּ מַאכְסְט אַזוֹי שֵׁיין"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, - וֶועט עֶר צוּם סוֹף עֶס קֶענֶען מַאכְן.

אוֹיךְ דַארְפְן דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס: 'אִיךְ קֶען אוּן יֶעדֶער וֶועט קֶענֶען', זִיךְ נִישְׁט זֶעלְבְּסְט אַרָאפּ קְלַאפְּן 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ טוֹיג נִישְׁט אִין מַיין אַרְבֶּעט', וַוייל דֶעמָאלְט קֶען מֶען טַאקֶע נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

## וָואס אִיז דִי וִוייכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן?

גֶעדֶענְקְט וָואס אִיז דֶער עִיקָר; דֶער עִיקָר אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט, יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ שְׁמֵייכְל, יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט; דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר אַ קִינְד.

אַלְס קִינְד וֶוען מַיין מַאמֶע הָאט מִיךְ גֶעפִּיטֶערְט נַאכְטְמָאל, הָאט זִי מִיר דֶערְצֵיילְט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה, עַד הַיּוֹם גֶעדֶענְק אִיךְ נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס הָאט גֶעוָואלְט גֶעווּאוּיר וֶוערְן 'וָואס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשְׁנְס לֶעבְּן', הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַפָּאר הוּנְדֶערְט גוֹי'אִישֶׁע בֶּעבִּי'ס פוּן שְׁפִּיטָאל, מֶען הָאט זֵיי אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע מַאמֶעס אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אַ פַארְמַאכְטֶע בִּנְיָן, מֶען הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן עֶסְן אוּן אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן דוּרְךְ מַאשִׁינֶען, אָן דָאס לִיבְּשַׁאפְּט

און וואָרעמקייט פון אַ מאַמע, מיט די צייט זענען אַלע בעבּיס אויסגעשטאָרבּן, ווייל זיי האָבּן נישט געהאַט די גלעט און דאָס אַרום האַלזן פון די מאַמע!

איך שטעל זיך פאָר אַז די מעשה איז נישט אמת, אָבּער דאָס איז אַן 'אמת'ער משל'. אַ קינד דאַרף זייער וויכטיג מען זאָל רעדן מיט אים, אים געבּן אַ גוט וואָרט; דאָס איז בּיי אים נאָך וויכטיגער ווי עסן און טרינקען.

ווען מען קומט אַריין אין אַ שולע און מען זעט ווי עס טוט זיך, לערערינס קומען און גייען, די תלמידות האָבּן פּאָלדערס און בּיכער, עס קוקט אויס ווי אַלעס קלאַפּט, - אויבּ איז נישטאָ דאָרט קיין האַרץ, קיינער קוקט זיך נישט אום אויף די קינדער מיט האַרץ, די קינדער בּאַקומען נישט קיין גוטע ווערטער, קיינער זאָגט זיי נישט: **"דיינע שיך זענען שיין", "דיין האָר איז שיין", "דיינע אויער רינגלעך זענען שיין", "בּיסט אַזוי צוקערדיג"**, - פעלט דער עיקר פון די שולע.

אפילו בּיי אינגלעך וואָס מען דאַרף נישט רעדן צו זיי פון די שיך און קליידונג, דאַרף מען אָבּער אויך געבּן גוטע ווערטער, **"בּיסט אַזאַ וואויל קינד", "בּיסט אַזאַ גוט קינד", "בּיסט אַזאַ טייער קינד"**.

## עס געשעט גאָרנישט אויבּ אַ קינד כאַפּט נישט אויף דעם לימוד

טייערע מחנכים, איך בּעט ענק זייער; עס קען זיין אַז עס איז שווער צו הערן וואָס איך גיי ענק יעצט זאָגן, אָבּער הערט וואָס איך זאָג ענק.

מען דאַרף טאַקע לערנען מיט די קינדער אַלע לימודים, מען דאַרף אָנפילן דעם טאָג, אָבּער אין ענקער קאָפּ זאָלסט עטץ גוט וויסן 'אפילו אויבּ אַ קינד וועט נישט קענען רעכענען וועט גאָרנישט געשען!'

עס מיינט נישט אַז מען זאָל זיך נישט אָנגרייטן צו לערנען מיט די קינדער, זיכער דאַרף מען אויסלערנען רעכענען, אָבּער

שְׁטִילֶערְהֵייט אִין קָאפּ דַארְפְט עֶטְץ וויסְן אַז עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען וֶוען אַ תַּלְמִידָה קֶען נִישְׁט רֶעכֶענֶען, דָאס וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וֶוען אֵיינֶע פוּן מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין הָאט דִי מְנַהֶלֶת אָנְגֶערוּפְן מַיין מַאמֶע זָאגְן: "דַיין קִינְד קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר צוּ דִי הֶעכֶערֶע קְלַאס, וַוייל מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען רֶעכְנְט 'פְּלַאס' אוּן זִי קֶען עֶס נָאכְנִישְׁט, זִי כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף אַז אֵיין עֶפְּל מִיט נָאךְ אַן עֶפְּל אִיז צְוֵויי עֶפְּלֶעךְ!" הָאט מַיין מַאמֶע גֶעבֶּעטְן דִי מְנַהֶלֶת: "וָואס גֵייט אַייךְ אָן אַז זִי ווֵייסְט דָאס נִישְׁט, זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט אִין קְלַאס, זִי אִיז נִישְׁט קֵיין מְחוּצֶּפֶת, לָאזְט אִיר מִיטְגֵיין מִיט אַלֶע מֵיידְלֶעךְ", אוּן דִי מְנַהֶלֶת הָאט טַאקֶע צוּגֶעהֶערְט צוּ מַיין מַאמֶע אוּן אִיר גֶעלָאזְט מִיטְגֵיין מִיט אַלֶע מֵיידְלֶעךְ.

הַיינְט ווֵייסְט זִי שׁוֹין אַז אֵיין עֶפְּל מִיט נָאךְ אַן עֶפְּל אִיז צְוֵויי עֶפְּלֶעךְ... עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אַז זִי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעכַאפְּט צוּזַאמֶען מִיט יֶעדְן.

## דֶעם מִיטְל וֶועג

מֶען דַארְף זַיין קְלוּג צוּ כַאפְּן דֶעם מִיטְל וֶועג, נִישְׁט זַיין עֶקְסְטְרֶעם אוֹיף קֵיין אֵיין זַייט. עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס מַאכְן אָפּ: 'קֵיינֶער דַארְף גָארְנִישְׁט קֶענֶען', ווִידֶער זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס מַאכְן אָפּ: 'אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן קֶענֶען!' דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז צוּ נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג, אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען, אָבֶער עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט!

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָבֶער פוּיל, דֶערִיבֶּער אִיז מֶען עֶקְסְטְרֶעם; אָדֶער לָאזְט מֶען דִי קִינְדֶער אַלֶעס טוּן, אַרַיינְלֵייגְן אַ מֵייעֶר אִין דֶעם טַאטְנְס אוֹיעֶר, שְׁלֶעפְּן דֶעם טַאטְנְס שְׁטְרַיימְל אוּן זַיין בָּארְד... אָדֶער דַארְפְן דִי קִינְדֶער זַיין ווִי סָאלְדַאטְן אוּן מֶען הַרְגְ'עֶט דִי קִינְדֶער, - אַזוֹי גֵייט עֶס אִין דִי וֶועלְט, עֶס אִיז בִּישְׁטָא עֶפֶּעס אִינְדֶערְמִיט; אָבֶער אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' לֶערְנְט מֶען אוֹיס:

"גיי אינדערמיט", די קינדער קענען נישט טאַנצן אויף דיר, און דו דאַרפסט זיי נישט הרג'ענען.

## דער וועג פון 'היכל הקודש'

מיר קויפן אָפּ נאָך בנינים פאַר די מוסדות. נעכטן האָבן מיר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אָפּגעקויפט אַ גרויסער בנין פאַר די חדר, מען לייגט דאָס אַוועק אויף די קומענדיגע יאָרן הבעל"ט, כדי מען זאָל האָבן וואו צו פּלאַצירן די אינגלעך, די עלטערע קינדער זאָלן זיין אָפּגעטיילט פון די יונגערע. וויל איך ענק בעטן, ווען די מחנכים פון די קומענדיגע יאָרן וועלן זיך קומען דורכרעדן מיט ענק, זאָלט עטץ זיי איבער געבן וואָס מען האָט דאָ געלערנט אין 'היכל הקודש', די וועג פון "געבן גוטע ווערטער פאַר קינדער", אַז מיט אַפּאָר גוטע ווערטער פאַלן אַוועק אַלע פּראָבלעמען.

אַז עס איז דאָ אַ תּלמידה וואָס קומט נאָכנישט אָנגעטון בצניעות אַזוי ווי מען דאַרף, אויב וועט מען איר זאָגן: "ביסט אַ באַם", ביסט אַן אויסוואורף", וועט עס גאָרנישט העלפן, פאַרקערט זי וועט גיין מטה מטה השם ישמרינו, די איינציגסטע וועג וואָס וועט העלפן זי זאָל זיך פאַרבעסערן איז מיט געבן אַסאך גוטע ווערטער, מען זאָל איר זאָגן: **"ביסט גוט"**, **"ביסט וואויל"**, **"ביסט אַ נשמה"**, **"דער אייבערשטער האָט דיך ליב"**, **"דער אייבערשטער איז מיט דיך"**, אַז זי וועט הערן אַזעלכע שיינע וואַרעמע ווערטער איין מאָל און נאָכאַמאָל וועט זי טראַכטן: 'אַז איך בין אַזוי חשוב, וויל איך זיך פאַרבעסערן!' און זי וועט אָנהייבן צו גיין אָנגעטון מער און מער בצניעות.

## מיין רבי טראַכט פון מיר

פריער נאָך שחרית איז געווען אַ לחיים לכבוד אַ בר מצוה פון אַ תּלמיד פון חדר, עטליכע מלמדים זענען נישט דאָרט געווען, האָב איך אַרויפגעשיקט קעיק צו זיי אין כּתּה. איז אמת אַז עס

הָאט עֶנְק גֶעשְׁמֶעקְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שִׁיקְט עֶנְק אַרוֹיף אַ שְׁטִיקְל קֶעיק? - יָא! אֵיי, וָואס הָאבּ אִיךְ דִיר דֶען גֶעגֶעבְּן, אַ שְׁטִיקְל קֶעיק, עֶטְץ הָאטְס נִישְׁט קַיין קֶעיק אִינְדֶערְהֵיים? וָואס וֶוערְט מֶען אַזוֹי פְּרֵיילִיךְ פוּן אַ שְׁטִיקְל קֶעיק?! - נָאר דִי הַנָאָה אִיז דָאס גֶעפִיל וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין הַארְץ: 'מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה טְרַאכְט פוּן מִיר!'

דָאס הָאבּ אִיךְ סְפֶּעצִיעֶל גֶעטוּן כְּדֵי דִי מְלַמְדִים זָאלְן אַבִּיסְל שְׁפִּירְן דָאס וָואס אַ קִינְד שְׁפִּירְט וֶוען 'זַיין מְלַמֵד' גֶעבְּט אִים עֶפֶּעס, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק פַאר אַ קִינְד צוּ שְׁפִּירְן אַז זַיין רֶבִּי טְרַאכְט פוּן אִים.

## מִיט וָואס בַּאלוֹינְט מֶען קִינְדֶער?

וֶוען מֶען וִויל בַּאלוֹינֶען תַּלְמִידִים דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן זֵיי, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן 'אַ פְּלֶעסְטִיק קָאפּ' פַאר וֶוער עֶס דַאוֶוענְט שֵׁיין, דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין לֵיצָנוּת פוּן קִינְדֶער, אָבֶער מֶען קֶען גֶעבְּן קְלֵיינִיקֵייטְן, לְמָשָׁל, אַ פֶּעדֶער, אַ בְּלֵיי, אַ מֶעקֶער, אַ פְּלֶעשׁ לֵייט אוּן דָאס גְלַייכְן.

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַ בָּחוּר וָואס דְרֵייוְוט אַ בַּאס הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן בָּאס: "וֶוער עֶס גֵייט בֶּעטְן פַאר מִיר 'צֶען טוֹיזְנְט תְּפִילוֹת' אִיךְ זָאל אַ חָתָן וֶוערְן, וֶועט בַּאקוּמֶען צֶען דָאלֶער", - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן, מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין בִּיזְנֶעס מִיט קִינְדֶער, וָואס יָא? - אוֹיבּ מֶען וִויל אַמָאל בַּאלוֹינֶען קִינְדֶער קֶען מֶען זֵיי גֶעבְּן אַ קְלֵיינִיקֵייט.

יָארְן צוּרִיק הָאט אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְדִים אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גוּטֶע הַמְצָאָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ כִּתָּה פוּן פִינְף קִינְדֶער, הָאט עֶר יֶעדְן פְרַייטָאג אַהֵיים גֶעשִׁיקְט אֵיין אִינְגֶל מִיט אַ בָּאטְל גְרֶעיפְּדְזְשוּס מִיט אַ סְטִיקֶער אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן: "דֶער בֶּעסְטֶער אִינְגְל!" הַיינְט אַז מִיר הָאבְּן צְוָואנְצִיג קִינְדֶער אִין אַ כִּתָּה אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶענוּג אֵיין בָּאטְל גְרֶעיפְּדְזְשוּס פַאר אַ כִּתָּה, קֶען מֶען נֶעמֶען צְוֵויי בָּאטְלֶעךְ אַ וָואךְ, אֵיין 'טוּנְקֶעלֶע בָּאטְל'

פאַר די סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת בַּיינאַכְט, און אֵיין 'לִיכְטִיגְע בָּאטְל' פַּאר די סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת צוּפְרִי, אַזוֹי וֶועט עֶס גֵיין שְׁנֶעלֶער אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען גֶעוואוּנֶען.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע הַמְצָאָה, וַוייל דָאס נֶעמְט אַרַיין דֶעם קִינְד צוּזַאמֶען מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, און דָאס וֶועט מַאכְן עֶר זָאל זִיךְ וֶועלְן אוֹיפְפִירְן גוּט. יֶעדֶער מְלַמֵּד קֶען אוֹיפְקוּמֶען מִיט נָאךְ הַמְצָאוֹת.

## גִיסְן אֱמוּנָה

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַּאר מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס צוּ רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן 'אֱמוּנָה', אַז נִישְׁט וֶועט מֶען דַארְפְן טְרָאגְן אַלֶע קִינְדֶער צוּ טֶערֶעפִּי.

אַסַאךְ מָאל פַּאסִירְט אַז אַ קִינְד הָאט עֶרְגֶעץ וואוּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן גֵיהִנּוֹם אוֹיף נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, און דִי מַעֲשֶׂה אִיז אִים גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין קָאפּ, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁרֶעק זַייעֶנְדִיג זִיכֶער אַז עֶר גֵייט בְּרֶענֶען אִין גֵיהִנּוֹם. מֶען קֶען שׁוֹין בַּאלְד נִישְׁט נָאכְגֵיין וואוּ דִי וֶועלְט הַאלְט מִיט טֶערֶעפִּי, מֶען נֶעמְט שׁוֹין הַיינְט שְׁטִילֶערְהֵייט כִּמְעַט יֶעדֶע קִינְד צוּ טֶערֶעפִּי, אֵיינֶער זָאל רֶעדְן צוּ אִים וְכוּ', יֶעדֶער קִינְד הָאט אַן אַנְדֶערֶע פַּחַד, אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּן בֶּערְן, אֵיינֶער פוּן שְׁנֵיי, אֵיינֶער פוּן בְּלִיצְן, אֵיינֶער פוּן דִינֶערְן און אַזוֹי וַוייטֶער, און מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶעטָאד און דֶעם מֶעטָאד, יֶעדֶער בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע עֶ"י בְּ"י ס"י פוּן וָואס עֶר לַיידְט.

דָאס אַלֶעס אִיז וִוילַאנְג מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה, דֶערְפַּאר אִיז מֶען פוּל מִיט שְׁרֶעק, אָבֶּער אַז דִי מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס וֶועלְן גִיסְן אֱמוּנָה, מֶען וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועקְגֵיין און מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט דַארְפְן.

אַז מֶען וֶועט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דֶעם גֶעדַאנְק, 'אִיךְ דְרֵיי נִישְׁט קַיין אֵייזְן אוּמְזִיסְט, נָאר מֶען לֵייגְט אַרַיין וֵוייץ און עֶס

קוּמְט אַרוֹיס פֵּיינֶע מֶעל'; 'אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ גְרֵייט אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועג', - וֶועט מֶען הָאבְּן כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַּאר לַאנְגֶע יָארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן אִין עֶנְקֶערֶע מַעֲשִׂים, אָמֵן.

## פֶּרֶק ד'

# וָואס אִיז מַיין צִיל

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא
שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

זכות הפרק נתנדב ע"י
מו"ה
**יואל הכהן ראזענבערג**
הי"ו



# וָואס אִיז מַיין צִיל

אִיךְ וויל גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק פַּאר דִי מְלַמְדִים אוּן מְחַנְּכִים, מֶען זָאל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְּפְרִישְׁן, מֶען זָאל נִישְׁט פַּארְגֶעסְן וָואס אוּנְזֶער צִיל אִיז, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען פַּארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְּנְט דִי מוֹסְדוֹת אוּן וָואס מִיר ווילְן אוֹיפְטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. מִיר וֶועלְן רֶעדְן סַיי פוּן דִי חֵדֶר אוּן סַיי פוּן דִי שׁוּלֶע.

## וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי שׁוּלֶע?

אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן מִיט דִי שׁוּלֶע. בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּלֶע, אַ שׁוּלֶע אִיז אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז אַ נַייעֶ זַאךְ, פַּארְן קְרִיג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שׁוּלֶע פַּאר מֵיידְלֶעךְ, ווען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דָא אִיז אַ נַייעֶ וֶועלְט, עֶס אִיז דָא שׁוּלֶע'ס פַּאר מֵיידְלֶעךְ, הָאט עֶר גֶעפַּאסְט אוּן גֶעוֵוויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ ווִיסְן אוֹיבּ עֶר זָאל דָאס אוֹיךְ מַאכְן, בִּיז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא דַארְף מֶען טַאקֶע מַאכְן אַ שׁוּלֶע. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר אִיז מְשַׁנֶּה פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אַז מֶען מַאכְט שׁוֹין יָא אַ שׁוּלֶע, קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט סְתָּם אַרַיין זֶעצְן אַ לֶערֶערִין מִיט קִינְדֶער אוּן גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן חוּצְפָּה, דֶערִיבֶּער שְׁטֶעלְט מֶען אוֹיס אַ סֵדֶר פַּאר יֶעדֶע יָארְגַאנְג וָואס מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז דִי 'לִימוּדִים' זֶענֶען נִישְׁט דֶער עִיקָר, אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ קִינְד וֶועט גָארְנִישְׁט מִיט הַאלְטְן וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען; דֶער עִיקָר צִיל פַּארְוָואס מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען אִין שׁוּלֶע אִיז מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי זַאכְן וָואס וֶועלְן בְּלַייבְּן פַּאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֱמוּנָה, מִדוֹת טוֹבוֹת אוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

## וֶוער אִיז אַ גוּט קִינְד?

מֶען דַארְף גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אוּן גֶעדֶענְקֶען: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶעסְטְן דִי קִינְדֶער לוֹיט וִויפִּיל זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן אוּן הַאלְטְן מִיט וָואס אִיךְ רֶעד'; מֶען קֶען נִישְׁט מֶעסְטְן אַ קִינְד לוֹיט וִויפִּיל זִי הַאלְט מִיט אִין קְלַאס, אַז אִין דֶעם זָאל זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען צִי זִי אִיז אַ גוּט קִינְד אָדֶער נִישְׁט. מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ גוּט קִינְד אוֹיבּ מֶען הַאלְט מִיט דִי לִימוּדִים, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ שְׁוַואכֶע קִינְד אוֹיבּ מֶען הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים. אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער.

## אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה

אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז אִין אוּנְזֶער שׁוּלֶע זָאל מֶען אַיינְטֵיילְן אַז נָאר דִי לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען הַשְׁקָפָה, נָבִיא אוּן פִּרְקֵי אָבוֹת, זָאלְן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען לִמּוּדֵי חוֹל, קְווִיקְבּוּקְס, חֶשְׁבּוֹנוֹת, נֵייעֶן אוּן קָאכְן, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - חַס וְשָׁלוֹם! אַווַדַאי טֵיילְט מֶען אַיין דֶעם טָאג מִיט פַּארְשִׁידֶענֶע לִימוּדִים אוּן עֶטְלִיכֶע לֶערֶערִינְס, אֵיין לֶערֶערִין לֶערְנְט דֶעם לִימוּד אוּן דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִין לֶערְנְט אַן אַנְדֶערֶע לִימוּד, אָבֶּער אַלֶע לֶערֶערִינְס דַארְפְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה'.

וָואס מֵיינְט אֱמוּנָה? - אֱמוּנָה אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי חֲלָקִים; עֶס אִיז דָא אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז דָא 'אֱמוּנָה אִין אַ צַדִיק', נָאכְדֶעם אִיז דָא 'אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיינְ'ס'; מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אַלֶע דְרֵיי חֲלָקִים פוּן אֱמוּנָה, אוּן פוּן 'אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיינְ'ס' - דַארְף מֶען גָאר אַסַאךְ רֶעדְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז זֵיי זֶענֶען חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## פַארְוָואס הָאט מֶען דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען

אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס לֵייגְן זִיךְ אַרָאפּ דֶעם קָאפּ בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען אוּן זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גָארְנִישְׁט, אָדֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס מֶען קֶען זִיךְ מִיט זֵיי נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, אַז 'הַלְוַאי קוּמְט נִישְׁט דֶער קִינְד הַיינְט אִין חֵדֶר...'

אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַזַא מַחְשָׁבָה 'הַלְוַאי קוּמְט נִישְׁט דֶער קִינְד הַיינְט אִין חֵדֶר', וָואלְט אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵד: "הַלְוַאי קוּמְסְטוּ נִישְׁט אִין חֵדֶר!" - וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען טַאקֶע נָאר פַאר דִי סָארְט קִינְדֶער!

דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען וואוֹיל אוּן רוּאִיג, אוּן הֶערְן זִיךְ צוּ בַּיים פָארְלֶערְנֶען, זֵיי דַארְפְן דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, זֵיי קֶענֶען אָנְגֵיין אָן דִיךְ, בְּעִיקָר נֶעמְט מֶען אוֹיף דֶעם מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שְׁוֶוער אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי אַן עֵצָה גֶעבְּן.

דֶער אִינְגְל וָואס לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, עֶר אִיז אֵייבִּיג צַייטְלִיךְ, אוּן אִיז מַמָשׁ אַ גָאלְדְן קִינְד - וָואלְט אָן דִיךְ אוֹיךְ אַלֶעס גֶעטוּן! זַיינֶע מַעֲלוֹת הָאבְּן גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִיר, דוּ קֶענְסְט אַהֵיים גֵיין אוּן דֶער קִינְד גֵייט וַוייטֶער קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן לֶערְנֶען אַלֵיינְס! דַיְיקָא דֶער קִינְד וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים אַן עֵצָה גֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'גָארְנִישְׁט' - מִיט אִים זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן, לָאמִיר זֶען וָואס דוּ קֶענְסְט מִיט אִים אוֹיפְטוּן, לָאמִיר זֶען צִי דוּ קֶענְסְט אַרַיין גֶעבְּן אַ חִיוּת אִין דֶעם קִינְד!

## פַארְוָואס בַּארֶעדְסְטוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?!

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵד אִין כִּתָּה ט' הָאט מִיר דֶער כִּתָּה ח' מְלַמֵד גֶערוּפְן אָנְהֵייבּ יָאר אִין אַ זַייט אוּן דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי לִיסְטֶע מִיט אַלֶע נֶעמֶען, אוֹיף יֶעדֶער אִינְגְל הָאט עֶר גֶעזָאגְט זַיין מֵיינוּנְג, "דֶער אִינְגְל אִיז מַמָשׁ דֶער מְצוּיָן פוּן כִּתָּה", "דֶער אִינְגְל

אִיז פֵּיין", "דֶער אִינְגְל אִיז אַ שְׁטִיקְל מֶעבְּל (פּוּרְנִיטְשֶׁער)..." "דֶעם אִינְגְל זָאלְסְטוּ לָאזְן אִין דִי זַייט, וֶוען עֶר קוּמְט - קוּמְט עֶר, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט נִישְׁט אִיז נָאךְ בֶּעסֶער..." - בִּשְׁעַת עֶר רֶעדְט טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָאר, וֶוען דִי קִינְדֶער וָואלְטְן גֶעוֶוען דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער וָואלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי גֶערֶעדְט צוּ זֵייעֶר נֵייעֶר רֶבִּי? וָואס בַּארֶעדְסְטוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?!' - אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז דַיְיקָא מִיט דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְן מַיינֶע תַּלְמִידִים; דִי אַלֶע נֶעמֶען וָואס מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוֹיף זֵיי אַז "זֵיי זֶענֶען דִי פּוּרְנִיטְשֶׁער אוּן בֶּענְקְלֶעךְ פוּן קְלַאס", - מִיט זֵיי הָאבּ אִיךְ דִי מֶערְסְטֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

## אֶפְשָׁר גֵייסְטוּ אִין דִ---י זַייט?!

דֶער שִׁיעוּר גֶעבּ אִיךְ יֶעצְט פַאר דִי מְלַמְּדִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אָבֶער אִיךְ רֶעד צוּ אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסָד, פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, פוּן שְׁטֶעטְל, פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן פוּן טְבֶרְיָה.

אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין בֵּית פֵּיגָא זָאל זַיין אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן אוֹיף אַ קִינְד: "לָאז אִים אִין דִי זַייט!" - אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זָאגְן פַארְן נֵייעֶם מְלַמֵּד: "'מַיינֶע' לִימוּדִים הָאט עֶר נִישְׁט מִיט גֶעהַאלְטְן, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אִים, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר 'דַיינֶע' לִימוּדִים יָא מִיט הַאלְטְן, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ אִים יָא קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן".

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין שׁוּלֶע, דִי אָפִּיס קֶען נִישְׁט זָאגְן פָארְאוֹיס פַאר אַ לֶערֶערִין: "דִי תַּלְמִידָה זָאלְסְטוּ לָאזְן אִין דִי זַייט, עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן", פַארְוָואס זָאל מֶען אַזוֹי זָאגְן?! אוֹיבּ מֶען וִויל קֶען מֶען זָאגְן: "דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דֶעם קִינְד, אֶפְשָׁר בַּיים נֵייעֶן וְכַדוֹמֶה וֶועט זִי זַיין גָאר סְפֶּעצִיעֶל!"

אוֹיבּ דֶער פִּרְקֵי אָבוֹת שִׁיעוּר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דֶעם קִינְד אוֹיסְצוּהֶערְן, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם קִינְד, עֶס קֶען זַיין בַּיים נֵייעֶן וֶועט זִי זַיין גָאר סְפֶּעצִיעֶל, עֶס קֶען זַיין בַּיים טַאנְצְן וֶועט זִי זַיין גָאר סְפֶּעצִיעֶל.

וָואס מֵיינְט דֶער אוֹיסְדְרוּק: "דֶער קִינְד לֵייג אִין דִי זַייט"?! - אֶפְשָׁר גֵייסְטוּ אִין דִי זַייט?!

## מַאךְ עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַּאר אַלֶע קִינְדֶער

אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר פָּארִיגֶע וָואךְ גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו אַז זִי פִּילְט אוֹיף גֶעוִויסֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם לִימוּד וָואס זִי לֶערְנְט פָּאר, זִי פְּרֶעגְט מִיר צִי זִי קֶען זָאגְן פַּאר דִי קִינְדֶער: "וֶוער עֶס וִויל קוּמֶען זָאל קוּמֶען, אוּן וֶוער עֶס וִויל נִישְׁט קֶען אַהֵיימְגֵיין!" הָאבּ אִיךְ אִיר צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן: "נֵיין! נֵיין! נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ!"

דֶער נוּסָח: "וֶוער עֶס וִויל קוּמֶען זָאל קוּמֶען, אוּן וֶוער עֶס וִויל נִישְׁט קוּמֶען זָאל אַהֵיימְגֵיין!" - זָאגְט מֶען נִישְׁט פַּאר קִינְדֶער, דָאס וָואלְט אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ גֶעזָאגְט פַּאר אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ לֶערֶערִין וָואס גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט דִי שְׁוֶועעֶרֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ וָואלְט אִים גֶעזָאגְט: אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט דִי שְׁוֶועעֶרֶע קִינְדֶער קֶענְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, אִיךְ בַּאצְווִינְג דִיר נִישְׁט צוּ זַיין מְלַמֵד, אַז דוּ גֵייסְט אַהֵיים וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אוּן קֵיינֶער וֶועט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט בֶּענְקֶען נָאךְ דִיר... אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען סְפֶּעצִיעֶל פַּאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיט צוּ הַאלְטְן דִי לִימוּדִים, אִיךְ וִויל זֶען אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זֵיי מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי לִימוּדִים, - אוֹיבּ יָא, אִיז זֵייעֶר גוּט, כָּל הַכָּבוֹד; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט - אִיז גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אִיךְ קֶען אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶעס בַּאוַוייזְן, אָבֶּער דֶער צוּגַאנְג פוּן אָפְּשְׁטֶעמְפְּלֶען אַ קִינְד אַז 'זִי הַאלְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט', וַוייל זִי אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיט צוּ הַאלְטְן דִי לִימוּדִים, דָאס טָאר נִישְׁט זַיין.

## בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן פוּן דִי קִינְדֶער

אַסַאךְ מָאל שְׁפִּירְט אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ לֶערֶערִין ווִי 'דֶער קִינְד דַארְף מִיךְ נִישְׁט, וַוייל עֶר שְׁמֵייכְלְט נִישְׁט צוּ מִיר', זָאלְט אִיר

וויסן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעעֶפֶנְט דֶעם מוֹסָד כְּדֵי דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן (אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט) פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל בַּאטְרַאכְטְן דִי קִינְדֶער: 'וועלְכֶע קִינְדֶער הַאלְטְן פוּן מִיר' אוּן 'וועלְכֶע קִינְדֶער הַאלְטְן נִישְׁט פוּן מִיר', 'וועלְכֶע קִינְדֶער זֶענֶען מַיינֶע חֲסִידִים' אוּן 'וועלְכֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע חֲסִידִים', אָךְ אוּן וִוי אִיז מִיר אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער סִיבָּה פוּן אַ לֶערֶערִין פַארְוָואס זִי קוּמְט אִין שׁוּלֶע, כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען: 'אִיךְ ווייס אַז דִי קִינְד הָאט מִיךְ לִיבּ, ווייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אוּנְטֶער גֶעהֶערְט ווִי זִי זָאגְט אַז אִיךְ בִּין קְיוּט'... אוּן 'דִי קִינְד הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ', ווִיי אוּן בִּיטֶער אִיז אוֹיבּ אַ לֶערֶערִין דַארְף צוּקוּמֶען צוּ דִי כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער.

## מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן קַיין חִידוּשִׁים

פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זַיין קְלָאר בַּיי זִיךְ וָואס אִיז מַיין צִיל מִיטְ'ן אַרַיין גֵיין צוּ דִי קִינְדֶער; אִיךְ קוּם אִין כִּתָּה אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען מִיט זֵיי הֲלָכוֹת, אֱמוּנָה אוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, מֶען זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן אַבִּיסְל פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם'.

וויפִיל מֶען רֶעדְט פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם' אִיז נִישְׁט גֶענוּג.

אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער מֵיינְט מֶען אַז מֶען דַארְף זָאגְן חִידוּשִׁים, אוּן אַזוֹי ווִי מֶען הָאט דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג קַיין חִידוּשִׁים - רֶעדְט מֶען נִישְׁט... - אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין חִידוּשִׁים, מֶען זָאגְט אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ מַאמֶע".

יֶעדֶער מְלַמֵּד דַארְף רֶעדְן לוֹיט דִי שְׁפְּרַאךְ אוּן פַארְשְׁטַאנְד פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, לוֹיט זֵייעֶר יָארְגַאנְג, צוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאגְט מֶען: **"מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן 'נֵיין' פַאר אַ מַאמֶע"**, **"אַ מַאמֶע טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ בֵּייגְן"**, אוּן צוּ עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער קֶען מֶען שׁוֹין רֶעדְן מֶער הֲלָכוֹת.

## װען לױנט זיך צו האָבן די מוסר?

אויב מען רעדט פון 'כיבוד אב ואם', לוינט זיך צו האָבן די מוסר!

אויב מען רעדט פון אַכטונג געבן נישט צו טשעפּען אַ צווייטע קינד, לוינט זיך צו האָבן די מוסר!

אויב מען געדענקט צו געבן פאַר יעדן קינד אַ גוט וואָרט לוינט זיך צו האָבן די מוסר!

## אויפבויען אַ מענטש געדויערט אַסאַך יאָרן

מיינטס נישט ווען מען געבט איין גוט וואָרט פאַר אַ קינד איז עס שוין גענוג, דער קינד איז שוין געוואָרן אויפגעבויעט... מען ווערט נישט אויפגעבויעט פון איין גוט וואָרט.

איך זיץ מיט בחורים לאַנגע יאָרן, איך געב זיי אַסאַך גוטע ווערטער און זיי ווערן נישט אויפגעבויעט אַזוי שנעל, ווייל אַריין געבן אַ זעלבסט זיכערקייט אין אַ מענטש געדויערט אַסאַך יאָרן; מען דאַרף אָבער טון צוביסלעך, יעדעס יאָר ווערן די קינדער מער און מער אויפגעבויעט.

## פאַלשע גוטע ווערטער

ווי אַזוי געבט מען גוטע ווערטער? - גוטע ווערטער מיינט אַז מען האָט ליב דאָס קינד, מען טראַכט גוטס אויף דעם קינד, מען הייבט אָן האַלטן פון דעם קינד און מען זאָגט פאַרן קינד: "איך בין זייער איבער גענומען פון די זאַך וואָס דו טוסט!"

מען קען נישט זאָגן פאַלשע געמאַכטע גוטע ווערטער; עס זענען דאָ מלמדים און לערערינס וואָס געבן גוטע ווערטער

אָבֶער נִישְׁט קַיין אֶמֶתְ'עֶ, - דָאס מַאכְט פַּארְאִיבְּלְט, עֶס מַאכְט בְּרֶעכְן; אִיךְ מוּז דָאס זָאגְן, אוּן אִיךְ הָאףּ אַז קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט דֶערְפוּן.

אִיךְ הֶער אַלֶעס צוּרִיק פוּן דִי קִינְדֶער דוּרְךְ בְּרִיוְון וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן מִיר. אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוְון פוּן קִינְדֶער וואו זֵיי שְׁרַייבְּן מִיר דִי קָאמְפְּלִימֶענְטְס וָואס מֶען זָאגְט זֵיי, אוּן זֵיי לֵייגְן צוּ ווִי פַּארְשֶׁעמְט זֵיי וֶוערְן פוּן דִי פַּאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְן.

פַּאלְשֶׁע גוּטֶע וֶוערְטֶער טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ דֶעם קִינְד אוּן דוּ שְׁטוּפְּסְט סְתָּם אַרוֹיס אַ גוּט וָוארְט אוֹיף אַ קִינְד, אִיז דָאס גָארְנִישְׁט וֶוערְד. נָאר אוֹיבּ מֶען הָאלְט בֶּאֱמֶת פוּן דֶעם קִינְד מִיט דֶעם זַאךְ אִין וָואס עֶר אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, אוּן מֶען זָאגְט אִים: **"אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּער גֶענוּמֶען פוּן דִי זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט!"** אוּן אִיךְ בִּין טַאקֶע אִיבֶּער גֶענוּמֶען דֶערְפוּן! - קֶען עֶס אוֹיפְטוּן.

מֶען קֶען נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַ קִינְד וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ קְלֵייד וָואס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן בַּיי דִי הַאלְז, אָדֶער גֵייט מִיט הָאר בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, אוּן זָאגְן: "דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג!" "דַיין הָאר אִיז אַזוֹי צְנִיעוּת'דִיג!" דָאס קִינְד אַלֵיינְס וַוייסְט דָאךְ אַז זִי דַארְף זִיךְ פַּארְרֶעכְטְן, נָאר עֶס אִיז אִיר יֶעצְט שְׁוֶוער. עֶנְדֶערְשׁ זוּכְט אוֹיף אַ אֱמֶתְ'עֶ שֵׁיינֶע זַאךְ אוֹיפְ'ן קִינְד, עֶס אִיז זִיכֶער דָא אוֹיף יֶעדְן קִינְד זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, אֵיינֶער אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, אֵיינֶער אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אַז עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן אֵיינֶער אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין צְנִיעוּת.

## וָואס אִיז מַיין צִיל?

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר צִיל: פַּארְוָואס קוּם אִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער? - אִיךְ קוּם אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי זוּכְן אִין יֶעדְן קִינְד עֶפֶּעס גוּטְס, אִיךְ גֵיי גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד אֱמֶת'דִיגֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער.

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיינְס אַז מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט קִינְדֶער אוּן גָארְנִישְׁט לֶערְנֶען, נָאר זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל:

**"דו בִּיסְט אַזוֹי גוּט", "דו בִּיסְט אַזוֹי גוּט", "דו בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, וַוייל וָוען מֶען פִּילְט נִישְׁט אָן דִי צַייט, וָוערְן דִי קִינְדֶער חוּצְפָּה'דִיג, דֶערְפַאר טֵיילְט מֶען אֵיין דֶעם טָאג, מֶען דַאוֶוענְט אַבִּיסְל און מֶען זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִים, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל פִּרְקֵי אָבוֹת, אַבִּיסְל נָבִיא, מֶען לֶערְנְט אִידִישׁ און עֶנְגְלִישׁ, שְׁרַייבְּן און רֶעכֶענֶען.

אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶער עִיקָר צִיל פוּן דִי שׁוּלֶע, פַארְוָואס דַארְף מֶען בִּכְלַל דִי גַאנְצֶע שׁוּלֶע? דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין 'פָּאבְּלִיק סְקוּל' חַס וְשָׁלוֹם; דִי שׁוּלֶע אִיז גֶעמַאכְט אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואו צוּ קוּמֶען בִּיז זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן און חֲתוּנָה הָאבְּן; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גוּט, יוּנְג און רֵיין, דָאס בֶּעסְטֶע וָואס עֶס קֶען זַיין, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען לֶערְנְט, און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפּ שְׁרַייבְּן פִּינְקְטְלִיךְ אַלֶע לִימוּדִים, און אֲפִילוּ אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען דִי פַּרְשָׁה; דֶער עִיקָר אִיז אַז עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין זֵיי אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט. און זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד.

## נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ מֵיינְט 'חוּצְפָּה'

אוֹיף אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ יָא שְׁטֶעלְן, עֶס זָאל זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה.

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג; נָאר אוֹיבּ מֶען רֶעדְט דֶערְפוּן - וֶועט זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דַאכְט זִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ מֵיינְט שׁוֹין 'חוּצְפָּה'; אוֹיבּ אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער וֶוען דֶער מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין רֶעדְט, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דָאס קִינְד זוּכְט מִיךְ אָפְּצוּטוּן.

אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד זֶעט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז און דֶערשְׁרָאקְן וָוען אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער בִּשְׁעַת עֶר לֶערְנְט פָאר, דַארְף דֶער מְלַמֵּד נָאכְאַמָאל אִיבֶּער חַזֶר'ן דִי וִויכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת פוּן חִינוּךְ; אֵיינֶע פוּן דִי וִויכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת פוּן חִינוּךְ אִיז, מֶען זָאל וִויסְן אַז "קֵיין אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט מִיךְ אָפְּצוּטוּן", עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא

זָאךְ אַז אַ קִינְד, אַ בָּחוּר, זָאל קוּמֶען אִין חֵדֶר, אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין שׁוּלֶע כְּדֵי אֵיינֶעם אָפְּצוּטוּן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ!

אוֹיבּ אַ קִינְד פָּאלְגְט מִיךְ נִישְׁט, אוֹיבּ אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער, וֵויל עֶר מִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן, נָאר עֶר אִיז אַ קִינְד!

פַארְוָואס דֶען לַאכְט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער? עֶס קֶען זַיין צוּלִיבּ עֶטְלִיכֶע סִיבּוֹת; עֶס קֶען זַיין אַז עֶר דַארְף אַטֶענְשָׁאן אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ בַּאקוּמֶען אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וֶועגְן דֶעם פְּרוּבִּירְט עֶר עֶס צוּ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ לַאכְן, אַזוֹי וֶועט אֵיינֶער קוּקְן אוֹיף אִים, אָדֶער קֶען זַיין אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּט, אָדֶער בַּאדֶערְט אִים עֶפֶּעס, אָדֶער קֶען זַיין אַז עֶר אִיז פָּשׁוּט נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט מֶען זָאל אִים זָאגְן וָואס צוּ טוּן, קֵיינֶער הָאט אִים נָאכְנִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען, אוּן דָא אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע פְּלַאץ וָואס מֶען זָאגְט אִים וָואס צוּ טוּן; דַארְף דֶער מְלַמֵד אִים זָאגְן אוּן זָאגְן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִּירְן, אוּן אוֹיךְ זוּכְן גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס אִים אוֹיסְצוּרִימֶען, בִּיז עֶס וֶועט אַרַיין גֵיין אִין אִים אַז מֶען מוּז טוּן וָואס מֶען הֵייסְט.

ווִילַאנְג אַ מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין טְרַאכְט אַז ׳דִי צְוֵויי קִינְדֶער לַאכְן זִיךְ אַלְץ אוּנְטֶער פוּן מִיר׳, אִיז דָאס זַיין אֵייגֶענֶעם פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל עֶס אִיז אַן אַיינְרֶערֶדעְנִישׁ, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ.

דָאס אִיז קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ! אִין דֶעם אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק צְווִישְׁן אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ, גְרוֹיס אוּן קְלֵיין.

קֵיין אֵיין אֵיינְצִיג קִינְד קוּמְט נִישְׁט אִין חֵדֶר אֵיינֶעם אָפְּצוּטוּן.

מֶען מוּז זֶען עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער מֶען טָאר גָארְנִישְׁט אָנְנֶעמֶען אַלְס אַ פְּרִיוָואטֶע קְרִיג, כְּאִילוּ דִי קִינְדֶער ווִילְן מִיךְ טְשֶׁעפֶּען.

## וֶוער זָאגְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ מְחוּצָף?!

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן ווִיסְן, מֶען דַארְף נִישְׁט אַלֶעס זֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ מֶען זָאגְט: **״יֶעדֶער נֶעמְט אַרוֹיס דִי בִּיכֶער״**, אוּן אֵיינֶער בְּלַייבְּט קְלָאצְן, עֶר נֶעמְט

נִישְׁט אַרוֹיס זַיין בּוּךְ, וֶוער זָאגְט אַז מֶען דַארְף דָאס גְלַייךְ בַּאמֶערְקְן? אָדֶער אַז אַ קִינְד צוּלַאכְט זִיךְ - דַארְף מֶען דָאס אוֹיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג בַּאמֶערְקְן.

אוֹיסֶער אוֹיבּ מֶען בַּאמֶערְקְט אוֹיף אַ זַאךְ אַז דָאס אִיז זִיכֶער חוּצְפָּה, דַארְף מֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן, וַוייל חוּצְפָּה טָאר נִישְׁט זַיין!

מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה וַוייל עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ בִּילְד מִיט אַ קֶעמֶערֶע פוּן זַיין מַגִיד שִׁיעוּר; דֶער מַגִיד שִׁיעוּר אִיז גֶעוָוארְן ווִילְד, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיפְ'ן בָּחוּר: "מְחוּצָף", עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן פֶּעטְש אוּן אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה, פְּרֶעגְט מִיר מַיין מַאמֶע: "וָואס זָאגְסְטוּ צוּ דֶעם? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן אִין אַזַא פַאל?" הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: אִיךְ וָואלְט גֶעזָאגְט פַארְן בָּחוּר: **"מֶעק אוֹיס דֶעם בִּילְד, אוּן טוּ עֶס נִישְׁט נָאכְאַמָאל"**.

וֶוער זָאגְט אַז מֶען דַארְף עֶס מַאכְן פַאר אַ מַעֲשֶׂה פוּן חוּצְפָּה?!

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִין דֶעם פַאל אַז דֶער מַגִיד שִׁיעוּר הָאט עֶס שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן "חוּצְפָּה", דַארְף מֶען זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ אוּן הֵייסְן דֶעם בָּחוּר אִיבֶּער בֶּעטְן זַיין מַגִיד שִׁיעוּר, אַז דֶער בָּחוּר זָאל ווִיסְן אַז עֶר דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

## אִיךְ מֵיין נָאר צוּ מְחַזֵק זַיין

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בַּאקוּם אַלְץ גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף עֶנְק.

אוֹיבּ אִיךְ רֶעד אַבִּיסְל שַׁארְף אוּן שְׁטְרֶענְג אִיז עֶס נָאר צוּ מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

## פֶּרֶק ה׳

# דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ,
נֵר ד׳ דְּחֲנוּכָּה,
שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א



זכות הפרק נתנדב ע״י

מו״ה

**יצחק יונה זאבעל**

הי״ו

# דער סוֹד פוּן הַצְלָחָה

## וָואס הָאבְּן דִי יְוָנִים גֶעוָואלְט?

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם פַאר אַלֶע מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע מוֹסָד 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, כְּדֵי מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ חֵדֶר אוּן אַ סְקוּל פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ וִויל מְחַזֵק זַיין אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד; דִי מְלַמְדִים, לֶערֶערִינְס, אָפִּיס אַרְבֶּעטֶערְס, בָּאס דְרֵייוֶוערְס, דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער אוּן קֶעכֶער.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְרַייסְן דִי תּוֹרָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען: **"כִּתְבוּ לָכֶם עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר, שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל"**, מֶען זָאל אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיפְן הָארְן פוּנֶעם אָקְס וֶוערְטֶער אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁטָא קַיין בַּאשֶׁעפֶער.

אַלֶע סְפָרִים שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף דֶעם, וָואס עֶפֶּעס הָאבְּן זֵיי גֶעהֵייסְן דָאס אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף אַן אָקְס אוּן פּוּנְקְט אוֹיפְן הָארְן? מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַן אַלְטְן בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד (וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן נָאךְ פַאר רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָארְט גֶעוואוֹינְט) אַ שֵׁיינֶע פְּשַׁט.

דִי גְמָרָא (שַׁבָּת לה:) בְּרֶענְגְט אַ בְּרַיְיתָא אַז שַׁבָּת מֶעג מֶען מְטַלְטֵל זַיין אַ שׁוֹפָר, אֲפִילוּ סְתָּם אַזוֹי טָאר מֶען נִישְׁט מְטַלְטֵל זַיין שַׁבָּת

קַיין שׁוּם כְּלִי וָואס גֶעבְּט אַרוֹיס אַ קְלַאנְג, וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא אֶפְשָׁר וֶועט עֶס וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן מֶען וֶועט צוּקוּמֶען עֶס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּם שַׁבָּת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אַ שׁוֹפָר מֶעג מֶען יָא מְטַלְטֵל זַיין אוּם שַׁבָּת, וויבַּאלְד מֶען קֶען דָאס נִיצְן פַאר אַ בָּאטְל פַאר אַ קְלֵיין קִינְד[כב]; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן נִיצְן הֶערְנֶער פַאר מִילְךְ בָּאטְלֶעך.

הָאט דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: דֶערְפַאר הָאבְן דִי יְוָנִים גֶעהֵייסְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי 'הֶערְנֶער' וֶוערְטֶער קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, וַוייל זֵיי הָאבְן גֶעוָואלְט אַז אֲפִילוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס לִיגְן נָאךְ אִין וִויגֶעלֶע אוּן טְרִינְקֶען נָאךְ פוּנֶעם בָּאטְל, זָאלְן זֶען וִוי עֶס שְׁטֵייט אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף זֵייעֶר בָּאטְל אַז מִיר גְלֵייבְּן נִישְׁט וְכוּ'. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע כַּוָּונָה פוּן דִי יְוָנִים, אוֹיסְצוּרַייסְן פוּן דֶער יוּגְנְט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

## דֶער צִיל פוּן אוּנְזֶער מוּסָד - פְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה

וֶוען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים, הָאבְן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען דִי יְוָנִים, הָאבְן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶוען אַז אוֹיף יֶעדְן שְׁטַר זָאל מֶען אַרֵיינְלֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, נָאר שְׁפֶּעטֶער הָאבְן זֵיי גֶעזָאגְט מֶען זָאל דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן, וַוייל מֶען וַוארְפְט דָאךְ אַוֶועק דִי שְׁטָרוֹת אִין מִיסְט, קוּמְט אוֹיס אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען קוּמְט אָן אִין מִיסְט (עַיֵין רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח:).

דָאס אִיז דֶער מְקוֹר וָואס מִיר פִירְן זִיךְ אַז יֶעדֶע מָאל וֶוען מֶען הֵייבְּט עֶפֶּעס אָן צוּ שְׁרַייבְּן, הֵייבְּט מֶען אָן דֶעם בְּלַאט מִיט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען: ב"ה [בָּרוּךְ הַשֵּׁם], בס"ד [בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָא], בעזהשי"ת [בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ], להו"ו [לְהַשֵּׁם הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ].

---

**כב.** אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְלֶעגְט מֶען נִיצְן אַ הָארְן פַאר אַ בָּאטְל, וַוייל דָאס אִיז בְּרֵייט פוּן אוֹיבְן אוּן שְׁמָאל פוּן אוּנְטְן, מֶען לֵייגְט אַרָאפּ דֶעם קִינְד, מֶען גִיסְט אַרַיין מִילְךְ פוּן אוֹיבְן אוּן עֶס רִינְט אַרַיין טְרָאפְּעלֶעך אִינֶעם קִינְדְ'ס מוֹיל.

דָאס הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים גֶעוָואלְט, אַרַיינְלֵייגְן אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֵייבְּט אָן אַז "עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער", אוּן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס", - אוּן דָאס אִיז דֶער צִיל פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר אוּן סְקוּל, צוּ פְּרֶעדִיגְן אֱמוּנָה, צוּ פְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה, אַרַיינְלֵייגְן אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַזֶר'ן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז **'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער'** אוּן **'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן'**.

# דִי מַעֲשֶׂה פוּן חַכְמֵי כֶעלְם

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי עֶטְץ הַאלְטְס מִיט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין שְׁטָאט, עֶטְץ וואוֹינְטְס אִין שְׁטֶעטְל, דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט; אִין שְׁטָאט הָאט כִּמְעַט יֶעדֶער קִינְד 'מֶענְטָל אִישוּס' (גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען), דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶערְפוּן אָפְן, אָבֶּער בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט גֵייעֶן כִּמְעַט אַלֶע קִינְדֶער אוֹיף הִילְף.

אִיךְ הָאב תַּלְמִידִים אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶר פַּרְנָסָה אִיז צוּ דְרֵייוְון קַאר סֶערְוִויס, דֶערְצֵיילְן זֵיי מִיר: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט נִישְׁט וויפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַלְץ צוּ טֶערֶעפִּי, נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט טְרִיפְּס פוּן אִינְמִיטְן טָאג, זֶענֶען פוּן קִינְדֶער וָואס מֶען טְרָאגְט זֵיי פוּן חֵדֶר צוּם דָאקְטֶער, צוּם פְּסִיכַאיַאטֶער אוּן צוּם סְפֶּעשֶׁעלִיסְט!"

דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה פוּן כֶעלְם. אִין שְׁטָאט כֶעלְם אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִיק וָואס אִינְמִיטְן דִי בְּרִיק, דָארְט וואוּ דִי קַארְן הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט אַיינְדְרֵייעֶן, אִיז דֶער צוֹים גֶעוָוארְן צֶעבְּרָאכְן אוּן קַארְן פְלֶעגְן אַרַיין פַאלְן אִין וַואסֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעבּוֹיעֶט אַ שְׁפִּיטָאל נֶעבְּן דֶעם בְּרִיק, כְּדֵי דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין וַואסֶער זָאלְן גְלַייךְ הָאבְּן אַ שְׁפִּיטָאל נֶעבְּן זִיךְ, מֶען זָאל קֶענֶען פְּרוּבִּירְן צוּ רַאטֶעוֶוען זֵייעֶר לֶעבְּן... אֵיי, דוּ קֶענְסְט דָאךְ לֵייגְן אַ צוֹים, דוּ קֶענְסְט דָאךְ פַארֶערְכְטְן דֶעם בְּרִיק?! - דוּ קֶענְסְט דָאךְ אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה! אַז מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, אַלֶע גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען!

# אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה ׳אֵיין מָאל אַ יָאר׳, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אוֹיבּ מֶען זָאגְט ׳פּוּרִים׳ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער; דָאס הֶעלְפְט נָאכְנִישְׁט. מֶען דַארְף דָאס חַזֶר׳ן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מֶען דַארְף עֶס אַרַיינְפְּרֶעדִיגְן אִין הַארְץ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אוֹיבּ דֶער קִינְד וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אִינְמִיטְן שְׁלָאף זָאל עֶר זִיךְ צוּשְׁרֵייעֶן: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער!״

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעפְּלַאצְטֶע קִישְׁקֶע, אוּן בְּשָׁעַת מֶען הָאט אִים אַפֶּערִירְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק כַאפְּן דֶעם אָטֶעם, הָאט מֶען אִים גֶעדַארְפְט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף אַ רֶעסְפֶּערֶעיטֶער, עֶר אִיז גֶעבֶּעךְ גֶעלֶיגְן פַארְשְׁלַאפְט אִין שְׁפִּיטָאל, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אַבִּיסְל אוֹיפְצוּאוֶועקְן, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן, אָבֶּער עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט רֶעאַגִירְן הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ פֶּעדֶער צוּ שְׁרַייבְּן, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער: ״אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט״ - דָאס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען הַאלְבּ-וֶועגְס פַארְשְׁלָאפְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל אוֹיף אַ רֶעסְפֶּערֶעיטֶער, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט מַאכְן אוּן סְפֶּעצִיעֶל שְׁרַייבְּן דִי וֶוערְטֶער מִיטְ׳ן חֶשְׁבּוֹן צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד, ׳מֶען זָאל זֶען אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דָאס׳... אִין אַזַא צַייט קוּמְט אַרוֹיס וָואס עֶס לִיגְט אִינֶעווֵייניג אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעכַאפְּט זַיין סְטְרָאוּק לֹא עָלֵינוּ, שְׁנַת תשכ״ח, אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אַכְצִיג יָאר[כג], דֶערְצֵיילְט מֶען אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט אִים דֶער דָאקְטֶער גֶעגֶעבְּן אַ פֶּעדֶער עֶר זָאל עֶפֶּעס שְׁרַייבְּן, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער: ״אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ״.

---

**כג.** עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נֵס אַז עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט נָאךְ עֶלְף יָאר בִּיז כ״ו אָב שְׁנַת תשל״ט.

זֶעט מֶען אִין וָואס אַ צַדִיק׳ס קָאפּ לִיגְט, דֶער צַדִיק טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן ׳אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ׳, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דָאס וויל אִיךְ מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער, בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ, בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, בַּיי אִידִישׁ אוּן בַּיי עֶנְגְלִישׁ, בַּיים לֶערְנֶען אוּן בַּיים שְׁפִּילְן, אִין חֶדֶר, אוֹיפְ׳ן בָּאס, בַּיים נֵייעֶן, בַּיים קָאכְן, בַּיים בַּאקְן אוּן בַּיים אוֹיפְרוֹימֶען.

## אַרַיינְפְלֶעכְטְן ׳אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳ אִין יֶעדֶ—ע זַאךְ

בְּעֶצֶם וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער נָאר פוּן אֱמוּנָה אַ גַאנְצְן טָאג, נָאר אַזוֹי ווִי מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט אָנְכַאפְּן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַ גַאנְצְן טָאג זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע פָּאר וֶוערְטֶער: **״עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער״**, **״עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער״**, **״עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער״**, וַוייל דָאס וֶועט נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין אִים, אוּן מֶען וויל דָאךְ אַז עֶס זָאל יָא אַרַיין גֵיין, דַארְף מֶען דָאס אָנְטוּן מִיט אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער, דָאס הֵייסְט מֶען זוּכְט אִינְמִיטְן טָאג יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וואוּ מֶען קֶען צְווִישְׁן דִי וֶוערְטֶער עֶפֶּעס אַרַיינְלֵייגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: ״אִיךְ קֶען נִישְׁט״, זָאגְט מֶען אִים: **״פְּרוּבִּיר וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ קֶענְסְט יָא, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען״**.

דָאס אִיז דֶער עִיקָר צִיל פַארְוָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מוֹסָד, מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער.

## אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ

אוֹיךְ זָאל מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, זֵיי זָאלְן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ׳.

וֶוען אַ מְלַמֵד טֵיילְט אוֹיס צֶעטְלֶעךְ צוּ קָאלֶערְן, אוּן אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: ״אִיךְ קֶען נִישְׁט״, אוּן עֶר צֶערַייסְט דֶעם צֶעטְל,

טְרַאכְט דֶער מְלַמֵּד 'דֶער קִינְד אִיז אַ מְחוּצָף', אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער קִינְד בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מְחוּצָף, דֶער קִינְד אִיז אַ רַחְמָנוּת, אִין זַיין קָאפּ וֵוייסְט עֶר אַז 'אִיךְ קֶען טַאקֶע נִישְׁט', וַוייל דָאס הֶערְט עֶר אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, מֶען הַאקְט אִים אַרַיין אִין קָאפּ: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט", "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט", "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט", דֶערִיבֶּער וֶוערְט דֶער קִינְד אַזוֹי בְּרוֹגֶז וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים אַ צֶעטְל צוּ קָאלֶערְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ ווִילְסְט מִיךְ נָאכְאַמָאל וַוייזְן אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט?!'

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אַ קִינְד הֶערְט 'פֶערְצִיג טוֹיזְנְט מָאל' אַז עֶר קֶען נִישְׁט, מֶען הַאלְט אִים אִין אֵיין זָאגְן: "זֶעסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט! אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט! אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט! דוּ הָאסְט עֶס אוֹיסְגֶעגָאסְן, קוּק ווִי דִי קֶענְסְט נִישְׁט... לֵייג עֶס אַרָאפּ וַוייל דוּ קֶענְסְט נִישְׁט... דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען חַתוּנָה הָאבְּן..."

אַנְשְׁטָאט דֶער מְלַמֵּד זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דֶעם קִינְד, מַאךְ אִים הַאלְטְן פוּן זִיךְ, עֶר זָאל ווִיסְן אַז עֶר קֶען יָא! חַזֵר מִיט אִים: **"דוּ קֶענְסְט יָא, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען, קוּק ווִי שֵׁיין דוּ מַאכְסְט עֶס".**

אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס קָאלֶערְט אַרוֹיס פוּן דִי בִּילְדֶער, דַארְף מֶען אִים נָאכְנִישְׁט טְרָאגְן צוּ הִילְף.

מֶען שְׁפִּילְט אַרוּם מִיטְ'ן קִינְד, מֶען הֵייסְט אִים קָאלֶערְן, אוּן נָאךְ צְוָואנְצִיג מָאל וָואס עֶר וֶועט אַרוֹיס קָאלֶערְן פוּנֶעם בִּילְד, וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ קָאלֶערְן שֵׁיין. אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט יֶעדֶע פְּרַט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אַ קִינְד זָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט דִי חוּמָשׁ", זָאגְט מֶען אִים: **"וָואס הֵייסְט דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דִי חוּמָשׁ? - דוּ קֶענְסְט יָא דִי חוּמָשׁ!"**

## קִינְדֶער ווִילְ'ן נִישְׁט דַאוֶונֶען

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָא אִין דִי מוֹסָד שִׁיקְט מֶען נִישְׁט קַיין קִינְדֶער צוּ הִילְף וֶוען זֵיי קָאלֶערְן נִישְׁט שֵׁיין. אִין שְׁטָאט זֶענֶען דָא חֲדָרִים אוּן שׁוּלֶעס וָואס אַלֶע קִינְדֶער וָואס קָאלֶערְן אַרוֹיס פוּן דִי בִּילְדֶער

אָדֶער שְׁנַיידְן נִישְׁט גְרָאד, שִׁיקְט מֶען אויף הִילְף, עֶס הַאלְט שׁוין אַזוֹי וַוייט אַז אוֹיבּ אַ קְלֵיין קִינְד וִויל נִישְׁט דַאוֶׁוענֶען, רוּפְט מֶען אוֹיךְ אָן דִי עֶלְטֶערְן אַז דָאס קִינְד דַארְף גֵיין אויף הִילְף...

אֵיי, וָואס אִיז אוֹיבּ אַ קִינְד וִויל נִישְׁט דַאוֶׁוענֶען?! - זֵיי זֶענֶען דָאךְ קִינְדֶער, קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט דַאוֶׁוענֶען!

אַסַאךְ מָאל קוּמֶען מְלַמְּדִים צוּ מִיר זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס וִויל נִישְׁט מִיט דַאוֶׁוענֶען, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶׁוענֶען בְּלַייבְּט עֶר קְלָאצְן, זָאג אִיךְ זֵיי: "אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ וִויל אוֹיךְ נִישְׁט דַאוֶׁוענֶען, כָּל שֶׁכֵּן אַ קִינְד!"

יֶעצְט, וָואס זָאל מֶען טוּן? מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן דַאוֶׁוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער? - נֵיין! דוּ הָאסְט אַן עֵצָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל מִיט דַאוֶׁוענֶען, קֶען זַיין מִיט טִיקֶעטְס אָדֶער מִיט קֶענְדִיס.

אָדֶער קֶען מֶען מַאכְן, אַזוֹי וִוי מֶען פָּארְט דָאךְ סַיי וִוי יֶעדֶע סוֹף יָאר אויף אַ טְרִיפּ (אויסְפְלוּג), קֶען מֶען דָאס אויסְנִיצְן צוּ מְחַזֵּק זַיין דָאס דַאוֶׁוענֶען, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "**אַלֶע קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן דַאוֶׁוענֶען שֵׁיין וֶועלְן קֶענֶען מִיטְקוּמֶען צוּם טְרִיפּ**", אָדֶער קֶען מֶען מִיט דֶעם מְחַזֵּק זַיין דָאס 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "**אַלֶע קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג וֶועלְן קֶענֶען מִיטְקוּמֶען צוּם טְרִיפּ**".

## מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק אַ קִינְד

מֶען טָאר נִישְׁט אָנְשְׁטֶעמְפְּלֶען אַ קִינְד אַז 'דֶער קִינְד הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט', מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ יֶעדְן קִינְד.

אִיךְ וֶועל עֶנְק אויסְזָאגְן אַ סוֹד, אַלְס קִינְד אוּן אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אִין חֵדֶר אַזוֹי וִוי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְצְן צַייט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן זֵייגֶער צוּ זֶען וֶוען עֶס וֶוערְט שׁוין לָאנְטְשׁ אוּן אִיךְ וֶועל שׁוין קֶענֶען אַרוֹיס לוֹיפְן פוּן דָא.

מִיר הָאבְּן גְעהַאט גַאנְצֶעטֶע פְּלֶענֶער וואו מֶען גֵייט גֵיין יֶעדְן טָאג נָאךְ חֵדֶר; מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַ חֲבוּרָה פון קִינְדֶער וָואס מִיר פְּלֶעגְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען נָאךְ חֵדֶר אִין אַ בֶּעיסְמֶענְט, מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַ דְזְשִׁיקְסָאוֹ (זֶעג מַאשִׁין) און מִיר הָאבְּן גֶעשְׁנִיטְן הֶעלְצֶער, צוּ מַאכְן דֶערְפוּן פִידְלֶען און קְרוֹינֶען, וֶוען מַיין רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי גְמָרָא און פון חוּמָשׁ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, אִיז וָואס? מֶען וָואלְט מִיךְ גֶעדַארְפְט אַוֶועק וַוארְפְן?! בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט לֶערְן אִיךְ גְמָרָא מִיט חוּמָשׁ.

אַ קִינְד וַוארְפְט מֶען נִישְׁט אַוֶועק; אִיךְ דַארְף טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן יָא וֶועלְן דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען.

## אַרוֹיסבְּרֶענְגֶען יֶעדְן קִינְדְ'ס מַעֲלוֹת

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ דַארְפְן מְלַמְּדִים וויסְן, מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אֵיין קִינְד און זָאגְן אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל נָאכְמַאכְן דֶעם קִינְד. אַוַודַאי דַארְף מֶען גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס פַאר דִי קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף שֵׁיין, מֶען זָאגְט זֵיי: "**וַואוּ אַ מְחַיֶה צוּ זֶען וִוי יַעְנְקִי דַאוֶונְט**", "**פִּשְׁשׁשׁ מוֹשִׁי דַאוֶונְט אַזוֹי שֵׁיין**", "**דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שֵׁיין**", אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד: "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען אַזוֹי וִוי אִים?" - דָאס אִיז חֲזִיר טְרֵיף!

מֶען קֶען נִישְׁט פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד: "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ דִיךְ נִישְׁט אָנְטוּן אַזוֹי אֵיידֶל וִוי דֶער קִינְד?" - נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, פַאר דִי קִינְד וָואס טוּט זִיךְ אָן אֵיידֶל זָאלְסְטוּ זָאגְן: "**וַואוּ דוּ בִּיסְט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי שֵׁיין צְנִיעוּת'דִיג**", און פַאר דֶעם אַנְדֶערְן קִינְד וֶועסְטוּ זָאגְן אַן אַנְדֶערֶע מַעֲלָה מִיט וָואס עֶר צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס.

מֶען בְּרֶענְגְט אַרוֹיס יֶעדְנְ'ס מַעֲלוֹת, מֶען גֶעבְּט פַאר יֶעדְן קִינְד גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַוייל יֶעדֶער קִינְד 'קֶען' און 'וֶועט' אוֹיסְוַואקְסְן גוּט.

# מֶען מוּז לִיבּ
# הָאבְּן דִי קִינְדֶער

עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ וָואס אִיךְ זָאג בַּיי יֶעדְן שִׁיעוּר אוּן אִיךְ גֵיי עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע יְסוֹד אִין חִינוּךְ.

מֶען קֶען זַיין אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט לִיבּ אַלֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ תַּלְמִיד אָדֶער אַ תַּלְמִידָה - אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, דֶער קִינְד גֵייט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין דֶעם גַאנְצְן יָאר, עֶר גֵייט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען רִיקְן פָּארְאוֹיס.

אַ קִינְד שְׁפִּירְט צִי זַיין רֶבִּי הַאלְט פוּן אִים, צִי זַיין רֶבִּי הָאט אִים לִיבּ.

דִי וָואךְ אִיז דָא אַ בְּרִיוו אִין קוּנְטְרֵס 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' וואוּ אַ פְרוֹי פְרֶעגְט אָן: "ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל ווִיסְן אַז אִיךְ הַאלְט פוּן אִים?" דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן, דָאס פִילְט מֶען מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן"[כד].

---

**כד.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ דֶעם בְּרִיוו:

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן זָאל ווִיסְן אַז אִיךְ הַאלְט פוּן אִים?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל ווִיסְן אַז אִיךְ קוּק אִים אַרוֹיף, אוּן אִיךְ הַאלְט פוּן אִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע, ווִי אַזוֹי אִיר קֶענְט מַאכְן אַייעֶר מַאן זָאל ווִיסְן אַז אִיר קוּקְט אִים אַרוֹיף; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַיינְרֶעדְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען ווֵייסְט אוּן מֶען שְׁפִּירְט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן. אַז דִי פְרוֹי

יֶעדֶער זָאל צוּמַאכְן זַיין אוֹיגְן פַּאר אֵיין מִינוּט אוּן טְרַאכְטְן 'מַיין ווייבּ הַאלְט פוּן מִיךְ?' יֶעדֶער וֵוייסְט גְלַייךְ דֶעם עֶנְטְפֶער, אוֹיבּ יָא אָדֶער נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען זִיךְ אַ פְרוֹי צוּמַאכְן אִירֶע אוֹיגְן, אֲפִילוּ זִי גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט יֶעצְט נֶעבְּן אִיר מַאן, אוּן טְרַאכְטְן 'מַיין מַאן קוּקְט מִיךְ אַרוֹיף?' אוּן זִי וֶועט גְלַייךְ וִויסְן אוֹיבּ יָא אָדֶער נִישְׁט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי קִינְדֶער, קִינְדֶער פִּילְן צִי זֵייעֶר מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין הַאלְט פוּן מִיךְ, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט גֶעבְּן פַּאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל וֶוען מֶען הָאט פֵּיינְט דָאס קִינְד אִינֶעוֵוייניג אִין הַארְץ, דָאס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן עֶס.

וָואס אִיז דִי עֵצָה מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדֶעס קִינְד? - פַּאר מֶען קוּמְט אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער לֵייג אַרוֹיף אַ חֵן אוֹיף דִי קִינְדֶער'ס פְּנִים'עֶר, אִיךְ זָאל בֶּאֱמֶת לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן קִינְד"**.

---

קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף אִיר מַאן, זִי שֶׁעצְט אִים - וֵוייסְט עֶס דֶער מַאן, אוּן אַז נִישְׁט - שְׁפִּירְט דָאס דֶער מַאן; מֶען קֶען נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מֶען קוּקְט אַרוֹיף וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

אָנְהוֹיבְּן הוֹיבְּט זִיךְ דָאס אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין; אוֹיבּ מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת, מֶען זֶעט אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען אִין אַ צְוֵוייטְן גוּטְס, אָבֶּער אַז מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט, מֶען הָאט זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט לִיבּ - וִוי קֶען מֶען לִיבּ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן?

אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וֶועם עֶר הָאט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט גֶעזֶען, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים, אוּן עֶר זֶעט וִוי יֶענֶער מַאכְט יֶעדְן אֵיינֶעם אַוֶועק. רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט אִים: "וָואס מַאכְט דֶער?" "וָואס מַאכְט יֶענֶער?" אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם מַאכְט עֶר אַוֶועק, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אַז דוּ וֶועסְט הַאלְטְן פוּן זִיךְ - וֶועסְטוּ קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרְשַׁת מִקֵּץ שְׁנַת תשפ"ג)

## בעטן דעם אייבערשטן אויף חן

אויך זאל מען בעטן דעם אייבערשטן דיין פנים זאל זיין בא'חנ'ט אין די קינדער'ס אויגן, בעטס דעם אייבערשטן: "**הייליגער באשעפער לייג ארויף חן אויף מיין פנים, אז די קינדער זאלן אננעמען וואס איך זאג**". ביי מיידלעך איז דאס נאך וויכטיגער, ווייל ביי מיידלעך גייט עס אז אויב די טיטשער איז אביסל נישט אזוי קיוט איז שוין נישט אינטערסאנט, מען הערט שוין נישט אויס וואס די לערערין זאגט, דארף מען בעטן דעם אייבערשטן: "**הייליגער באשעפער מאך מיך בא'חנ'ט אז די קינדער זאלן אננעמען מיינע ווערטער**".

## פון די שווערע קינדער וועט ארויסקומען שיינע זאכן

געדענקטס, די אלע שווערע קינדער וואס מען קען מיט זיי גארנישט טון, קריג זיך נישט מיט זיי, ווייל אין צען יאר ארום גייען זיי פירן די מוסד...

איך האב א אינגערמאן וואס איז היינט דער מענעדזשער פון אונזער מוסד, ער האט געלערנט אין די תלמוד תורה וואו איך בין געווען איינגעשטעלט, איך געדענק ווי קיינער האט נישט געקוקט אויף אים, מען האט אים געווארפן ווי א באלי; איך געדענק ווי שטארק ער האט געוואלט אנקומען לערנען ביי מיר אין חדר, איך האב שוין געהאלטן אן אויג אויף אים ווען ער איז נאך געווען אין כתה ה', איך האב אים אלץ געגעבן גוטע ווערטער; אזוי פלעג איך אלץ טון, איך פלעג אלץ געבן גוטע ווערטער פאר די קינדער וואס איך האב געזען אז מען שטויסט זיך מיט זיי. למעשה ווען ער האט געדארפט אריין קומען צו מיר אין כתה ט', האב איך שוין נישט געארבעט אין יענע מוסד, ער האט זייער געוויינט א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט, ווייל ער האט שוין אזוי לאנג ארויס געקוקט אז ער גייט אנקומען צו א רבי וואס האט אים ליב, און פונקט פארן אריין קומען צו מיר בין איך ארויס, למעשה איז ער אריין געקומען לערנען דא אין

יְשִׁיבָה. יֶעצְט גֶעבְּט אַ קוּק, הַיינְט פִּירְט עֶר אַ מוֹסָד, עֶר הֶעלְפְט אַ מוֹסָד, עֶר בּוֹיעֶט אִידִישְׁקֵייט.

דָאס דַארְף יֶעדֶער מְלַמֵד וִויסְן, אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע צִיפֶּעדִיגֶע אִינְגֶל אִין חֵדֶר, וָואס דוּ טְרַאכְסְט צוּ זִיךְ: 'הַלְוַואי זָאל עֶר נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר, וַוייל וֶוען עֶר קוּמְט נִישְׁט אִין חֵדֶר אִיז אַלֶעס פַּיין...' זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען הָאט דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען נָאר פַּאר דֶעם קִינְד! לֵייג אַרַיין אִין אִים 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', לֵייג אַרַיין אִין אִים 'גוּטֶע מִדוֹת'.

יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט 'אוֹיסְרַייסְן' אִידִישְׁקֵייט, דַארְפְן מִיר 'בּוֹיעֶן' אִידִישְׁקֵייט, בּוֹיעֶן אֱמוּנָה, אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה.

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ אַ קִינְד

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְ'ס דַארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד; אוֹיבּ אִיז דָא אַ קִינְד וָואס עֶס רִינְט אִים דִי נָאז, אָדֶער אַ קִינְד וָואס חָלוֹמְ'ט אַ גַאנְצְן טָאג, טָאר מֶען אִים נִישְׁט אָנְרוּפְן: "דוּ חוֹלֵם!" אָדֶער "דוּ חַאלַאמָאקְ!"

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא אַ מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט גֶעווְאוֹינְט אִין מָאנְסִי, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע רַייכֶע הוֹיז, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּער נַאכְט אוּן זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן קַיין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין אַ בֶּעיסְמֶענְט. פַארְוָואס? וַוייל זֵייעֶר קִינְדְ'ס מְלַמֵד הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף אִים אַ צוּ-נָאמֶען, דֶער אִינְגְל הֵייסְט 'שָׁלוֹם', אוּן דֶער מְלַמֵד הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן "שָׁלוֹם חָלוֹם קוּם אַהֶער", דֶער זוּן אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר וֵויינֶען אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אִין חֵדֶר אַ נַייעֶ נָאמֶען אוּן אַלֶע קִינְדֶער לוֹיפְן אִים נָאךְ אוּן שְׁרֵייעֶן: "שָׁלוֹם חָלוֹם", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: לֵייג אַרַיין דַיינֶע קִינְדֶער אִין אַ חֵדֶר ווּאוּ מֶען גֵייט נִישְׁט מַאכְן אַ צוּ-נָאמֶען פַאר דַיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פוּן מָאנְסִי, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ צִיעֶן קַיין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן עֶר הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט זַיינֶע קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב.

עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גַאנְצֶע גֶערַאטְשְׁקֶע אִין זַיין מִשְׁפָּחָה, מֶען הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף אִים: ״הֵיתָּכֵן דוּ טוּסְט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע זַאךְ, דוּ קוּמְסְט פוּן אַ רִיזִיגֶע הוֹיז אוּן דִי צִיסְט זִיךְ אַרַיין צוּ אַ קְלֵיינֶע הוֹיז?!״ אָבֶּער עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט ׳אִיךְ מוּז דָאס טוּן צוּ רַאטֶעוֶועןן מַיין זוּן, עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אִין חֵדֶר׳.

אִיךְ וֵויס פוּן אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן דָא אִין שְׁטֶעטְל נָאר צוּלִיבּ דֶעם אֵיין סִיבָּה, אַז דֶער מְלַמֵד פוּן זֵייעֶר זוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם קִינְד: ״קוּם אַהֶער דוּ חַאלַאמָאק״, ״קוּם אַהֶער דוּ חָלוֹם״.

אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ קִינְד?! - אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי סֶענֶעטֶעיִשְׁן (רֵיינִיגְן דִי גַאסְן)!

מוֹהֲרָא״שׁ פְּלֶעגְט זָאגְן: ״אַ מְלַמֵד וָואס נִיצְט הֶענְט - דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט קַאנֶעס אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן דִי כַּעַס אוֹיף דִי קַאנֶעס״, אַז דוּ צִיפְּסְט קִינְדֶער מִיטְ׳ן מוֹיל - קֶענְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן מִיט קִינְדֶער.

## אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין מוּז עֶסְן אוּן זַיין אוֹיסְגֶערוּט

אִיךְ טְרַאכְט, אֶפְשָׁר הָאט יֶענֶער מְלַמֵד פָּשׁוּט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעגֶעסְן יֶענֶעם טָאג, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן. דַארְף מֶען זָאגְן פַארְן מְלַמֵד: מַאךְ אַ בְּרָכָה, קוֹיף זִיךְ טְשָׁאקְלֶעד מִיט אַ קַאוֶוע, אָדֶער הֵייסֶע קַאקַאו, בַּארוּאִיג זִיךְ, קוּם צוּ זִיךְ. אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קוּם יֶעצְט צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ, הֶעלְף מִיךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, אוּן אוֹיבּ דִי קִינְדֶער ווִילְן מִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן זָאל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט**״.

נָאךְ אַן עֵצָה צוּ זַיין רוּאִיג מִיט דִי קִינְדֶער, צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ.

אוֹיבּ אִיז מָארְגְן נִישְׁטָא קַיין שׁוּלֶע, קֶען אַ לֶערֶערִין בְּלַייבְּן אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז דָא מָארְגְן שׁוּלֶע, מוּז מֶען

גיין שְׁלָאפְן צייטְלִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אַרוֹיס פוּן בֶּעט, וֶוען מֶען וֵוייסט נָאכְנִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען הֵייסְט און מֶען וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט וָואס מֶען גֵייט הַיינְט לֶערְנֶען.

## דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אַ מֶענְטְשׁ קֶען מַצְלִיחַ זַיין און וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אֲפִילוּ פוּן פַּארְקוֹיפְן קְלֵיינֶע צֵיין שְׁטֶעכֶערְס (טוּט פִּיקְס); דָא אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין וַואלְד אַרָאפּ גֶעפַאלֶענֶע בֵּיימֶער, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נֶעמֶען אַ הַאק און צֶעהַאקְן אַ בּוֹים אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ און מַאכְן דֶערְפוּן צֵיין שְׁטֶעכֶערְס, - זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: אוֹיב עֶר הָאט לִיבּ דִי דְזָשַׁאבּ, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז 'עֶר' גֵייט אַריין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי עֶכְטֶע הֶעלְטִי (גֶעזוּנְטֶע) צֵיין שְׁטֶעכֶערְס, ווייל דִי אַנְדֶערֶע זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ נִיצְן... - וֶועט עֶר וֶוערְן פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶער מִילְיָאנֶער, ווייל עֶר הָאט לִיבּ זַיין דְזָשַׁאבּ, ווִידֶער אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ דִי דְזָשַׁאבּ, קֶען מֶען אַרְבֶּעטְן מִיט גָאלְד און בְּלַייבְּן אַן אָרֶעמַאן.

אִינְגֶעלַייט פְּרֶעגְן מִיר אַסַאךְ מָאל: "מִיט וָואס זָאל אִיךְ אַרְבֶּעטְן, זָאל אִיךְ אָנְנֶעמֶען דִי דְזָשַׁאבּ אָדֶער יֶענֶע דְזָשַׁאבּ?" אִיךְ עֶנְטְפֶער אַלְץ: "וָואס עֶס צִיט דִיךְ", טֵייל מֵיינֶען שׁוֹין אַז דָאס אִיז אַ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַז אִיךְ זֶע ווייל דָאס צִיט אִים אִיז דָאס זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה... בֶּאֱמֶת אִיז דָאס פָּשׁוּט אַן עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוֹיב דוּ הָאסְט לִיבּ דַיין דְזָשַׁאבּ גֵייסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין דֶעם.

## פַּארְוָואס ווייל מַיין קִינְד קוּמֶען אִין חֵדֶר?

אַ מְלַמֵד און אַ לֶערֶערִין קֶענֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיב עֶר הָאט לִיבּ דִי דְזָשַׁאבּ און עֶר הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער, עֶר שְׁפִּירְט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער.

עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז עֶס טָאר נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר, אַוַודַאי אִיז שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צוּפְרִי, - דָאס אִיז

פאַר יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוועה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט לִיבּ אַ דְזְשַׁאבּ קֶען מֶען בַּאשְׁטֵיין צוּ שְׁלָאפְן נָאךְ צֶען מִינוּט... נָאר אִיךְ מֵיין צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל וֶועלְן זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן זַיין אַ לֶערֶערִין.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט לִיבּ דַיין דְזְשַׁאבּ, דוּ הָאסְט לִיבּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער קֶענְסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, אוּן נִישְׁט נָאר 'דוּ קֶענְסְט מַצְלִיחַ זַיין' - נָאר דִי קִינְדֶער גֵייעֶן 'וֶועלְן' קוּמֶען אִין חֵדֶר!

אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער וֵויינְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַז עֶר וִויל קוּמֶען לֶערְנֶען אִין דִי שְׁטֶעטְל חֵדֶר בַּיי אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים; פַארְוָואס וִויל עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק קוּמֶען צוּ יֶענֶער מְלַמֵּד? וַוייל דֶער מְלַמֵּד הָאט לִיבּ זַיין דְזְשַׁאבּ, אוּן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד הָאט לִיבּ צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר - ווִילְן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר.

אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד קוּמְט אִין חֵדֶר גֶעצְווּינְגֶענֶערְהֵייט, אָדֶער אַ לֶערֶערִין קוּמְט אִין שׁוּלֶע מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן: 'אִיךְ מוּז דָאךְ הָאבְּן אַ דְזְשַׁאבּ, זוּמֶער וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה גֶעבְּן וָואס צוּ טוּן, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דֶעם לַאנְגְן ווִינְטֶער? בִּפְרַט דָא אִין שְׁטֶעטְל וָואס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, וֶועל אִיךְ אָנְנֶעמֶען אַ דְזְשַׁאבּ אִין שׁוּלֶע'... - קֶענְסְטוּ נִישְׁט דָא אַרְבֶּעטְן, נִישְׁט צוּלִיבּ דֶעם גֶעבּ אִיךְ דִיר דֶעם דְזְשַׁאבּ, דוּ וֶועסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין!

## רֶעדְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג

יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה עֶפְנְט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, עֶס עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי 'אוֹר הַגָּנוּז' בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז 'אוֹר הַגָּנוּז' אִיז אַ זַאךְ 'אִין הִימְל' עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער 'אוֹר הַגָּנוּז' אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, בַּיי יֶעדְן אִיד אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט וָואס חֲנוּכָּה עֶפְנְט זִיךְ עֶס אוֹיף, אַז דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ נָאכְאַמָאל 'אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ יָא זַיין גוּט', 'אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ זַיין וואוֹיל'.

מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן בַּיי קִינְדֶער, מֶען דַארְף נָאר וִויסְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי.

לָאמִיר אָנְכַאפְּן אַ מָשָׁל פוּן דַאוֶונֶען; מְלַמְּדִים שְׁרַייבְּן מִיר בְּרִיוְון אַז קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט דַאוֶונֶען, וִוי אַזוֹי לֵייגְט מֶען אַרַיין 'דַאוֶונֶען' אִין קִינְדֶער?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן פוּן דִי פַארְקֶערְטֶע וֶועג, זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: "אוֹיב דוּ דַאוֶונְסְט נִישְׁט גֵייסְטוּ פְלַאקֶערְן אִין גֵיהִנּוֹם", דַארְף מֶען רֶעדְן רִיכְטִיג, פוּן דִי גוּטֶע וֶועג, מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר וָואס דַאוֶונֶען אִיז, מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוֶונֶען, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען גֵייט יֶעצְט בֶּעטְן דֶעם אייבֶערְשְׁטְן, מֶען גֵייט יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**.

רֶעדְט נִישְׁט פוּן 'אוֹיב מֶען דַאוֶונְט נִישְׁט'... - רֶעדְט פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן 'יָא' דַאוֶונֶען.

זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען גֵייט יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט יֶעצְט בֶּעטְן פַאר זִיךְ, פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה, פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר זַיין עָתִיד"**.

קִינְדֶער כַאפְּן נִישְׁט, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵייעֶר יֶעצְטִיגֶע שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט, דִי כִּתָּה, דִי רִיסֶעס, דִי לָאנְטְשׁ - דָאס אִיז דִי לֶעבְּן... דַארְף מֶען זֵיי מַסְבִּיר זַיין לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד אַז וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי לֶעבְּן, מֶען בַּאקוּמְט אַ מַאן, מֶען בַּאקוּמְט אַ וַוייבּ, מֶען הָאט קִינְדֶער אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן פַּרְנָסָה, לָאמִיר שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ דַאוֶונֶען, לָאמִיר אָנְגְרֵייטְן תְּפִלּוֹת אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

## דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן דַאוֶונֶען

אַז מֶען רֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער פַארְן דַאוֶונֶען, אָדֶער מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי אַ מַעֲשֶׂה פוּן דַאוֶונֶען אָדֶער אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער אָנְהֵייבְּן דַאוֶונֶען, אוּן אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז מֶען קֶען אַרַיין זָאגְן דָאס דַאוֶונֶען אִין אַ רֶעקָארְדֶער, מֶען זָאגְט דָאס אַרַיין מִיט אַ חִיוּת

און אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, און בִּשְׁעַתְ׳ן דַאוְוענֶען צִינְדְט מֶען עֶס אָן אוֹיפְ׳ן סְפִּיקֶער. אָבֶּער נִישְׁט אֵייבִּיג הֶעלְפְּט דָאס, אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פַארְן דַאוְוענֶען, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער דַאוְוענֶען שֵׁיין.

בִּשְׁעַתְ׳ן דַאוְוענֶען קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה, דָאס דַאוְוענֶען דַארְף פָּארְן אִין אֵיין צִי, אָבֶּער פַארְן דַאוְוענֶען קֶען מֶען דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וֶועגְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוְוענֶען, און עֶס קֶען זַיין אַז דַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן נִישְׁט הֶעלְפְן פַאר דִי יֶעצְטִיגֶע דַאוְוענֶען, אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין, עֶס קֶען זַיין וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין זַיין אַ אִינְגֶערְמַאן און עֶר וֶועט דַאוְוענֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, גֵייט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס זַיין רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִין כִּתָּה ה׳!

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ הַיינְט זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן פוּן חֵדֶר, צִי עֶס אִיז אַ גוּט וָוארְט וָואס אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַלְס קִינְד, אָדֶער אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן כָּבוֹד אַלְס קִינְד.

## מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער

אִיךְ בֶּעט פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִנְס: דֶערְצֵיילְטְס פַאר דִי קִינְדֶער ׳מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים׳.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין כִּתָּה ה׳, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, אִינְמִיטְן דֶעם שְׁמוּעֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן אִיבֶּער דָאס אִידִישְׁקֵייט אִין רוּסְלַאנְד, הָאבְּן קִינְדֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר הַאנְט און גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען אַפָּאר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן ׳אִידִישְׁקֵייט אִין רוּסְלַאנְד׳ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק פוּן אַ מְלַמֵּד, און אַ אִינְגֶל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דֶער רִיבְנִיצֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעקְוָואלְן פוּן נַחַת צוּ זֶען ווי דִי מַעֲשִׂיּוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַז זֵיי קֶענֶען צְוֵויי יָאר שְׁפֶּעטֶער זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן און דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת פַאר אַ גַאנְצֶע כִּתָּה, כְּזָקֵן וְרָגִיל.

מִן הַסְתָּם ווען יֶענֶער מְלַמֵּד הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשִׂיוֹת, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס, און מִסְתָּמָא גֶעדֶענְקְט עֶר שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט אַז עֶר הָאט בִּכְלַל דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשִׂיוֹת, מֶען זֶעט אָבֶּער אַז מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער.

אַלֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס מוּזְן זִיךְ פָּארְקוּקְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים; פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׂא. חֲנוּכָּה קֶען מֶען דֶערְצֵיילְן דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם אִיד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַשַׁ"בּ פוּן לִיוּבַּאווִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן וועג אַ מְנוֹרָה, און רוֹיבֶּערְס הָאבְּן אִים גֶעכַאפְּט און דוּרְךְ דִי מְנוֹרָה אִיז עֶר גֶעוָוארְן גֶערַאטֶעוֶועט[כה].

כה. הוֹסָפָה מֵאֵת הַמּוֹצִיאִים לָאוֹר: מִיר ווֶעלְן אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דָא דֶערְמַאנְט, לוֹיט ווִי מִיר הָאבְּן עֶס גֶעזֶען אִין עֶטְלִיכֶע סְפָרִים:

דֶער הֵיילִיגֶער רַשַׁ"בּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן שִׂמְחַת תּוֹרָה אוֹיף אַ הִתְוַעֲדוּת מִיט זַיינֶע חֲסִידִים, אִינְמִיטְן דִי הִתְוַעֲדוּת רוּפְט זִיךְ אָן ר' פְּתַחְיָה - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן, און דֶערְצֵיילְט בִּפְנֵי כָּל עַם וְעֵדָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ שְׁטֶענְדִיג אַז עֶר מַאכְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם מוֹפְתִים, אִיךְ ווֶעל דָא דֶערְצֵיילְן אַן עוּבְדָא וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר: אִין אֵיינֶע פוּן דִי זוּמֶער טֶעג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, און פַּארְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן צִימֶער זָאגְט מִיר דֶער רֶבִּי: "דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ סוֹחֵר אִין דִי ווֶעלְדֶער, צוּמָאל קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ זַיין אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג אִין וַואלְד, זָאג אִיךְ דִיר, ווען עֶס קוּמְט חֲנוּכָּה זָאלְסְטוּ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר הוֹיכֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט!" ווען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ ווֶעל טַאקֶע דַארְפְן ווַיילְן אִין וַואלְד, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דִי ווֶערְטֶער פוּן דֶער רֶבִּי, און אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶענוּמֶען גְרוֹיסֶע הוֹיכֶע לֶעכְט.

ווען אִיךְ בִּין אַרַיין אִין וַואלְד זֶענֶען גֶעקוּמֶען רוֹיבֶּער, זֵיי הָאבְּן מִיר צוּגֶעכַאפְּט מַיין גֶעלְט און אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט מַיינֶע טַאשְׁן, און זֵיי הָאבְּן מִיךְ גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן מִיךְ לָאזְן לֶעבְּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי מוּזְן מִיךְ הַרְגֶ'עֶנֶען ווַייל אוֹיבּ אִיךְ ווֶעל בְּלַייבְּן לֶעבְּן ווֶעל אִיךְ זִיכֶער מַסְרְ'ן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ ווַיינֶען אַז זֵיי זָאלְן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מִיר נִישְׁט

הַיינְט אִיז דָא אַזוֹיפִיל מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, מֶען מוּז דֶערְצֵיילְן פַּאר קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מַיין הַארְץ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד אַ מַעֲשֶׂה פוּן מַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶטְץ הֶערְטְס וָואס דָא גֵייט פָּאר?! דֶער רֶבִּי הָאט אַלְס קִינְד גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זַיין הַארְץ הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן![כו]

---

אוֹיסְגֶעהֶערְט, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אָט אָט קוּמְט מַיין סוֹף... הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן מִיךְ נָאךְ לָאזְן דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אוּן צִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט פַּאר זֵיי הַרְגְ׳עֶנֶען מִיךְ.

מִיט זֵייעֶר פִיל גוּטְסְקֵייט... הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעלָאזְט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אוּן צִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט, בִּשְׁעַתְ׳ן צִינְדְן דִי לֶעכְט דָארְט טִיף אִין וַואלְד, אִיז אַרִיבֶּער גֶעפָארְן דֶער פָּרִיץ פוּן דָארְף, עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט שַׁיינְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן דִי וַואלְד, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען זֶען וָואס דָאס אִיז, דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ זַיין רֶעוָואלְוֶוער, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אוּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְט.

הָאט ר׳ פְּתַחְיָה אוֹיסְגֶעפִירְט: אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן בִּזְכוּת דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעהֵייסְן מִיטְנֶעמֶען הוֹיכֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט.

**כו.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וואו דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה:

### וִוי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע צוּ פִינְף זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ קע״ה, אוּן מַיין גַאנְצֶע צִיל אוּן הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן אִיז אוֹיפְצוּצִיעֶן מַיינֶע קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין צֶען יֶערִיג אִינְגֶל הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן דֶערְמִיט, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר בֶּעט אַסַאךְ מָאל זַאכְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ מִיר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיינֶע קִינְדֶער

פון אֱמוּנָה, ווי אַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה און הַדְרָכָה ווי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, און ווי אַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב חַג הַסוּכּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַּארְצֵיילְט ווי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶועןְ אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, ווייל דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע פֵּיגָא הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע - דִי צַדֶקֶת אָדְל - דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹבְ'ס טָאכְטֶער, וָואס זִי הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִין דֶעם הוֹיז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. וֶוען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב פְּלֶעגְן קוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיוּן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְּלֶעגְן זֵיי אַרַיין גֵיין אִין שְׁטוּבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב און זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי צַייטְן וָואס זֵיי פְּלֶעגְן זַיין בֵּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי פְּלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי. דֶער רֶבִּי זַייעֶנְדִיג נָאךְ אַ קְלֵיין אִינְגְל פְּלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, דִי צַדִיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה ווי אַזוֹי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט בְּשַׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און זִי אִיז גְלַייךְ נָאכְדֶעם נִפְטַר גֶעוָוארְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ און אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "**יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט - כְּדֶרֶךְ כָּל הָארֶץ, גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם**", און מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִפְטַר גֶעוָוארְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטְנְ'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "**גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם**", מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט און אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט

הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז אֵיינְמָאל שְׁפַּאצִירְט עֶר אִין וַואלְד בִּשְׁעַת עֶר זִינְגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר וִוי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיינְס אִין וַואלְד?" רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט דִי וֶועלְט", אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשְ'עֶ פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב הַשֵּׁם אֶת הָאָרֶץ". (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג פוּן דֶער עֶרְד אוּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, אוּן בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן נַאר הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", פְּלוּצְלִינְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וִוי עֶר אִיז נִישְׁט דָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֵ"ם; פוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם ווִיל אִים אַיינְרֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: 'גֶעוַואלְד! אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק?' דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ' וְכוּ'**". בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק פְלַאקֶערְט דָאס אוֹיף זַיין הַארְץ צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶערְפַאר אַז אִיר ווִילְט אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְפְט אִיר ווִיסְן אַז דִי עֵצָה אִיז זֵיי צוּ דֶערְצֵיילְן אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אוּן פוּן צַדִּיקִים; עֶס אִיז בַּאוִויסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: "וָואסֶערֶע מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "נִישְׁט דָאס מַיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת

פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ״; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף אַלֵיינְס אוֹיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה, מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּער גֶעבְּן אֱמוּנָה פַאר אַ צְוֵוייטְן נָאר אַז מֶען אִיז בָּטֵל וּמְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרַא״שׁ טַייטְשְׁט מִיט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, ח): ״טוֹב וְיָשָׁר ה׳ עַל כֵּן יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל זַיין אַ ׳יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ׳, עֶר וויל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף זַיין בַּיי אִים קוֹדֶם ׳טוֹב וְיָשָׁר ה׳״, עֶר דַארְף וויסְן בַּיי זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט וּבְחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי אֱמוּנָה.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט עֶלְטֶערְן וָואס ווילְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; זֵיי דַארְפְן זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּער גֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה. יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִין שְׁטוּבּ זָאל מֶען הֶערְן דֶערְבֵּיי דִי אוֹיסְדְרוּקְן: ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם!״ ״אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!״ אַז עֶס גִיסְט זִיךְ עֶפֶּעס אוֹיס אָדֶער אַז עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ עֶפֶּעס דַארְף מֶען הֶערְן: ״גַּם זוּ לְטוֹבָה״, ״וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז זִיכֶער גוּט״; בַּיים שַׁבָּת טִישׁ דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אֱמוּנָה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה - אַזוֹי וֶועט אַרַיין גֵיין אִין זֵייעֶר הַארְץ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן ווִי מֶער מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): ״הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם״, ווִי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): ״אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי״, דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: ׳מִיט מַיין מוֹיל פַארְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, ״הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה״, אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - דָאס אַלֵיין אִיז אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּ מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: ״וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?״ זָאל עֶר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן: ״יָא״, נָאר: ״מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף״; מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: ״וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?״ עֶנְטְפֶערְט מֶען: ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער

# אַ מְחַנֵּךְ דַּארְף הַאלְטְן פוּן זִיךְ אַלֵיין

עֶס אִיז וויכְטִיג פַאר מְחַנְּכִים צוּ הַאלְטְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס, ווייל אַז מֶען הַאלְט פוּן זִיךְ קֶען מֶען הַאלְטְן פוּן דִי קִינְדֶער.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן זַיין חָבֵר וָואס עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהַאט גֶעטְרָאפְן, עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס מַאכְט יַעֲנְקֶל?" הָאט דֶער חָבֵר אִים אַוֶועק גֶעמַאכְט, פְּרֶעגְט עֶר אִים וַוייטֶער: "אוּן וָואס מַאכְט מוֹשֶׁי?" הָאט עֶר אִים אוֹיךְ אַוֶועק גֶעמַאכְט, אַזוֹי הָאט עֶר יֶעדְן אַוֶועק גֶעמַאכְט, פְּרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אוּן וָואס אִיז מִיט דִיר?" הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועק גֶעמַאכְט, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "וֶוען דוּ וֶועסְט הַאלְטְן פוּן דִיךְ, דוּ וֶועסְט ווִיסְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ', וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען זֶען אַז יַעֲנְקֶל אִיז גוּט, מוֹשֶׁי אִיז גוּט, אֱלִיעֶזֶר אִיז גוּט אוּן יֶעדֶער אִיז גוּט".

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף הָאבְּן זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, מֶען דַארְף ווִיסְן 'אִיךְ בִּין דֶער מְלַמֵּד, אִיךְ בִּין דִי לֶערֶערִין, אִיךְ קֶען אוּן אִיךְ בִּין מַצְלִיחַ'.

וֶוען אַ מְלַמֵּד קוּמְט אַרֵיין אִין כִּתָּה שְׁפִּירְן דִי קִינְדֶער גְלַייךְ צִי דֶער מְלַמֵּד אִיז זִיכֶער בַּיי זִיךְ, צִי דֶער מְלַמֵּד ווֵייסְט אַז מֶען דַארְף אִים פָאלְגְן, אָדֶער עֶר אִיז אוּמְזִיכֶער מִיט זִיךְ. אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד שְׁרַייט אָדֶער שְׁלָאגְט, זֶעעֶן דִי קִינְדֶער אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז

---

חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

(סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, חֵלֶק ו', מִכְתָּב תנו)

שְׁוואַךְ, ווייל שְׁרייעְן און שְׁלָאגְן ווייזְט אויף שְׁוואכְקֵייט, און בִּכְלָל איז 'שְׁלָאגְן' גָארנִישְׁט ווערְד, דָאס קוּמְט ווען מֶען איז אִיבֶּער גֶעמִידֶעט.

## א מְלַמֵד דַארְף וויסְן 'דִי קִינְדֶער גֵייעְן מִיר פָּאלְגְן'

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים:** הַיינְט בִּיסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ מִיט דִי קִינְדֶער, זָאג מִיר וָואס דוּ טוּסְט הַיינְט אַנְדֶערְשׁ ווִי פִינְף יָאר צוּרִיק, וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן דֶעמָאלְט גֶעלַאכְט פוּן דִיר אִין פָּנִים און גֶעטַאנְצְן אוֹיפְ'ן טִישׁ. הַיינְט הָאסְטוּ אַ שְׁטֶעקְן? - נֵיין! דוּ טוּסְט הַיינְט גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶעמָאלְט, - דֶער חִילוּק אִיז בַּיי דִיר אִין מֹחַ.

אַמָאל הָאסְטוּ גֶעטְרַאכְט: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד', הָאבְּן דִי קִינְדֶער דָאס גֶעשְׁפִּירְט, דוּ הָאסְט זֵיי נִישְׁט גֶעדַארְפְט זָאגְן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד"... זֵיי הָאבְּן עֶס אַלֵיין גֶעשְׁפִּירְט. הַיינְט ווייסְטוּ אַז 'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף גֵייט מֶען מִיךְ פָּאלְגְן'. דֶערִיבֶּער שְׁפִּירְן דָאס דִי קִינְדֶער, ווען דוּ עֶפְנְסְט נָאר אוֹיף דִי טִיר זֶעצְן זִיךְ שׁוֹין דִי קִינְדֶער גְלַייךְ אַרָאפּ.

מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'אִיךְ' קֶען, נָאר מֶען דַארְף טְרַאכְטְן: 'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף' ווֶעל אִיךְ קֶענֶען.

**דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט פַאר אַ צְווייטֶער מְלַמֵד:** אִיךְ גֶעדֶענְק ווען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען מְלַמֵד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, הָאט מֶען אַרוֹיס גֶעהֶערְט קוֹלוֹת פוּן דַיין כִּתָּה, דוּ פְלֶעגְסְט שְׁרייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער און דִי קִינְדֶער הָאבְּן צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן... אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְן מְנַהֵל: "שִׁיק אַהֵיים דֶער מְלַמֵד פוּן דָא", און דֶער מְנַהֵל פְלֶעגְט מִיר זָאגְן: "לָאמִיר וַוארְטְן נָאךְ אַ וָואךְ, לָאמִיר אִים אוֹיסְלֶערְנֶען", און הַיינְט הֶעלְפְּסְטוּ שׁוֹין אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים, אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים זָאגְן נָאךְ אִין דַיין נָאמֶען: "רֶבִּי ... הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי", וָואס אִיז גֶעשֶׁען? וָואס הָאסְטוּ גֶעטוֹישְׁט אַז הַיינְט בִּיסְטוּ מַצְלִיחַ? - גָארְנִישְׁט! נָאר דֶער אֵיין זַאךְ אַז דוּ ווייסְט אִין דַיין מֹחַ 'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף ווֶעלְן דִי קִינְדֶער מִיךְ פָּאלְגְן!'

די פְּרִישֶׁע מְלַמְּדִים זָאלְן דָאס וויסְן, וֶוען אַ מְלַמֵּד עֶפְּנְט אוֹיף דֶעם טִיר, דַארְף עֶר וויסְן בַּיי זִיךְ 'מֶען גֵייט מִיךְ פָּאלְגְן, און אוֹיבּ מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט גְלַייךְ, גֵייט מֶען מִיךְ פָּאלְגְן דִי צְווייטֶע מָאל, אִיךְ גֵיי זֵיי נָאכְאַמָאל זָאגְן אַז מֶען דַארְף פָּאלְגְן בִּיז זֵיי גֵייעֶן טַאקֶע פָּאלְגְן'.

## אָנְהֵייבּ יָאר לֶערְנְט מֶען אוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ

יֶעצְט אִיז שׁוֹין חֲנוּכָּה, אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אַיינְצוּפֶעדֶעמֶען 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', וַוייל (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): 'דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה', דֶרֶךְ אֶרֶץ קוּמְט פַאר תּוֹרָה. גֶעוועֶנְלִיךְ דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן חֲנוּכָּה פוּן 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', דָאס לֵייגְט מֶען אַרַיין אָנְהֵייבּ יָאר.

אָנְהֵייבּ יָאר אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נִישְׁטָא קַיין סִידוּר, נִישְׁטָא קַיין חוּמָשׁ, נִישְׁטָא קַיין גְמָרָא, עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין זַאךְ 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵּד, הָאבּ אִיךְ מִיט דֶעם אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס יָאר[כז], אַוַודַאי הָאט מֶען אַבִּיסְל גֶעלֶערְנְט, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט וִויפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַרַיינְשְׁטִיפְּן, אָבֶּער אִין מַיין קָאפּ הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, צְווֵיי וָואכְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אִין דִי קִינְדֶערְ'ס אוֹיגְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען 'דֶער שְׁלֶעכְטֶער רֶבִּי'... אִיךְ קֶען נִישְׁט נִיצְן דֶעם אוֹיסְדְרוּק "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט", וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס זֵייעֶר גוּט פַאר זֵיי! קִינְדֶער דַארְפְן וויסְן אַז 'אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא, מֶען מוּז פָּאלְגְן אַ רֶבִּי!' אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן שָׁעוֹת אוֹיף דֶעם.

---

**כז.** הַיינְט אִין יְשִׁיבָה דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אָנְהֵייבְּן דָאס יָאר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל דִי בָּחוּרִים פוּן פַארְיָאר זֶענֶען נָאךְ דָא, אוּן אַז עֶס קוּמְט אַרַיין אַ נֵייעֶר בָּחוּר שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אוֹטָאמַאטִישׁ צוּ צוּם דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל דֶער טוֹן אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

אָבֶּער בַּיי אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אֲפִילוּ אֵיין יָאר הָאט עֶר גוּט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, דַארְף עֶר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי, וַוייל עֶס קוּמֶען אַרַיין פְּרִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס זֵיי קֶענֶען מִיךְ נִישְׁט און אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט.

איך האָב אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּארְלֶערְנֶען און איך האָב גֶעזֶען ווי אֵיינֶער מַאכְט אַ פַּאקְס אָדֶער אַ גְרוֹדֶעה, אַזוֹי ווִי קִינְדֶער טוּעֶן אָנְצוּצִיעֶן דֶעם רֶבִּינ'ס נֶערְוְון, מֶען וויל זֶען וואו קֶען מֶען אִים אוֹיפְרֶעגְן, בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶערֶעגְט אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, בִּיז דִי קִינְדֶער הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט לַאכְט מֶען מִיט דֶער רֶבִּי, יֶעצְט טַאנְצְט מֶען מִיט דֶער רֶבִּי און יֶעצְט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף עֶפֶּענֶען דִי גְמָרָא, און יֶעדֶער גֵייט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטִיל, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

איך רֶעד נִישְׁט יֶעצְט פוּן דִי מְלַמְדִים פוּן דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער; פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפּ זֶעצְן אוֹיף צוּ אַ לַאנְגֶע צַייט און פַארְלַאנְגֶען זֵיי זָאלְן זִיצְן שְׁטִיל, אָבֶער דָאס בִּיסְל צַייט, דִי צְוָואנְצִיג מִינוּט וָואס מֶען זֶעצְט זֵיי יָא אַרָאפּ, מוּזְן דִי קִינְדֶער זִיצְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ; מֶען מוּז דַאוֶוענֶען, מֶען מוּז פָּאלְגְן, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען שְׁפִּילְן און טַאנְצְן.

וֶוען דֶער מְלַמֵד אָדֶער דִי לֶערֶערִין עֶפֶּנְט אוֹיף דִי טִיר, מוּזְן זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער אַוֶועק זֶעצְן אוֹיף זֵייעֶרֶע פְּלֶעצֶער!

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לֶערְנֶען ווִילַאנְג דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, קוֹדֶם מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵיינְמָאל אַלֶע קִינְדֶער וֵוייסְן שׁוֹין אַז מֶען דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, קֶען מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען.

בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אַ קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט און עֶר צֶעשְׁרֵייט זִיךְ, עֶס מַאכְט זִיךְ אַלֶץ אַזֶעלְכֶע זַאכְן, בַּיי דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה מַאכְט זִיךְ עֶס אוֹיךְ, דַארְף מֶען פְּרִישׁ מְחַזֵק זַיין דִי זַאךְ פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. עֶטְץ קֶענְטְס הֶערְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ גֶעבּ אִין יְשִׁיבָה ווִי אִיךְ מוּז זִיךְ אַמָאל אָפְּשְׁטֶעלְן און זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר!"**

וֶוען אִיךְ כַאפּ זִיךְ אִינְמִיטְן יָאר אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוארְט אִיךְ אַז אֵיינֶער זָאל זִיךְ גֶעבְּן אַ רִיק אָדֶער אַבִּיסְל רֶעדְן אִינְמִיטְן אַ שִׁיעוּר, כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר!"** און אוֹיבּ אִיךְ טְרֶעף נִישְׁט קַיין גֶעלֶעגְנְהֵייט דָאס צוּ זָאגְן וַוייל אַלֶע זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, זָאג

אִיךְ עֶס אֲפִילוּ וֶוען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט, אִיךְ מַאךְ זִיךְ כְּאִילוּ אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אֵיינֶעם יֶעצְט רֶעדְן אוּן אִיךְ זָאג: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר! עֶס מוּז זַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ!"** [כח]

ווַייל דָאס אִיז אַ לִימוּד וָואס מֶען מוּז חַזֶר'ן פוּן צַייט צוּ צַייט.

## שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים

אִיךְ וִויל אוֹיךְ רֶעדְן פוּן 'שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים'.

דָא אִין שְׁטֶעטְל קוּמֶען דִי לֶערֶערִינְס אִין שׁוּלֶע מִיט אַ בָּאס אִיז זֵיי גְרִינְגֶער צוּ זַיין אִין צַייט, אָבֶּער דִי מְלַמְּדִים וָואס קוּמֶען מִיט קַארְ'ס אִיז אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ טְרַאכְט אֶפְשָׁר זָאל מֶען מַאכְן אַ בָּאס פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן מֶען וֶועט מוּזְן קוּמֶען מִיט דִי בָּאס, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע אָנְקוּמֶען פְּרִי ווַייל אַז מֶען קוּמְט פְּרִי אִיז דִי גַאנְצֶע טָאג גָאר אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ טְרַאכְט, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין שְׁטֶעטְל, וָואלְט אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט זִיבְּן אַזֵייגֶער, אַכְט אַזֵייגֶער וָואלְט אִיךְ גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר, אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, נָאכְדֶעם וָואלְט אִיךְ עֶפֶּעס גֶעגֶעסְן, אוּן צֶען מִינוּט פַאר דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ מַיין כִּתָּה זֶען צִי מֶען דַארְף נָאךְ עֶפֶּעס טוּן אֵיידֶער דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן, ווִי עֶס אוֹיפְרוּמֶען אוּן מְסַדֵר זַיין דִי כִּתָּה וְכַדוֹמֶה.

אִין דִי מוֹסָד וואוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵד, אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִינֶעם בִּנְיָן פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַנְטְרִינְקֶען אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶערוּמְט דִי

---

**כח.** דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ טוּ דָאס אִיז, אִיךְ מַאךְ זִיךְ כְּאִילוּ אִיךְ זֶע אֵיינֶעם רֶעדְן בַּיים אוּנְטֶערְשְׁטְן שׁוּרָה, קֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס קוּקְן צִי אֵיינֶער רֶעדְט טַאקֶע, אַזוֹי קֶען אִיךְ נָאכְאַמָאל פַארְהַאלְטְן אוֹיף דֶעם אַז מֶען דַארְף זַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ, ווַייל דָאס דַארְף מֶען כְּסֵדֶר חַזֶר'ן.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס אִיךְ זָאג עֶס נִישְׁט נָאכְצוּמַאכְן, אִיךְ בְּרֶענְג בְּלוֹיז אַרוֹיס דֶעם גֶעדַאנְק פוּן אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

כִּיתּוֹת[כט], וְוען דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּפְרִי אוּן גֶעזֶען אַז זֵייעֶר כִּתָּה אִיז נִישְׁט רֵיין, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין כִּתָּה, אוֹיסֶער אֵיין כִּתָּה הָאט יָא גֶעלֶערְנְט, כִּתָּה ט׳, מַיין כִּתָּה, פַארְוָואס? וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואוּרְט אַז דֶער גוֹי זָאל קוּמֶען אוֹיפְרוּימֶען מַיין כִּתָּה, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פְרִי, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין מַיין כִּתָּה אַ בֶּעזֶעם מִיט אַ שָׁאוּול אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אַלֵיינְס אוֹיפְגֶערוּימְט, מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי טִישְׁן, אוּן אָפְּגֶעוַואשְׁן דִי קִינְדֶער.

## אַ בְּרָכָה בַּיי דִ-י אֵייגֶענֶע קִינְדֶער

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן בַּיי זִיךְ אִין סְפָרִים שְׁטוּבּ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אַ תַּלְמִיד אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן גֶעזֶען ווִי זַיין רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר - וֵויינְט, פְרֶעגְט אִים דֶער תַּלְמִיד: "פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד: "אִיךְ בִּין אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט דִי יְשִׁיבָה אַז אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ פַארְהֶערְן מַיין זוּן".

הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ מֶעג עֶפֶּעס זָאגְן פַאר דֶער רֶבִּי?" עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר: "יָא, זָאג!" הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעזָאגְט: עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, כו): "**כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה, וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה**", דֶער צַדִּיק בָּארְגְט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר אַנְדֶערֶע אוּן זַיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט, לִכְאוֹרָה, אִיז דֶען דֶער צַדִּיק אַזַא גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אַז עֶר הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען בָּארְגְן אַ גַאנְצְן טָאג פַאר מֶענְטְשְׁן?! דֶער צַדִּיק אִיז טַאקֶע אַ שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט, אָבֶּער ווִי אַזוֹי קֶען עֶר בָּארְגְן פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן? אוּן וָואס אִיז דֶער הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם סוֹף פָּסוּק: "וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה"?

הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעזָאגְט אַזַא פְּשַׁט: אַ צַדִּיק נֶעמְט זַיין צַייט וָואס עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט נִיצְן פַאר זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, פַאר זַיין

---

**כט.** אִיךְ פְלֶעג אִים אַלְץ שֵׁיין גְרִיסְן, אֵיין טָאג הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט וַואקְסְן אַ קְלֵיינֶע בָּארְד, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל אוֹיסְקוּקְן ווִי דֶעם מְלַמֵּד פוּן כִּתָּה ט׳, וַוייל עֶר גְרִיסְט אִים יֶעדְן טָאג שֵׁיין...

וַוייבּ און קִינְדֶער און זִיךְ אָפְּרוּעֶן, און עֶר פַארְבָּארְגְט עֶס פַאר מֶענְטְשְׁן, דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק: "כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה", דֶער צַדִּיק פַארְבָּארְגְט 'זַיין צַייט' פַאר מֶענְטְשְׁן, גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ בְּרָכָה "וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה", אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם וָוארְט; פוּן וואו הָאט מֶען גֶעווּאוּסְט אַז עֶר הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט? וַוייל עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעזָאגְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

זַייטְס פְּרֵיילִיךְ מִיט עֶנְקֶער אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צָאלְט צוּרִיק פַאר דִי וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף זֵייעֶר וואוֹיל און עֶרְלִיךְ.

בִּפְרַט אַז מִיר אַרְבֶּעטְן פַארְן רֶבִּי'ן, דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס מַאכְט אוּנְז לִיכְטִיג, אַזוֹי וִוי מֶען זִינְגְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קיב, ד): "**זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים**" - דֶער צַדִּיק שַׁיינְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַ לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי פִּינְסְטֶערְנִישׁ; עֶר מַאכְט אוּנְז לִיכְטִיג דִי אוֹיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק גֶעבְּן כֹּחַ און סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, עֶטְץ זָאלְטְס אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, און הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

אַ פְּרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה, אָמֵן.

## פֶּרֶק ו'

# קִינְדֶערִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי,
שְׁנַת תשפ"ג לִפְּרָט קָטָן
אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א



זכות הפרק נתנדב ע"י

מו"ה
**זאב סרולאוויטש**
הי"ו

# קִינְדֶערִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת

## וָואס וֶועט מֶען גֶעדֶענְקֶען אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס. מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זִי הָאט אַמָאל גֶעזֶען הֶענְגֶען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע צֶעטְל אִין אַ אָפִּיס פוּן אַ שׁוּלֶע, עֶס אִיז אִיר זֵייעֶר אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן זִי בֶּעט מִיר כְּסֵדֶר אִיךְ זָאל עֶס אִיבֶּערְזָאגְן פַּאר דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, וֶועל אִיךְ עֶנְק עֶס אִיבֶּער זָאגְן.

דֶער צֶעטְל אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אִין עֶנְגְלִישׁ, אִיךְ וֶועל עֶס אִיבֶּער טַייטְשְׁן אִין אִידִישׁ.

"אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִשְׁט וִויסְן מִיט וָואס פַּאר אַ קְלֵייד דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן.

אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִשְׁט וִויסְן וָואס פַּאר אַ קַאר דוּ הָאסְט גֶעדְרֵייוְוט.

אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִשְׁט וִויסְן וָואס פַּאר אַ הוֹיז דוּ הָאסְט גֶעהַאט.

אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִשְׁט וִויסְן מִיט וָואס פַּאר אַ שְׁטִיוְול דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן.

אֵיין זַאךְ וֶועט מֶען יָא גֶעדֶענְקֶען אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם; וָואס דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט פַּאר אַ אִידִישׁ קִינְדְ'ס לֶעבְּן, וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעגֶעבְּן פַּאר אַ קִינְדְ'ס לֶעבְּן!"

דִי וֶוערְטֶער הָאט מִיר אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאנוּמֶען, וַוייל אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען ווִי רִיכְטִיג דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען, וֶוער

גֶעדֶענְקְט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק? וֶוער גֶעדֶענְקְט דִי הַייזֶער פוּן הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק? - מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, מֶען גֶעדֶענְקְט אֲפִילוּ נִישְׁט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אֱוֶועק פַּאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק. וָואס גֶעדֶענְקְט מֶען יָא? - מֶען גֶעדֶענְקְט מְלַמְדִים, לֶערֶערִינְס, מְחַנְכִים אוּן מְחַנְכוֹת וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין זֵיי אַ מוּט, אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין זֵיי אַ גֶעפִיל, זֵיי גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן גוּט; מֶען גֶעדֶענְקְט מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל.

## מַיין רֶבִּי רֶעדְט צוּ מִיר פוּן מַיינֶע זַאכְן

אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה עֶנְק צוּ דֶערְצֵיילְן, אַ טַאטֶע פוּן אַ קִינְד דֶערְצֵיילְט מִיר פְרִיעֶר אַז זַיין קִינְד אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר אוּן דֶערְצֵיילְט אַז לֶעצְטְנְס שְׁמוּעֶסְט עֶר מִיט זַיין מְלַמֵד בַּיי רִיסֶעס אוּן בַּיי לַאנְטְשׁ, זַיין מְלַמֵד פְרֶעגְט אִים אוֹיס פוּן זַיין פִּידְל וָואס זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט, (אִיךְ ווייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶר קֶען אֲפִילוּ שְׁפִּילְן אוֹיף דֶעם פִּידְל, מִן הַסְתָם קֶען עֶר בְּלוֹיז רַייבְּן דֶערוֹיף), אוּן פוּן זַיינֶע טְרַאקְס אוּן קַארֶעלֶעךְ, דֶער קִינְד זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מַיין רֶבִּי, מַיין רֶבִּי רֶעדְט צוּ מִיר פוּן מַיינֶע זַאכְן".

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן אַזַא גוּטֶע גְרִיס אוֹיף אַ מְלַמֵד.

## אוֹיסְהֶערְן דִי קִינְדֶערִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן, דִי מַעֲשֶׂה אִיז פוּן מִיר.

נֶעכְטְן זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר אוּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ גְנֵיבָה אִין מַאנְהֶעטְן, דִי גַנָבִים זֶענֶען אַנְטְלָאפְן מִיט זֵייעֶר קַאר, דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעפְלוֹיגְן בִּיז ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן דִי גַנָבִים הָאבְּן אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין דִי גַאס נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן קַאר,

און אָנְגֶעהויבְּן צוּ אַנְטְלוֹיפְן מִיט בִּיקְסְן אִין זֵייעֶרע הֶענְט, אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז אַרַיין גֶעלָאפְן אִין אַ הוֹיז קֶעגְן אִיבֶּער דִי יְשִׁיבָה זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, און פּוּנְקְט הָאט אַ פְּרוֹי גֶעעֶפְנְט דִי טִיר און זִי הָאט זִיךְ מוֹרָא'דִיג דֶערְשְׁרָאקְן זֶעעֶנְדִיג פַאר זִיךְ אַ גוֹי מִיט אַ בִּיקְס אִין דִי הַאנְט. מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן מִיר פִּינְקְטְלִיךְ דֶערְצֵיילְט וְויפִיל בִּיקְסְן מֶען הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן און וִויפִיל בִּיקְסְן עֶס פֶעלְט נָאךְ.

דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה הָאט מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט. אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ לִיבּ גֶעהַאט דִי סָארְט מַעֲשִׂיוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט לֶעבְּן פוּן אַ כַאפְּצֶעם, פוּן הַצָּלָה קָאלְס, און בְּלִינְקֶעדִיגֶע לֶעקְטֶערְס, אָבֶּער הַיינְט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר שׁוֹין נִישְׁט דִי זַאכְן.

אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר, אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: "דוּ קֶענְסְט זַיין שְׁטִיל?! עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט קַיין כַאפְּצֶעם, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט קַיין שׁוֹמְרִים מַעֲשִׂיוֹת", וֶועלְן זֵיי עֶס מוּזְן דֶערְצֵיילְן פַאר אֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ, זֵיי וֶועלְן מוּזְן טְרֶעפְן אֵיינֶער וָואס דְרֵיידְט זִיךְ בַּיים דַאווֶענֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶר זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן, נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ וֶועלְן אוֹיסְקוּקְן ווי יֶענֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי פָּאר מִינוּט און זֵיי אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט אִינְטֶערֶעסֶע.

## פוּן אוֹיסְהֶערְן אַ קִינְד פַארְדִינְט מֶען

וֶוען קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים און דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרע זַאכְן, און דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד זֵיי אוֹיסְצוּהֶערְן, אָדֶער אִין חֵדֶר וֶוען אַ קִינְד קוּמְט צוּם מְלַמֵּד דֶערְצֵיילְן אַ נַייעֶס און דֶער מְלַמֵּד הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶר וַוארְט שׁוֹין קוֹים עֶס זָאל וֶוערְן לָאנְטְשׁ, 'אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט מַיין לִימוּד, אִיךְ לוֹיף אַרוֹיס פוּן דָא, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ', - וֶועט דֶער קִינְד זוּכְן אַן אַנְדֶערְער וָואס זָאל אִים אוֹיסְהֶערְן, און וֶוער וַוייסְט וֶועם עֶר וֶועט טְרֶעפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן וֶועם עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם טְרֶעפְן.

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אוֹיסְצוּהֶערְן דִי קִינְדֶער; טַאטֶע, מַאמֶע, דֶער מְלַמֵּד, דִי לֶערֶערִין, דֶער בָּאס מְלַמֵּד און בָּאס לֶערֶערִין - אַלֶע דַארְפְן אוֹיסְהֶערְן אַ קִינְד וָואס וִויל עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן.

וֶוען אַ קִינְד הָאט מִיט ווֶעמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן זַיינֶע זַאכְן, פַארְדִינְט מֶען צְוֵויי ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אֵיינְס, אַסַאךְ מָאל בִּשְׁעַתְ'ן הֶערְן דִי נַייעֶס הֶערְט מֶען עֶפֶּעס אַ נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ, ווָאס מֶען קֶען אִיבֶּער גֶעבְּן פַארְן מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין, אָדֶער פַארְן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, אַז זֵיי זָאלְן רֶעדְן דֶערְפוּן בַּיי דֶעם קוּמֶענְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אִינְמִיטְן אַ דְרָשָׁה, אַז דָאס טוּט מֶען נִישְׁט, אַזוֹי רֶעדְט מֶען נִישְׁט, אוּן דָארְט קוּקְט מֶען נִישְׁט. צְווֵייטְנְס, וֶוען אַ קִינְד זֶעט אַז דוּ הֶערְסְט אִים אוּיס, ווֶעט עֶר דִיךְ אוֹיךְ ווֶעלְן אוּיסְהֶערְן.

## זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן אִין דִי קִינְדֶערִישֶׁע זַאכְן

וֶוען אַ מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען אִים אַנְטְקֶעגְן, זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶערִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת, פוּן אַ קַאה, אָדֶער פוּן אַ נֵייעֶ פַּאקֶעט בּוּק (פֶּערְזֶענְלִיכֶע טַאשְׁקֶע) אוּן אַ נֵייעֶ בֶּערְזְל, דַארְף מֶען אוּיסְהֶערְן גֶעמִיטְלֶעך, אֲפִילוּ בֶּאֱמֶת אִיז מֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם.

וֶוען אִיךְ גֵיי שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, ווִילְן מַיינֶע קִינְדֶער נָאר קוּקְן דִי נֶעמֶען פוּן יֶעדֶע קַאר, זֵיי הָאבְּן אַזַא סָארְט שְׁפִּיל וֶוער עֶס קֶען צוּטְרֶעפְן פוּן דֶערְוַוייטְנְס אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע קַאר ווֶעלְכֶע סָארְט קַאר עֶס אִיז, אִיךְ ווֵייס אֲפִילוּ נִישְׁט ווָאוּ עֶס שְׁטֵייט דֶער נָאמֶען, אִיךְ הָאף אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן... אוּן אִיךְ ווִיל רֶעדְן מִיט זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ ווִיל זֵיי ווַייזְן דִי הִימְל, דִי ווָאלְקֶענֶעס, דִי פֵייגֶלֶעך, דִי בֵּיימֶער.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט טוּן נַארִישֶׁערְהֵייט, ווַייל אִיךְ ווִיל זֵיי נִישְׁט פַארְלִירְן. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט מִיט מַיין טַאטֶע קֵיין שַׁיְיכוּת, אוֹיסֶער אֵיין מָאל אַ ווָאךְ, שַׁבָּת, אוֹיפְ'ן ווֶעג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דֶעמָאלְט הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט תּוֹרוֹת אוֹיפְ'ן ווֶעג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיפְ'ן ווֶעג צוּרִיק, גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם..."

אִיךְ זוּךְ יָא מַיינֶע שְׁמוּעֶסְן זָאלְן זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, רֶעד אִיךְ צוּ זֵיי אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִיךְ ווַייז זֵיי: **"דוּ זֶעסְט דִי פֵייגֶעלֶע? דִי קָאפּ פוּן דִי פֵייגֶעלֶע אִיז אַזוֹי ווִי אַ יוּ"ד, דִי גַאנְצֶע גֶעשְׁטֶעל פוּן דִי פֵייגֶעלֶע אִיז אַזוֹי ווִי אַ וָא"ו, אוּן דִי צְווֵיי**

**פְלִיגְלֶען זֶענֶען אַזוֹי ווִי צְוֵויי מָאל הֵ"א, צוּזַאמֶען אִיז עֶס דֶעם אייבֶערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען הֲוָיָ"ה**", אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, תִּיקוּן מה, דַף פב:).

אָבֶער מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט נֵייגֶערִיג אִין וָואס אִיךְ זָאג, זֵיי זֶענֶען וַוייטֶער פַארְנוּמֶען צוּ קוּקְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי קַארְן, זֵיי רוּפְן זִיךְ אָן צוּ מִיר: "קוּק טַאטִי, דִי קַאר אִיז אַ שֶׁעווִי, דִי קַאר אַ הָאנְדַא פַּיילֶעט, דִי קַאר אַ הָאנְדַא אַדֶעסִי, דִי קַאר אַ לִינְקְלֶען", וָואס זָאל אִיךְ זֵיי יֶעצְט זָאגְן? - אִיךְ זָאג זֵיי: "**טַאקֶע?! בֶּעט דֶעם אייבֶערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט עֶס הָאבְּן!**" אִיךְ ווַייז זֵיי כְּאִילוּ עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר דִי קִינְדֶערִישֶׁע זַאכְן.

בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז דָא אַ שְׁפִּיל אַז מֶען טוּישְׁט זִיךְ נֶעפְּקִינְס (מִיט וָואס מֶען ווִישְׁט זִיךְ אָפּ דִי נָאז) אֵיינֶע מִיט'ן צְוֵוייטְן, מַיין טָאכְטֶער הָאט אוֹיךְ לִיבּ דֶעם שְׁפִּיל, אוּן זִי קוּמְט מִיר ווַייזְן אִירֶע נֶעפְּקִינְס, אִיךְ וָואלְט ווֶען גֶעזָאגְט פַאר מַיין טָאכְטֶער: "נֶעם אַלֶע נֶעפְּקִינְס, לֵייג עֶס אַרַיין אִין גַארְבִּיטְשׁ (מִיסְט קַאסְטְן) אוּן גֵיי אַרַיין אִין בֶּעט!" אָבֶער אוֹיבּ אִיךְ ווֶעל דָאס זָאגְן ווֶעט זִי גֵיין זוּכְן אַ צְוֵוייטְן פַאר ווֶעמֶען עֶס צוּ ווַייזְן, זָאג אִיךְ אִיר: "**לָאמִיר זֶען ווֶעלְכֶע אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע? דָאס הָאסְטוּ דִי מֶערְסְטֶע לִיבּ, טוּישׁ אַיין דִי אַנְדֶערֶע נֶעפְּקִינְס פַאר דִי שֵׁיינֶע נֶעפְּקִין**"... אִיךְ מַאךְ זִיךְ כְּאִילוּ אִיךְ בִּין אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם, אוּן מַיין טָאכְטֶער טְרַאכְט אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם, זִי קֶען קוֹים וַוארְטְן ווֶען טַאטִי קוּמְט שׁוֹין אַהֵיים, ווַייל זִי ווִיל מִיר דֶערְצֵיילְן אִירֶע זַאכְן...

בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ אִיז אוֹיךְ דָא זֵייעֶרֶע זַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי שְׁפִּיל פוּן 'בִּיזְנֶעס קַארְדְס', אוּן זֵייעֶרֶע נֵייעֶס, בַּיי זֵיי אִיז אַ גַאנְצֶע שִׂמְחָה ווֶען מֶען זֶעט אִין אֵיין טָאג דְרֵיי הַצָּלָה קַארְן פְלִיעֶן מִיט לֶעקְטֶערְס אוּן סֵיירִינְס... - אִיךְ הֶער יֶעדְן אוֹיס מִיט אִינְטֶערֶעסֶע, אוּן נָאכְדֶעם ווִילְן זֵיי מִיר שׁוֹין אוֹיךְ אוֹיסְהֶערְן.

## אֵיינֶער אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר

אַ לֶערֶערִין מוּז זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן אוֹיף אִירֶע תַּלְמִידוֹת. אוֹיבּ מֶען זֶעט אַ קִינְד קוּמְט אִין שׁוּלֶע אָנְגֶעטוּן אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט

נָארְמַאל, דַארְף מֶען אִיר פְּרֶעגְן: "אַלֶעס אִיז פַיין?" "אַלֶעס אִיז וואוֹיל?" אוּן אוֹיבּ מֶען בַּאמֶערְקְט אַז אַ קִינְד אִיז פַּארְמַאכְט, הַיינְט רֶעדְט זִי נִישְׁט, דַארְף מֶען אִיר פְּרֶעגְן: "עֶפֶּעס בַּאדֶערְט דִיךְ?" אוֹיבּ זִי עֶנְטְפֶערְט: "נֵיין", דַארְף מֶען אִיר פְּרֶעגְן: "אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ עֶס זָאגְן פַּאר אַ צְוֵוייטְן?" אוֹיבּ זִי עֶנְטְפֶערְט ווִידֶער: "נֵיין!" - קֶען מֶען וַוארְטְן אַ טָאג, אֶפְשָׁר אִיז דָאס נָאר אַ קְלֵיינִיקֵייט וָואס בַּאדֶערְט.

אַ קִינְד דַארְף זֶען אַז אֵיינֶער אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, אֵיינֶער טְרַאכְט פוּן מִיר, אֵיינֶער זָארְגְט פַּאר מִיר, אֵיינֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס.

## זִיךְ זָארְגְן פַּאר אַלֶע קִינְדֶער

אוֹיבּ מֶען זֶעט אַ קִינְד וֵויינֶען אִין דִי הָאלֶוועי [אִין אִידִישׁ הֵייסְט עֶס אַ 'קָארִידָאר] אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, אָדֶער אַ קִינְד שְׁלָאגְט אֵיינֶעם, אַ קִינְד פַּארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'אִיךְ זָארג זִיךְ נָאר פַּאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, זֵיי זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער', נָאר מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן פְּרֶעגְן וָואס גֵייט פָּאר, אוּן פָּארְהַאלְטְן דֶער וָואס שְׁלָאגְט: **"וָואס גֵייט פָּאר? מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן"**, אוּן אַז דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן שְׁרֵייעֶן: "עֶר הָאט מִיר אַזוֹי גֶעטוּן", אוּן "עֶר הָאט מִיר אַהִין גֶעטוּן", דַארְף מֶען זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן, מֶען זָאגְט פַּארְן קִינְד: **"לָאמִיר זֶען וָואס מֶען קֶען דָא טוּן, לָאמִיר גֵיין צוּ דַיין מְלַמֵּד", "לָאמִיר גֵיין צוּ דַיין לֶערֶערִין", "דַארְפְסְט נִישְׁט וֵויינֶען, אִיךְ וֶועל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִיר"**.

## טְרַאכְט: עֶס אִיז 'מַיין' קִינְד

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז אַ לֶערֶערִין לֶערְנְט פָּאר דֶעם לִימוּד, פִּרְקֵי אָבוֹת, רֶעכֶענֶען אוּן שְׁרַייבְּן, עֶס דַארְף אִיר אוֹיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי ווִי זֵיי וָואלְטְן גֶעוֶוען אִירֶע קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): **"כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ"**, אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיין חַבֶר'ס קִינְד וֶוערְט עֶס כְּאִילוּ עֶר הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם קִינְד. סְתָּם אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אָפּ דִי גְמָרָא וִוי מֶען זָאגְט אַ גוּט וָוארְט פַארְן מְלַמֵּד, שְׁפִּיר זִיךְ גוּט, דוּ בִּיסְט זַיין הַאלְבֶּע טַאטֶע, וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מֶען דִיךְ אוֹיךְ רוּפְן צוּ דִי חֲתוּנָה וַוייל דוּ בִּיסְט אַ שְׁטִיקְל שׁוּתָּף אִינֶעם חָתָן...

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: דָאס אִיז אַ הִתְחַיְּבוּת; מֶען זָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: "גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף יֶענֶעמְס קִינְד אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט וֶוען אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דַיין קִינְד; וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִיט אַ תַּלְמִיד טְרַאכְט: 'כְּאִילוּ יְלָדוֹ' עֶס אִיז מַיין קִינְד".

טְרַאכְט אַרַיין: וֶוען 'דַיין' קִינְד וָואלְט גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט אִין שׁוּלֶע, וֶוען 'דַיין' קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעגֶעסְן הַיינְט אִינְדֶערְהֵיים, וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דִי תַּקָּנוֹת פוּן שׁוּלֶע, אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן מֶען דַארְף עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט דַארְף מֶען קַנְסְ'עֶנֶען, דוּ וָואלְסְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי הָאט נֶעכְטְן גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה, אָדֶער עֶפֶּעס הָאט נֶעכְטְן פַּאסִירְט אִינְדֶערְהֵיים אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלָאפְן אוּן זִי אִיז עֶרְשְׁט אַיינְגֶעשְׁלָאפְן פִינְף אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס; דוּ וָואלְסְט אִיר פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי אִיז גֶעלָאפְן אִין שׁוּלֶע דִי לֶעצְטֶע מִינוּט מִיט אֵיין אָטֶעם, אוּן זִי הָאט פַארְגֶעסְן צוּ עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, דוּ וָואלְסְט אִיר גֶעזָאגְט: **"קֶענְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן קְלַאס, שְׁמִיר אָן אַ בְּרוֹיט, עֶס אוֹיף, נָאכְדֶעם קוּם צוּרִיק אַרַיין"**, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען טוּן מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת, זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְלָאזְן דָאס קִינְד פוּן קְלַאס פַאר צֶען מִינוּט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג? - אֵיין זַאךְ, זִי וֶועט זֶען אַז זִי הָאט אַ לֶערֶערִין וָואס זָארְגְט פַאר אִיר וִוי אַן אֵייגְן קִינְד!

## מַאכְטְס נִישְׁט פוּן דִי קִינְדֶער קַיין קֶעסֶעס

אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶען זָאל מַאכְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אַז אַ קִינְד וָואס קֶען נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דִי לִימוּדִים, זָאל גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי.

אַז דִי מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס קֶענֶען גֶעבְּן דִי הִילְף, זָאלְן זֵיי הֶעלְפְן, אַז נִישְׁט - צֶעבְּרֶעךְ זֵיי נִישְׁט.

אַ פְרוֹי וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטֶעטְל הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו: אֵיין חִסָרוֹן הָאט דָאס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, אַז מֶען כַאפְּט נִישְׁט דִי מַעֲלוֹת וָואס מֶען הָאט... זִי דֶערְצֵיילְט, וֶוען זִי הָאט גֶעווְאוֹינְט אִין שְׁטָאט פְלֶעגְט זִי וַוארְטְן אוֹיף דִי בָּאס צוּזַאמֶען מִיט אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן, פְלֶעגְט זִי הֶערְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, וָואס דִי סְקוּל'ס פַארְלַאנְגֶען, און אַז יֶעדֶע צְוֵוייטֶע קִינְד דַארְף מֶען נֶעמֶען צוּ טֶערֶעפִּי גֶעבְּן הִילְף, זִי פְלֶעגְט שְׁטֵיין אִין דִי זַייט און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קֵיין קֶעיסֶעס, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶאמַאטִישֶׁע קִינְדֶער", אָבֶּער הַיינְט וואוֹינֶענְדִיג אִין שְׁטֶעטְל פַארְגֶעסְט זִי שׁוֹין אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען....

## עֶס מוּז זַיין זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ

אוֹיף אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ.

עֶס מוּז זַיין זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה.

אַלְס מְלַמֵד פְלֶעג אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁטֵיין אוֹיף דֶער זַאךְ פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. אִיךְ פְלֶעג נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה בִּיז אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶרֶע פְלֶעצֶער, אִיךְ פְלֶעג שְׁטֵיין בַּיים טִיר אוּן גֶעקוּקְט, אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז רוֹב כִּתָּה אִיז שׁוֹין בַּיי זֵייעֶר פְּלַאץ, הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער וָואס זִיצְן נִישְׁט, און אוֹיבּ רוֹב כִּתָּה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן פְּלַאץ הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער וָואס זִיצְן יָא, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"זֵייעֶר שֵׁיין אַז דוּ זִיצְט, אַ מְחַיֶה דוּ הָאסְט דֶרֶךְ אֶרֶץ"**.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: **"יֶעצְט גֵיי אִיךְ צוּרִיק אַרוֹיס פוּן כִּתָּה, און אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן וֶוען אַ רֶבִּי קוּמְט אַרַיין, נָאר אַזוֹי גֵייט עֶטְץ אוֹיסְהֶערְן וָואס אִיךְ זָאג"**, אִיךְ בִּין צוּרִיק אַרוֹיס פוּן

כּתָּה, ווען איך בּין צוריק אַריין געקומען האָבּן זיך אַלע קינדער אויפגעשטעלט.

איך זאָג נישט מען זאָל מיר נאָכמאַכן פּינקטליך יעדע ריה, נאָר איך וואַרף רמזים, איך דערציייל ענק וואס איך האָב געטון און יעדער זאָל טון אויף זיין וועג.

## ווען מעג מען שלאָגן די קינדער בּיים לייגן שלאָפן?

די וואך האָב איך געהאַט אַ משפּחה חתונה, שטעלט מיך אָפּ איינער פון מיין משפּחה און פרעגט מיר: איך הער אַז דו געבּסט שיעורים אין חינוך, זאָג מיר אַ טריק פון מוהרא"ש, ווי אַזוי מען קען לייגן שלאָפן די קינדער, ווען שלאָגט מען יאָ און ווען נישט?

זאָג איך אים: איך שלאָג נישט מיינע קינדער! איך געב אַמאָל אַ פּאַטש, ווען דער מלמד זאָגט מיר אַז אין חדר איז מיין קינד נישט דרך ארץ'דיג. בּאמת וואָלט איך ווען געדאַרפט רעדן צום מלמד, ווייל אַז 'אַלע קינדער' זענען נישט דרך ארץ'דיג, איז עס זיכער תּלוי אינעם מלמד, פון דעסט וועגן איז דאס נאָכנישט קיין תּירוץ פאַר מיין קינד זיך אויפצופירן נישט דרך ארץ'דיג, מוז איך אים געבּן אַ פּעטשעלע, אָבער נישט דאס איז דער מיטל בּיים לייגן שלאָפן קינדער.

## ווי אַזוי קען מען לייגן שלאָפן די קינדער אָן טיילן פּעטש?

פרעגט ער מיר: אויב אַזוי ווי אַזוי קען מען לייגן שלאָפן די קינדער אָן טיילן פּעטש?

זאָג איך אים: דער רבּי האָט געזאָגט: "אַ קינד קושט מען נישט און אַ קינד שלאָגט מען נישט".

מֶען רֶעדְט דָא נִישְׁט פוּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְּט פַּאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט דָא פוּן גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער[ל]. אַ נֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְד דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר מוּז מֶען קוּשְׁן אוּן מֶען מוּז עֶס הַאלְזְן, אַז מֶען טוּט דָאס נִישְׁט, קֶען נִישְׁט דֶער קִינְד אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס קִינְד קֶען בִּכְלַל לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דָאס גֵייט צוּזַאמֶען, אַז מֶען קוּשְׁט - דַארְף מֶען נָאכְדֶעם שְׁלָאגְן. דָאס מֵיינְט, אַז דֶער מְלַמֵד, דִי לֶערֶערִין, אָדֶער טַאטֶע מַאמֶע וֶוערְן חֲבֵרִים מִיטְ'ן קִינְד, מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד אוּן מֶען צֶערְטְלְט אִים, מֶען קוּשְׁט אִים אוּן מֶען הַאלְדְזְט אִים, אִיז פַארְוָואס זָאל עֶר דִיר נָאכְדֶעם וֶועלְן פָאלְגְן?! מֶען אִיז צוּ הֵיימִישׁ צוּם קִינְד.

דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס פְּרוּוְן רוּפְן אַהֵיים דִי מֶענֶער זֵיי זָאלְן קוּמֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, אוּן קִינְדֶער פָאלְגְן שְׁנֶעלֶער דֶער טַאטֶע וִוי דִי מַאמֶע, ווייל גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז עֶס אַזוֹי, דִי מַאמֶע שְׁפִּילְט זִיךְ מִיטְ'ן קִינְד אוּן דֶער טַאטֶע אִיז ווייט פוּנֶעם קִינְד, דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָאלְגְן, פָאלְגְט מֶען עֶנְדֶערְשׁ דֶער טַאטֶע. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז פַאר קִינְדֶער ווִיכְטִיג בֵּיידֶע כֹּחוֹת, זֵיי דַארְפְן סַיי 'דֶער טַאטֶע' מִיט זַיין שְׁטְרֶענְגְקֵייט, אוּן סַיי 'דִי מַאמֶע' מִיט אִיר לִיבְּלִיכְקֵייט.

אוֹיבּ דֶער וָואס לֵייגְט שְׁלָאפְן אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין חַבֵר מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף עֶר בְּלוֹיז זָאגְן: **"אַרַיין אִין בֶּעט"**, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן פָאלְגְן אָן מֶען זָאל זֵיי דַארְפְן שְׁלָאגְן.

דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ פַארְלַאנְגֶען אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, ווייל אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער פָאלְגְן וָואס מֶען הֵייסְט.

אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

---

**ל.** פְּרֶעג מִיךְ נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ בִּיז וִויפִיל טֶעג מֶען מֶעג קוּשְׁן אַ קִינְד, דָאס וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מוּזְן אוֹיסְרֶעכְעֶנֶען... אָבֶּער אַן עֶלְטֶער קִינְד 'קוּשְׁט' מֶען נִישְׁט אוּן מֶען 'שְׁלָאגְט' נִישְׁט.

## כְּסֵדֶר רֶעדְן
## פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ

דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט אֵיין מָאל דֶערְפוּן בַּיי אַ דְרָשָׁה אוּן שׁוֹין... מֶען דַארְף פַּארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען אַיינְשְׁטֶעלְן אַ כִּתָּה וְוי אַ מַאשִׁין אוּן טְרַאכְטְן: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט אֵיין מָאל צְוֵויי מָאל אַז מֶען דַארְף הָאבְּן "דֶרֶךְ אֶרֶץ", אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם', עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מֶען דַארְף כְּסֵדֶר רֶעדְן פוּן דֶעם, אוֹיבּ מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, פַאלְט עֶס צוּרִיק, מֶען דַארְף דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן.

דָאס אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶערֶעדְט אִיז לְגַבֵּי אַוֶועק שְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִין כִּתָּה, אָבֶער אוֹיבּ אַ קִינְד פַאלְט אַרוֹיס פוּן דִי לִימוּדִים - אִיז גָארְנִישְׁט. מַאכְטְס נִישְׁט דֶעם קִינְד פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם קִינְד, טְרָאגְט נִישְׁט דֶעם קִינְד צוּ הִילְף, פְּרוּבִּירְט צוּ הֶעלְפְן דֶעם קִינְד וִויפִיל מֶען קֶען.

## רֶעדְן פוּן קְדוּשָׁה
## פוּן צַייט צוּ צַייט

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ מִיט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז דֶער מְלַמֵד הָאט אֵיין מָאל גֶעהַאלְטְן אַ שַׁארְפֶע דְרָשָׁה אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוּן לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן דֶעם כְּסֵדֶר פוּן צַייט צוּ צַייט. אוֹיבּ מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, וֶועט מֶען בַּאלְד הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה אַז אַ קִינְד הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אַ צְוֵוייטְן אוּנְטְן פוּן דִי בָּאס אוּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט נִישְׁט אֵיידְל.

לֶעצְטְנְס אִיז אַ טַאטֶע גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ מִיר אוּן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס טוּט מֶען דָא? אִיךְ בִּין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז מַיין זוּן בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט אַ חָבֵר אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "דוּ הָאסְט שׁוֹין בִּכְלַל אַמָאל גֶערֶעדְט צוּ דַיין זוּן דֶערְפוּן? - אֲפִילוּ אוֹיבּ יָא, דַארְפְסְטוּ עֶס אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל!"

מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג פוּן דֶעם, אָבֶּער פוּן צַייט צוּ צַייט, וֶוען מֶען טוּט אָן אַ קִינְד אוּן וֶוען מֶען בָּאדְט אִים, דַארְף מֶען עֶס זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

## אַ מְלַמֵּד מִיט אַזַא הַארְץ פַאר אַ קִינְד

אִיךְ מוּז יֶעצְט מְקַצֵּר זַיין וַוייל אִיךְ מוּז אַרָאפּ גֵיין צוּ דִי קִינְדֶער, אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ זֵיי, זָאלְט עֶטְץ גֶעדֶענְקֶען דֶעם וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין מַאמֶע תְּחִי'.

"אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן מִיט וָואס פַאר אַ קְלֵייד דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן.

אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן וָואס פַאר אַ קַאר דוּ הָאסְט גֶעדְרֵייוְוט.

אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן וָואס פַאר אַ הוֹיז דוּ הָאסְט גֶעהַאט.

אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן מִיט וָואס פַאר אַ שְׁטִיְוּול דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן.

אֵיין זַאךְ וֶועט מֶען יָא גֶעדֶענְקֶען אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם; וָואס דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט פַאר אַ אִידִישׁ קִינְדְ'ס לֶעבְּן, וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעגֶעבְּן פַאר אַ קִינְדְ'ס לֶעבְּן!"

אַ טַאטֶע הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אָפְּנֶעמֶען זַיין בֶּעבִּי פוּן דִי בֶּעבִּי סִיטִינְג, דִי בֶּעבִּי סִיטִינְג אִיז אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאק פוּן דִי קִינְדֶערְגַארְטְן, אִיז עֶר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי בֵּית הַכִּסֵּא, הֶערְט עֶר אַרוֹיס וִוי אַ מְלַמֵּד גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט אַיינְגֶעמַאכְט, דֶער טַאטֶע זָאגְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ", קוֹדֶם הָאט דֶער מְלַמֵּד זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן עֶס נִישְׁט צוּזֶען, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן אוֹיסְלַאכְן דֶעם קִינְד, וַוייל דָאס קֶען חַס וְשָׁלוֹם אִיבֶּער לָאזְן אַ פְלֶעק אִינֶעם קִינְד אוֹיפְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן דֶער מְלַמֵּד פָּארֶעט זִיךְ מִיטְ'ן קִינְד אַזוֹי הַארְצִיג, עֶר זִינְגְט צוּם קִינְד: **"דוּ בִּיסְט אַזַא וואוּילֶער אִינְגֶל, עֶס קֶען גֶעשֶׁען בַּיי יֶעדְן, עֶס גֵייט נִישְׁט גֶעשֶׁען נָאכְאַמָאל".**

דָאס אִיז אַזַא לִיכְטִיגֶע מַעֲשֶׂה, הַלְוַאי וְהַלְוַאי זָאלְן אַלֶע מוֹסְדוֹת הָאבְּן אַזֶעלְכֶע גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְדִים, אַ מְלַמֵד זָאל הָאבְּן אַזַא הַארְץ פַאר אַ קִינְד! קוּים וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער וֶוען עֶס גֶעשֶׁעט אַזַא פַּאסִירוּנְג, אַן אַנְדֶערֶער וָואלְט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ דֶעם קִינְד אוּן גֶעזָאגְט: "גֵיי פוּן דָא, גֶעב זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה!" אוּן דָא פַארְשְׁטֵייט דֶער מְלַמֵד אַז עֶר אִיז דָאךְ אַ קִינְד אוּן דָאס קֶען גֶעשֶׁען בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט מִיר זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת דֶרֶךְ חֵלֶק ב', סִימָן א): **"עַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים"**, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"גּוֹרְמִין, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שְׁלוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה"**, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מְלַמְדִים.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס נָאךְ זָאל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, כְּדֵי אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מְלַמְדִים?"** אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן, אִיךְ וִויל צוּ הָאבְּן בֶּעסֶערֶע מְלַמְדִים, אִיךְ וִויל עֶנְק נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן, אָבֶּער אִיךְ וִויל אַז יֶעדֶער מְלַמֵד זָאל טְרַאכְטְן נָאךְ אֵיין מִינוּט: 'וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן פַאר דִי קִינְדֶער?'

## הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי אַרְבֶּעט

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אִיךְ וִויל מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן הֲנָאָה פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט.

עֶס אִיז דָא טֶעג וָואס מֶען הָאט הֲנָאָה פוּן דִי אַרְבֶּעט, נָאכְדֶעם אִיז דָא טֶעג וָואס מֶען זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יוֹצֵא גֶעוֶוען, אִיךְ פָאר אַוֶועק אוֹיף וַואקַאצְיֶע", אוּן עֶס אִיז מִיט רֶעכְט, וַוייל אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אִיז אַ בִּיטֶער שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַ גֶעפִּיל אִין דֶעם, אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ, דֶעמָאלְט אִיז עֶס גְרִינְגֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער רֶבִּי פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף וַואקַאצְיֶע, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעכַאפְּט, נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף עֶס נָאכְמַאכְן, נָאר אִיךְ זֶע פוּן דֶעם אַז עֶר הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן זַיין אַרְבֶּעט, וַוייל

פון אַן אַרְבֶּעט וָואס מֶען הָאט נִישְׁט הֲנָאָה מוז זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּרוּעֶן.

איך בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל דִי בֶּעסְטֶע מְלַמְּדִים און דִי בֶּעסְטֶע לֶערֶערִינְס, וָואס הָאבְּן הֲנָאָה פון זֵייעֶר אַרְבֶּעט; זֵיי זָאלְן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צו דִי תּוֹרָה**".

## אַרַיינְלֵייגְן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה

איך ווִיל יֶעצְט רֶעדְן אַ זַאךְ וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַּאר לֶערֶערִינְס, איך הָאף אַז דִי לֶערֶערִינְס וֶועלְן הֶערְן וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן פון טִיפֶּענִישׁ פון הַארְץ:** רַאטֶעוֶועט!!

איך הָאבּ גָארְנִישְׁט פון בּוֹיעֶן אַ שְׁטֶעטְל, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל הָאבְּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס ווִילְן נָאכְמַאכְן דִי גוֹיִם, פְּרוּיעֶן וָואס ווִילְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, פְּרוּיעֶן וָואס שְׁמִירְן זִיךְ דִי נֶעגְל, און דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט גֵייט צוּ מִיט אַ פְּרֶעשׁוּר (לַחַץ), "מֶען טָאר נִישְׁט דָאס" און "מֶען טָאר נִישְׁט יֶענְץ", לוֹינְט זִיךְ דֶען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ קְהִלָּה אוֹיבּ קוּמֶען אַרוֹיס אַזֶעלְכֶע מִשְׁפָּחוֹת?!

איך בֶּעט אֵייךְ, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, דִי קִינְדֶער זָאלְן 'וֶועלְן' גֵיין אוֹיף דִי גוּטֶע עֶרְלִיכֶע וֶועג[לא].

---

**לא.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בֶּעט זִיךְ בַּיי דִי לֶערֶערִינְס מֶען זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אֵייבְּדִלְקֵייט:

**אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ טַעַם אִין אֵייבְּדִלְקֵייט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

איך הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער אֵייךְ צוּ דַאנְקֶען פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן אִין בֵּית פֵּיגָא ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

# דו דַארְפְסְט לֵייזְ?!

אִיךְ בַּאקוּם אַזוֹיפִיל בְּרִיוְון פוּן פְרוֹיעֶן וֶועגְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען בְּרִיוְון וֶועגְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְפִילְן דִי גַאנְצֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" מִיט בְּרִיוְון וֶועגְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, דֶערְפַאר עֶנְטְפֶער אִיךְ נָאר אֵיין בְּרִיו יֶעדֶע וָואךְ אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא. פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי שְׁוֶוער פַאר פְרוֹיעֶן דָאס צוּ טוּן? - וַוייל מֶען בַּאקוּמְט דָאס נִישְׁט יוּנְגֶערְהֵייט מִיט חִינוּךְ, דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ.

מֶען קֶען נִישְׁט צוּגֵיין צוּ אַ וַוייבְּל נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיר זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל: "דָא הָאסְטוּ אַ שֶׁער מַאשִׁין אוּן שֶׁער זִיךְ אָפּ..." דָאס דַארְף מֶען שׁוֹין הֶערְן פוּן דִי יוּגְנְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַאמֶע וָואס הָאט גֶעוָואלְט אִירֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע טֶעכְטֶער זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, הָאט זִי אֵיין יָאר גֶעקוֹיפְט אַ מַתָּנָה פַאר דִי 'חֲנוּכָּה מְסִיבָּה' שֶׁער מַאשִׁינֶען פַאר אַלֶע טֶעכְטֶער, וָואס מֵיינְט אִיר, וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן? - זֵיי הָאבְּן עֶס אִיבֶּער גֶעלָאזְט בַּיי דִי מְסִיבָּה אוּן זֶענֶען זִיךְ אַהֵיים אָנְדֶעם... זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: דוּ קֶענְסְט זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע שֶׁער מַאשִׁינֶען, וָואס ווִילְסְטוּ פוּן אוּנְז?!

אוֹיב מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוָואוֹרן מְחוּנָךְ צוּ דִי זַאךְ פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, קוּקְט מֶען עֶס אָן אַזוֹי ווִי אֵיינֶער זָאל צוּקוּמֶען דִיר בֶּעטְן אַ טוֹבָה: 'אֶפְשָׁר שֶׁערְסְטוּ זִיךְ אָפּ דַיין נָאז?'...

---

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ אַייךְ, רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ טַעַם אִין אֵיידְלְקֵייט, זֵיי זָאלְן לִיב הָאבְּן צְנִיעוּת.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח שְׁנַת תשפ"ג)

אָבֶּער אַז מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט דֶעם יוּנְגֶערְהֵייט, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי וָואס אַ אִיד אִיז, אוּן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען גֵייט אָפְּגֶעשׁוֹירְן, אוּן מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִי הָאר, מֶען פְרֶעגְט דִי קִינְדֶער: **"וָואס וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן מִיט דִי לֵייז..."** - וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ וֶועלְן אָפְּשֶׁערְן פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע וִוילְן.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר מֶעג זִיךְ אֵיינְדְרֵייעֶן זַיין בָּארְד, וַוייל עֶס נֶעמְט אִים יֶעדְן טָאג אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה עֶס צוּ מְסַדֵר זַיין... הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "מִיר גֵייט נִישְׁט אָן וִוי אַזוֹי דוּ גֵייסְט, פְרֶעג דַיין וַוייבּ צִי זִי אִיז מַסְכִּים, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס וֶוענְדְט זִיךְ אִין עֶנְק", הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז מֶען קֶען דָאס נִיצְן צוּ זָאגְן פַאר דִי תַּלְמִידוֹת: **"שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אַ מַאמֶע גֵייט מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, זִי וֶועט זִיךְ יֶעדְן טָאג מוּטְשֶׁען אַ לַאנְגֶע צַייט עֶס צוּ מְסַדֵר זַיין, הָאר וֶוערְט פַארְקְנִיפְּט אוּן צֶעפְלוֹיגְן, אוּן עֶס קְרִיכְט אוֹיף דֶעם לֵייז..."**

דֶער עִיקָר פוּן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן אִיז צוּ גֵיין אָפְּגֶעשׁוֹירְן.

וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּצוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ, מִיט אַ טִיכְל אָדֶער שֵׁייטְל, דָאס רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ קִינְדֶער.

## אִיךְ הָאבּ 'גֶעזֶען' דֶעם זוֹהַר הַקָדוֹשׁ!

רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער מִיט שֵׂכֶל, זָאגְט זֵיי דִי וֶוערְטֶער: **"אַז מֶען פָּאלְגְט צַדִיקִים הָאט מֶען גוּטֶע דוֹרוֹת!"**

אַ וַוייבְּל פוּן דִי קְהִלָּה וָואס אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין 'בֵּית פֵּיגָא' אַפָּאר יָאר פַאר אִיר חֲתוּנָה, הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַלְץ וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (נָשׂא קכה:)[לב] אִיבֶּער דָאס

**לב.** הוֹסָפָה מֵאֵת הַמּוֹצִיאִים לָאוֹר: מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן הַזּוֹהַר (נָשׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען, 'וְדָא הוּא חַד

גרויסקייט פון זיך אָפּשערן די האָר, אַז מען איז זוכה צו עֶרליכע אידישע דורות, אָבער איך האָב נישט נאָר געהערט דעם זוהַר, איך האָב 'געזען' דעם זוהר הקדוש; מיין מאמע פלעגט זיך אַמאָל שערן איר האָר און מיר האָבן געהאַט אַ הערליכע שטוב, פלוצלינג איז אַריין אַ רוח שטות אין איר קאָפּ, מיין מאמע איז געוואָרן פאַרכאַפּט צו די לינקע וועלט, אַז 'קיינער זאָל מיר נישט זאָגן וואָס צו טון', האָט זי זיך אָנגעהויבן לאָזן וואַקסן די האָר[לג], און די גאַנצע שטוב איז נעבעך צעפאַלן, עס איז נישט געבליבן קיין שריד ופליט פון די גאַנצע שטוב; איך האָב קיינמאָל נישט געקענט צוזאַמשטעלן וואָס האָט פּלוצלינג פאַסירט מיט די שטוב, פאַרוואָס איז עס אינגאַנצן חרוב געגאַנגען, אָבער יעצט אַז איך הער פון דעם זוהר הקדוש פאַרשטיי איך שוין אַלעס, דאָס מיינט דער זוהַר!"

ווען אַ קינד איז שוין עלטער, דאַרף מען שוין וויסן ווי אַזוי צו רעדן צו איר, אָבער פאַר די קינדער וואָס זענען דאָ ביי אונז אין שולע פון די דריי יאָר, איז זייער גרינג דאָס אַריין צו לייגן געשמאַקערהייט.

## ווייזן פאַר די קינדער אַ ביישפּיל אויף זיך

איך פאַרלאַנג פון די לערערינס אַז מען מוז קומען אָנגעטון שיין און איידל, ווייל ווען אַ לערערין געבט אַ דרשה פון גיין

---

מאינון צניעותא דביתה', און דאָס איז פון די יסודות פון אַ אידישע שטוב, אַז מען זאָל נישט זען די האָר פון די פרוי; 'ואתתא דאַפּיקת משערא דרישה לבר' און אַ פרוי וואָס גייט מיט אויפגעדעקטע האָר, 'לאתתקנא ביה' זיך שיין צו מאַכן, 'גרים מסכנותא לביתא' איז זי גורם אַז עס זאָל זיין אָרעמקייט אין שטוב, 'וגרים לבנהא דלא יתחשבון בדרא' און זי איז גורם אַז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, 'וגרים מלה אחרא דשריא בביתא' און זי איז גורם אַז דער סמ"ך מ"ם און די נישט גוטע זאַכן זאָלן זיין אין איר שטוב. זאָגט ווייטער דער זוהר: 'מאן גרים דא?' ווער איז דאָס אַלעס גורם? 'ההוא שערא דאתחזי מרישה לבר' די פרוי וואָס איר האָר זעט זיך אַרויס.

**לג.** אַ מענטש וואָס איז אומזיכער מיט זיך, זוכט מיט וואָס זיך צו פאַרזיכערן, כאַפּט זי זיך אָן אין די האָר, און טראַכט: 'איך האָב מיינע האָר'...

אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת, קוּקְן דִי קִינְדֶער אוֹיף דִי לֶערֶערִין צוּ זֶען וִוי אַזוֹי 'צְנִיעוּת' זֶעט אוֹיס, וְוִיל אִיךְ אַז זֵיי זָאלְן זֶען וִוי 'שֵׁיין' עֶס אִיז דָאס גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת.

מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַ דְרָשָׁה פוּן 'צְנִיעוּת'... אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט אַלֵיינְס אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת, מֶען דַארְף וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ בֵּיישְׁפִּיל אוֹיף זִיךְ.

## שֵׁיין, אֵיידְל, רַייךְ אוּן בַּא'טַעמְ'ט

לֵייגְט אַרַיין מִיט גֶעשְׁמַאק אַז צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אִיז שֵׁיין.

אִיךְ פְּרוּבִּיר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ זָאגְן דֶעם וָוארְט "צְנִיעוּת", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידוֹת וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְט דֶעם וָוארְט אוֹיף נִישְׁט אַ גוּטֶע וֶועג, זֵיי וֶוערְן נֶערְוֶועז וֶוען זֵיי הֶערְן דֶעם וָוארְט, עֶס קוּמְט זֵיי אַרוֹיף אַלְטֶע וֶוייטָאגְן, זֵיי טְרַאכְטְן: 'לָאז אָפּ צְנִיעוּת, אִיךְ בִּין נִישְׁט פוּן דִי צְנִיעוּת'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן...'

דֶערְפַאר נִיץ אִיךְ אַן אַנְדֶערֶע וָוארְט, אִיךְ זָאג: **"גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אֵיידְל, רַייךְ אוּן בַּא'טַעמְ'ט"**[לד].

'צְנִיעוּת' אִין אִידִישׁ רוּפְט מֶען: 'שֵׁיין, אֵיידְל, רַייךְ אוּן בַּא'טַעמְ'ט'.

## רֶעדְן פוּן הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת אוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם

אִיךְ וִויל אוֹיךְ בֶּעטְן דִי לֶערֶערִינְס; רֶעדְט צוּ אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת פוּן הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת. דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט פוּן אַלְס קִינְד, פוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן אוּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַנְדֶערֶע, דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעלִיטְן אִין לֶעבְּן.

---

**לד.** פַאר מֵיינֶע טֶעכְטֶער בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, רוּף אִיךְ עֶס יָא אָן גֶעהֶערִיג 'צְנִיעוּת', אָבֶּער בַּיי דִי דְרָשׁוֹת וָואס אִיךְ רֶעד אוּן אִין דִי בְּרִיוְון וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ, פְּרוּבִּיר אִיךְ נִישְׁט צוּ נִיצְן דֶעם וָוארְט.

מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' פְּלֶעגְט מִיר אַלְץ בִּשְׁעַת זִי הָאט מִיר גֶעפִּיטֶערְט נאכְטְמָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִירֶע חַבֶר'טֶעס פוּן שׁוּלֶע וָואס הָאבְּן דֶערְנִידֶערְט אַנְדֶערֶע, אוּן הַיינְט הָאבְּן זֵיי נֶעבֶּעךְ אַ בִּיטֶער לֶעבְּן אוּן אַ טֵייל פוּן זֵיי זֶענֶען הַיינְט גְרוּשׁוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

זָאגְט פַּאר דִי קִינְדֶער אַז דָאס לֶעבְּן עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט דָאס יָאר, יֶעצְט אִיז נָאר דִי פָּארְשְׁפַּייז, בַּאלְד גֵייט מֶען חַתוּנָה הָאבְּן, אוּן אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ'ס גֶעפִילְן, וֶועט מֶען אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע גֶעפִילְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

## וֶוען דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס - זָאג עֶפֶּעס

גֶעדֶענְקְט וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אָנְהֵייבּ שִׁיעוּר, מֶען זָאל כְּסֵדֶר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער. טְרַאכְטְס נִישְׁט: 'אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פָּארִיגֶע וָואךְ!' - נָאר גֶעבּ נָאכְמָאל גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן נָאכַאמָאל גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִין עֶנְגְלִישׁ אִיז דָא אַ שְׁפְּרִיכְוָוארְט: "**וֶוען דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס - זָאג עֶפֶּעס**", דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט, אַז דוּ זֶעסְט אַ קִינְד - זָאג אִים אַ גוּט וָוארְט.

## וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז?

מֶען קֶען נִישְׁט וִויסְן וָואס מֶען קֶען אַלְץ אוֹיפְטוּן מִיט אֵיין גוּט וָוארְט.

דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם, וֶוען מִיר וֶועלְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט.

קֶען זַיין אַז עֶס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ הֶערְן אַז "מִיר וֶועלְן נִישְׁט דָא בְּלַייבְּן", אִיךְ פְּלֶעג עֶס אוֹיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אָבֶּער דָאס אִיז דֶער פַּאקְט, מֶען וֶועט אֵיין טָאג מוּזְן

אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלט, עֶס וֶועלְן קוּמֶען אַנְדֶערֶע מְנַהֲלִים, אַנְדֶערֶע מְחַנְכִים, אַן אַנְדֶערֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ', - וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז? דִי זְכוּתִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס מִיר הָאבְּן גֶעגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, **"עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת"**, **"מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן"**, **"מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן"**.

# דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן

אַ בָּחוּר אִיז לֶעצְטְנְס צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי עֶר שֶׁעמְט זִיךְ מִיר צוּ קוּקְן אִין פָּנִים, עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ בְּרִיוֶועלֶע, אִיךְ עֶפְן עֶס אוֹיף אוּן אִיךְ לֵיין וִוי עֶר שְׁרַייבְּט אַזוֹי: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבּ מִיר חִיזוּק; אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף נִישְׁט רֵייכֶערְן שַׁבָּת".

אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס?! דוּ דַארְפְסְט חִיזוּק אוֹיף נִישְׁט רֵייכֶערְן אוּם שַׁבָּת? דוּ גֵייסְט דָאךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שְׁמוֹנֶה בְּגָדִים, דוּ קוּקְסְט דָאךְ אוֹיס צוּ זַיין דֶער חָשׁוּבְ'סְטֶער בָּחוּר?!'

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"זָאלְסְט ווִיסְן, דוּ קֶענְסְט פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן הִיטְן שַׁבָּת, טְרַאכְט נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, דוּ קֶענְסְט יָא; דוּ קֶענְסְט הִיטְן שַׁבָּת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ"**, פְרֶעגְט מִיר דֶער בָּחוּר: "וָואס הֵייסְט, בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט?!" זָאג אִיךְ אִים: **"נֵיין! דוּ בִּיסְט זֵייעֶר טֵייעֶר, וַוייל דוּ ווִילְסְט כָּאטְשׁ זַיין גוּט, וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין גוּט, וָואלְסְטוּ נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר בֶּעטְן חִיזוּק!"**

זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער, חַזֶר'ן מִיט זֵיי דִי וֶוערְטֶער: **"דוּ קֶענְסְט יָא! אוּן אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, קֶענְסְטוּ פַארְרֶעכְטְן, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן"**.

וָואס אִיר רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער זָאלְט אִיר אַרַיין לֵייגְן מִיט אַ גֶעשְׁמַאק.

עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס ווִיסְן וָואס עֶנְקֶער חֲשִׁיבוּת אִיז, אוּן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.



## פֶּרֶק ז׳

# יְסוֹדוֹת אִין חִינּוּךְ

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא,
שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ תובב״א

זכות הפרק נתנדב ע״י

מו״ה
**יחזקאל זיגלער**
הי״ו

# יסודות אין חינוך

## התייסדות 'מוסדות היכל הקודש'

געלויבט דעם הייליגן באשעפער אז מיר נעמען זיך דא צוזאם אלע מחנכים פון אונזערע הייליגע מוסדות 'היכל הקודש' אין ארץ ישראל.

ברוך השם אז יעצט האב איך דעם געלעגנהייט צו רעדן ספעציעל צו די איינגעשטעלטע פון די מוסדות אין ארץ ישראל. געוועינליך רעד איך צו די איינגעשטעלטע פון אמעריקע און די ארץ ישראל'דיגע מלמדים און לערערינס הערן אויס די שיעורים אויף 'קול ברסלב', יעצט אז איך רעד דא אין ארץ ישראל, וועלן די מלמדים און לערערינס פון אמעריקע עס דארפן אויסהערן אויף קול ברסלב...

אזוי ווי עס איז די ערשטע שיעור וואס איך געב צו די איינגעשטעלטע פון די מוסדות אין ארץ ישראל וויל איך ענק קודם דערציילן דער השתלשלות ווי אזוי 'מוסדות היכל הקודש' אין אמעריקע האט זיך געעפנט.

די גאנצע זאך פון עפענען 'מוסדות היכל הקודש' האט אויסגעזען ווי א חלום; ווער וואלט זיך פארגעשטעלט יארן צוריק אז איין טאג וועט זיין 'מוסדות היכל הקודש'?!

א וואך פאר פסח שנת תש"ע לפרט קטן, זענען מיר אריין צו מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פרעגן צי מיר זאלן עפענען א חדר, מוהרא"ש האט עס אוועק געמאכט, מוהרא"ש האט אונז געזאגט: "קודם לאמיר זען עס זאל זיין שלום צווישן אלע תלמידים".

מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, וַוייל עֶפֶּענֶען אַ חֶדֶר אוֹיף מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען אָן רְשׁוּת קֶען מֶען דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט. פוּן אֵיין זַייט זָאגְט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ מִיר זָאלְן נָאכְנִישְׁט עֶפֶּענֶען אַ חֵדֶר, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייסְן מִיר וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו) אַז יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּמְט פְּרֶעגְן אַ צַדִּיק אוֹיף אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, קֶען מֶען נִישְׁט יֶענֶעם הֵייסְן טוּן דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ, מֶען מוּז יֶענֶעם זָאגְן נִישְׁט צוּ טוּן, קוּמְט אוֹיס אַז מוֹהֲרָא"שׁ מוּז אוּנְז עֶנְטְפֶערְן "נֵיין", זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, אָבֶער בֶּאֱמֶת זָאלְן מִיר יָא עֶפֶענֶען.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רַב רֶבִּי אַהֲרֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל עֶר הָאט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן דִי קְהִילָה וִויל עֶר זָאל בְּלַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט זֵיי, וָואס עֶר זָאל טוּן? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעקְרֶעכְצְט פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאךְ גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען?!" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם): "אִיךְ דַארְף יֶענֶעם זָאגְן וָואס יֶענֶער וִויל הֶערְן"; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְסִירוּת נֶפֶשׁ זַאכְן - דָארְט קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן טוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוָוארְן חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן דִי חֲבֵרִים צִי מֶען מֶעג עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר אָדֶער נִישְׁט, הָאט אֵיינֶער פוּן דִי חֲבֵרִים גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַ גוּט וָוארְט, אַז מֶען 'פְּרֶעגְט' וָואס צוּ טוּן, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ מֶען זָאל נִישְׁט עֶפֶענֶען, מֶען קֶען אָבֶער 'זָאגְן'; מִיר זָאלְן אַרַיינְגֵיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ 'זָאגְן' אַז מִיר גֵייעֶן עֶפֶענֶען אַ מוֹסָד, וֶועט מֶען זֶען, אוֹיבּ וֶועט מוֹהֲרָא"שׁ נָאכְאַמָאל זָאגְן "נֵיין", מֵיינְט עֶס אַז מֶען זָאל טַאקֶע נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר.

זֶענֶען מִיר חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען פִיר אִינְגֶעלַייט, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "אִסְרוּ חַג פֶּסַח עֶפֶענֶען מִיר אַ חֵדֶר! מִיר ווִילְן וויסְן צִי מִיר טוּעֶן גוּט", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלֶען אוּן אוּנְז זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "אֵיין זַאךְ דַארְפְט עֶטְץ וִויסְן, אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קֶען מֶען נִישְׁט צוּרִיק גֵיין!" - אוּן דָאס אִיז

מַיין שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אַז מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי מוֹסָד דַארְף מֶען דָאס אָנְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת עֶס זָאל וַוייטֶער מַצְלִיחַ זַיין.

מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, אַז אַלְס בָּחוּר וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן רֶבִּי'ן, זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי מֶען זָאגְט אַרוֹיס דָאס וָוארְט 'בְּרֶסְלֶב', עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ לֶערְנֶען דִי 'בּוֹרִיסְלוֹבֶ'ע סְפָרִים!"[לה]

## דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן...

אוֹיךְ הָאט אוּנְז מוֹהֲרַ"אשׁ דֶערְצֵיילְט, אַז נָאךְ זַיין חֲתוּנָה הָאט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וָואס הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעפִירְט דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער שְׁטִיבְּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג - זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַאר אִים ווִי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אִים אָן צוּ פִירְן דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'ער שְׁטִיבְּל, אַז עֶר הָאט נִיטְאַמָאל קַיין מִנְיָן[לו]. הָאט אִים מוֹהֲרַ"אשׁ מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז מֶען דַארְף אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער וְכוּ'. שְׁמוּעֶסְנְדִיג אוֹיפְ'ן גַאס אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן אַ 'גֶעלֶע חֵדֶר בָּאס', הָאט זִיךְ מוֹהֲרַ"אשׁ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: "נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַרוּם פָארְן בָּאסֶעס מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁרִיפְט: 'תַּלְמוּד תּוֹרָה בְּרֶסְלֶב'", הָאט יֶענֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לַאכְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַ"אשׁ: "אִיר חָלוֹמְ'ט בְּהָקִיץ; עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ!" - הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אוּנְז אוּן גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן..."

מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אַרִיבֶּער פָארְן מִיטְ'ן בָּאס בַּיי זַיין הוֹיז, עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר דִי רֶעבֶּעצִין דִי שֵׁיינֶע מוֹסְדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט וואו מִיר זֶענֶען מְחַנֵךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

---

**לה.** עֶר הָאט פַארְטוֹיְשְׁט דֶעם שְׁטָאט 'בְּרֶסְלֶב' מִיט 'בּוֹרִיסְלוֹב', וָואס אִיז אַ שְׁטָאט וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין פּוֹלִין.

**לו.** נְיוּ יָארְק אִיז גְרֶעסֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִין גַאנְץ נְיוּ יָארְק אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין מִנְיָן פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים.

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעפְּרְט דֶעם חֵדֶר 'אִסְרוּ חַג פֶּסַח', אוּן מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע גֶעלֶע בָּאס. דִי מַחֲלוֹקֶת קֶעגְן מִיר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַּארְקִירְן דֶעם בָּאס אִינְמִיטְן שְׁטָאט, מֶען הָאט עֶס גֶעדַארְפְט פַּארְקִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן גֶעגְנְט, צְוִוישְׁן גוֹיִם. אוֹיבּ אֵיין טָאג הָאט דֶער דְרֵייוֶוער זִיךְ גֶעיָאגְט אוּן פַּארְגֶעסְן אַרוֹיסְצוּטְרָאגְן דֶעם בָּאס פוּן שְׁטָאט, הָאט מֶען עֶס אִינְדֶערְפְרִי גֶעטְרָאפְן אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף מִיר אוּן אוֹיסְגֶעשָׂאסְן דִי פֶּענְסְטֶער וְכוּ'[לז].

---

**לז.** בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַמָאל אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן בַּיים שִׁיעוּר 'אַ דָאלֶער' אוּן גֶעזָאגְט: "דִי גַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶת אוֹיף מִיר, בַּאשְׁטֵייט וֶועגְן דֶעם גְרִינֶעם דָאלֶער!" ווייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס פְלֶעגְט דְרוּקְן אוּן פַארְקוֹיפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן עֶס אוֹיסְגֶעטֵיילְט בְּחִנָּם, אִיז יֶענֶער גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן גֶעוָוארְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער חוֹלֵק אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' צְבִי אַרְיֵה רוֹזְנְפֶעלְד [הֶעכֶער דֶעם רֶבִּינְ'ס קֶבֶר אִין אוּמַאן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן זַיין נָאמֶען], הָאט עֶר אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ וֶועגְן דִי רְדִיפוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן עֶר הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: אֶפְשָׁר קוֹיפְסְטוּ אָפּ דִי אַלֶע וָואס קְרִיגְן אוֹיף דִיר - מִיט גֶעלְט, נֶעם פִינְעֶוועֶר'ס דְרֵיי עֶס אַרוּם אוֹיף אַ צִיגַארֶעטְל, אוּן וֶוען דוּ זֶעסְט אֵיינֶער וָואס קְרִיגְט אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן דֶער צִיגַארֶעטְל מִיט גֶעלְט? הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט".

דָאס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, ווייל עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט גֶעלְט, וָואלְט אִיךְ אוּנְטֶערְגֶעקוֹיפְט אַלֶע מְפֻרְסָמִים, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן".

פַארְוָואס? ווייל אִידִישֶע קִינְדֶער דַארְפְן חִיזוּק, דֶער הֲמוֹן עַם דַארְף הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, נָאר דִי מְפֻרְסָמִים הֶעצְן זֵיי אוֹיף קֶעגְן רֶבִּי'ן, ווייל זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן אָן מִנְיָן. אַזוֹי ווִי אִין אַמֶעריִקֶע הָאבְּן מִיר צוּטוּן מִיט דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, בֶּאֱמֶת הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי אִידְן, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, נָאר זֵייעֶרֶע גַלָּחִים הֶעצְן זֵיי אוֹיף קֶעגְן דִי אִידְן, וֶוערְן זֵיי צְעווִילְדֶעוֶועט אוּן מַאכְן פַּאגְרָאמֶען קֶעגְן דִי אִידְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ לְהַבְדִּיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת, אִיז עֶס מִיט אִידִישֶע קִינְדֶער, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף חִיזוּק, נָאר דִי מְפֻרְסָמִים הֶעצְן אוֹיף קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט וֶוען

איך האב געבעטן דעם דרייווער ער זאל פארן קיין באַרא פארק און דורכפארן מוהרא"ש'ס הויז בשעת מוהרא"ש איז אויפ'ן פארטש (באלקאן), דער דרייווער איז אהין געפארן, ווען מוהרא"ש האט געזען דעם באס האט ער זיך אזוי מחיה געווען, ער איז געשטאנען און געשמייכלט, זעענדיג אז דער 'חלום' איז טאקע מקוים געווארן!

## מיר געבן דאס בעסטע פאר אונזערע קינדער

ברוך השם אז דער 'חלום' גייט ווייטער און ווייטער... מיר האבן ברוך השם געעפנט א חדר און בית פיגא אין ירושלים, א חדר אין טבריה, און ווען נאך משפחות וועלן זיך ארויס ציען קיין טבריה וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף עפענען אויך א 'בית פיגא' אין טבריה.

ווען איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש האבן מיר געוואוסט אז דער רבי איז א זאך וואס גייט נישט אריבער פאר די קינדער, דאס איז א סוד פאר אונז אליין, מען קומט נעמען חיזוק פון מוהרא"ש דערנאך געבט מען אכטונג די קינדער זאלן זיך נישט דערוויסן דערפון, כדי זיי זאלן נישט ווערן צעמישט, אבער ברוך השם אז מיר קענען געבן פאר אונזערע קינדער דאס וואס איז גוט פאר אונז, די קינדער זאלן אויך אויפוואקסן מיט'ן רבי'ן, אויפוואקסן מיט תמימות ופשיטות, אויפוואקסן מיט מעשיות פון תפלה, דאס זאל זיין זייער לעבן, פאר מיר איז עס גאר א גרויסע שמחה.

---

געלט, וואלט ער אונטער געקויפט די מפרסמים, זיי זאלן נישט קריגן אויפ'ן רבי'ן.

מיין זיידע דער קארלסבורגער רב זכרונו לברכה פלעגט אזוי טון, ער איז געווען א גרויסער צדיק, ער האט נישט מורא געהאט צו זאגן די הלכה אפילו מען האט אים געזאגט אז "די קהלה הייסט זאלסט פסק'ענען אנדערש", וועגן דעם איז געווארן אסאך מחלוקות אויף אים, פלעגט ער אלץ גיין נאך געלט און עס אויסטיילן פאר רבנים לכבוד יום טוב, פאר זיך האט ער גארנישט געהאט, אבער פאר אנדערע האט ער געטיילט, למען השלום, מען זאל נישט ארויס קומען קעגן אים.

מֶענְטְשְׁן פְּלֶעגְן מִיר פָּארְהַאלְטְן: 'וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ לֵייגְסְט אַרַיין דַיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִיר אִין יְשִׁיבָה? זֵיי קֶענֶען דָאךְ וַואקְסְן הֶעכֶער פוּן דֶעם?!'... - גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֶעבּ פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע! וָואס אִיךְ פַּארְגִין פַּאר מִיר, פַּארְגִין אִיךְ פַּאר זֵיי[לח].

---

**לח.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פוּן דֶעם עִנְיָן:

**גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַּאר דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גְרֶעסְטֶע נֵס וָואס מִיר הָאבְּן אִיז, אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אוֹיף דִי וֶועג וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

וויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זִיצְן מִיט מְלַמְּדִים יִרְאֵי שָׁמַיִם, וָואס לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, מְלַמְּדִים וָואס גֵייעֶן אִין מִקְוֶה, מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מְלַמְּדִים וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן קִינְד.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין בֵּית פֵּיגָא; לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן לִיבּ יֶעדְן קִינְד אוּן לֵייגְן אַרַיין אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג.

יָארְן צוּרִיק אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען; וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרַ"שׁ הָאבְּן מִיר גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער פַּאר דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ סוֹד פַּאר אוּנְז אַלֵיין, מֶען הָאט אוּנְז קְלָאר גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף גֶעהֶערְן צוּ דִי גְרוֹיסֶע קְהִילוֹת צוּלִיבּ דִי קִינְדֶער, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט קֶענֶען מִיר נֶעמֶען חִיזוּק פוּן מוֹהֲרַ"שׁ, אוּן חַסְדֵי הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיטְן רֶבִּי'ן, אוֹיפְוַואקְסְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוֹיפְוַואקְסְן מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה; אַז דָאס זָאל זַיין זֵייעֶר לֶעבְּן.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיְחִי שְׁנַת תשפ"ג)

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט נָאךְ וֶוערְן שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת.

## יֶעדֶער קִינְד מוּז בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט

בִּיז אַהֶער הָאבְּן מִיר אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְט פוּן דִי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת וְוִי אַזוֹי מִיר הָאבְּן גֶעגְרִינְדֶעט דִי מוֹסָד, יֶעצְט וֶועלְן מִיר רֶעדְן אַבִּיסְל עֵצוֹת און חִיזוּק פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר מְלַמְדִים, דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז: "אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ".

פַארְוָואס? וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַ גַאנְצְן טָאג צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער קִינְד אִיז צֶעשְׁלָאגְן און צֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ, קֶען עֶר גָארְנִישְׁט אָנְנֶעמֶען, עֶר טְרַאכְט אַז אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס עֶר הֶערְט זֶענֶען שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת פַאר דֶעם חַבֶר און פַאר יֶענֶעם חַבֶה, אָבֶּער 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין...'

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן אוֹיס אִינְדְרוֹיסְן פֵּיין און מְסוּדָר, קֶען זַיין אַז זֵיי שְׁפִּילְן אַ שֵׁיינֶע שְׁפִּיל פוּנְדְרוֹיסְן; אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס שְׁרֵייט בַּיים דַאוֶוענֶען, מֵיינְט דָאס נָאכְנִישְׁט אַז אִינְדֶערְהֵיים פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף גוּט, קֶען זַיין אַז אִינְדֶערְהֵיים שְׁרֵייט עֶר אוֹיךְ אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער... דִי וַוייבְּל וָואס נֶעמְט יֶעדְן זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיף, זִי שְׁמֵייכְלְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אִין וַוייבֶּער שׁוּל, קֶען זַיין אַז אִינְדֶערְהֵיים הָאט זִי נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ אִירֶע קִינְדֶער, און הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי.

קִינְדֶער וָואס וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, הָאבְּן נָאכְדֶעם נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעסֶע צוּם לֶערְנֶען, און זִיכֶער נִישְׁט צוּ הֶערְן מוּסָר און צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע און לֶעצְטֶע "ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ" אַז יֶעדֶער קִינְד מוּז בַּאקוּמֶען פוּנֶעם מְחַנֵךְ און לֶערֶערִין אַ גוּט וָוארְט, מֶען זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן און אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדֶעס קִינְד.

## נִישְׁט מַאכְן קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א) וֶוען אֵיינֶער הָאט 'חֵן' אִיז דָא פְּלַאץ פַאר אִים אִין הַארְץ; מֶען קֶען דָאס זֶען, וֶוען מֶען בֶּעט אֵיינֶעם אַ טוֹבָה, אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ 'חֵן', גֵייעֶן זַיינֶע רֵייד אַרַיין אִין הַארְץ אוּן מֶען הֶערְט אוֹיס זַיין גֶעבֶּעט, וְוִידֶער אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין 'חֵן' וֶועט מֶען נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן זַיין גֶעבֶּעט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ אִין הַארְץ פַאר יֶענֶעמְ'ס גֶעבֶּעט.

עֶס קוּמֶען אִין חֵדֶר אוֹיךְ קִינְדֶער אָן חֵן, מִיט רִינֶגְדִיגֶע נֶעזֶער, זֵיי צִיעֶן נִישְׁט דֶעם הַארְץ פוּנֶעם מְלַמֵּד, קֶען פַּאסִירְן בַּיי מְלַמְּדִים מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט כַּאפְּן, וֶוען דֶער מְלַמֵּד וֶוערְט אַבִּיסְל אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן נֶערְוֶועז, גֶעבְּט עֶר זִיךְ אוֹיס אוֹיף דִי סָארְט קִינְדֶער, וְוִידֶער בַּיי דִי בַּא'חֵנְ'טֶע קִינְדֶער כַּאפְּט מֶען נִישְׁט אַז עֶר שְׁטֶערְט, אוּן מֶען כַּאפְּט נִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, וַוייל עֶס אִיז דָא חֵן.

דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן קִינְדֶער, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען דֶעם זֶעלְבְּן "גוּט מָארְגְן", דֶעם זֶעלְבְּן שְׁמֵייכְל אוּן דֶעם זֶעלְבְּן מַתָּנָה.

## הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף יֶעדְן קִינְד

פּוּנְקְט דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן וֶוען מֶען הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אִין 'יַבְנְאֵל', שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ פַאר אַ מְלַמֵּד: "**תִּתְבּוֹדֵד בְּכָל יוֹם עַל כָּל יֶלֶד דַּקָּה**", יֶעדְן טָאג אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין כִּתָּה, מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד אֵיין מִינוּט, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִים: "אַז דוּ הָאסְט צְוָואנְצִיג תַּלְמִידִים מַאךְ צְוָואנְצִיג מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת!"

דֶער דוֹר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן זַייט דֶעמָאלְט, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף יֶעדְן קִינְד אַ גַאנְצֶע מִינוּט, מֶען קֶען עֶס

אַראָפּלאָזן צו 'צְוואַנְצִיג סֶעקוּנְדֶעס', צוּ 'צְען סֶעקוּנְדֶעס', אָדֶער כָאטְש עֶפֶּעס; זאָג אַרוֹיס אַ וואָרט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין כִּתָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְלֶעבְן דִי קִינְדֶער אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער**".

## הִלְכוֹת
## דֶרֶךְ אֶרֶץ

מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קְלוּגֶער פוּן דִי תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "**דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה**", מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה אוּן מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ; 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען בַּאזוּכְן בַּיי דִי קִינְדֶער אִין יְרוּשָׁלַיִם, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "**אִיךְ וִויל עֶנְק בֶּעטְן דְרֵיי זַאכְן, דָאס זָאלְט עֶטְץ אֵיינְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: וֶוען עֶנְקֶער מְלַמֵד קוּמְט אַרַיין זָאל מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דִי צְווֵייטֶע זַאךְ: וֶוען דֶער מְלַמֵד רֶעדְט - קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן, דִי דְרִיטֶע זַאךְ: וֶוען דֶער מְלַמֵד עֶנְדִיגְט גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר זָאל מֶען זָאגְן: יְיַשֵׁר כֹּחַ**".

אַז מֶען טוּט דִי דְרֵיי זַאכְן הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה![לט]

## עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר,
## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן

מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס אַ מְנַהֵל דַארְף טוּן, אִיז עֶר זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי זַאכְן

**לט.** וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דִי קִינְדֶער אוֹיבּ זֵיי נֶעמֶען זִיךְ פָאר דִי דְרֵיי זַאכְן הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בְּלִי נֶדֶר", הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף עֶנְטְפֶערְן 'יָא', מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן יֶעדֶע מָאל 'בְּלִי נֶדֶר', דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז בְּלִי נֶדֶר..."

וָואס אִיז שְׁוֶוער פַּארְן מְלַמֵּד צוּ רֶעדְן, צוּם בֵּייִשְׁפִּיל, נִישְׁט יֶעדֶער מְלַמֵּד קֶען זָאגְן פַּאר דִי קִינְדֶער: "וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן!" דַארְף דֶער מְנַהֵל דָאס פַּארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער, אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי קוּמְט אַרַיין דַארְפְן זִיךְ אַלֶע אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין בּוּשָׁה פַארְן מְלַמֵּד צוּ פַּארְלַאנְגֶען. דֶער מְנַהֵל קֶען הֶעלְפְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, אָבֶּער דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין דַארְפְן אוֹיךְ רֶעדְן פוּן דֶעם. מֶען זָאגְט פַּאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, **"וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, אוּן אַז דָאס קִינְד פָּאלְגְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער, מֶען זָאגְט עֶס אִיבֶּער מֶער עֶרְנְסְטֶער אוּן מֶער צוּרִיק גֶעצוֹיגְן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעקוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר אִין כִּתָּה אוּן בַּאמֶערְקְט אַז קֵיינֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, מִן הַסְּתָם הָאבְּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע מְלַמְּדִים נִישְׁט גֶעהַאט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער מִיט דִי הֲלָכָה אַז וֶוען אַ רֶבִּי קוּמְט אַרַיין דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶע'יִשּׁוּב'ט צִי אִיךְ זָאל זָאגְן פַּאר דִי קִינְדֶער: "עֶנְק דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַּאר מִיר" - עֶס פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל פַּארְלַאנְגֶען מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַּאר מִיר...

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: 'אֵיין מִינוּט, פַּארְוָואס ווִיל אִיךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן? ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, - הָאט דָאס דָאךְ גָארְנִישְׁט מִיט מִיר!' הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַּאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוען דֶער רֶבִּי קוּמְט אַרַיין אִין חֵדֶר מוּז זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיפְשְׁטֶעלְן!"** אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: **"הֶערְט מִיר גוּט אוֹיס, אִיךְ הָאבּ גֶענוּג כָּבוֹד פַּאר מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ אֲפִילוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַּאר עֶנְק... אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט 'וֶוען אַ רֶבִּי קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן'!"**

# אַ טַאטֶע דַארְף פַּארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ

דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶועריקַייט הָאבְּן אוֹיךְ גֶעווִיסֶע עֶלְטֶערְן, אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זָאגְן פַּאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער: **"מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ**

**אֶרֶץ פַאר אַ טַאטֶע!"** ווייל זיי טְרַאכְטְן אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט אַז דֶער טַאטֶע זָאל בֶּעטְן כָּבוֹד פַאר זִיךְ.

עֶטְץ וֵוייסְטס וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער?! עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס דֶער טַאטֶע זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן, שְׁרֵייעֶן אַלֶע קִינְדֶער אַרַיין! וַוייל דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: **"וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט דַארְף מֶען זַיין שְׁטִילֹ!"** עֶר הָאט מוֹרָא דָאס צוּ זָאגְן.

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז דָאס מַיין שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אַפָּאר הוּנְדֶערְט מָאל: "וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן!" אִיךְ לֶערְן דָאס אוֹיס פַאר מַיינֶע קִינְדֶער.

מֶען זָאגְט נִישְׁט: "וֶוען 'אִיךְ' רֶעד טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן!" וַוייל עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, עֶס הָאט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט: **"וֶוען אַ 'טַאטֶע' רֶעדְט טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן!"**

אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַאר קִינְדֶער אִין הִלְכוֹת 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', נִיצְט מֶען דֶעם אוֹיסְדְרוּק: **"מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע!" "מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ מַאמֶע!" "מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ רֶבִּי!" "מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַן עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ!"** אִיךְ מֵיין בִּכְלַל נִישְׁט 'מַיין' כָּבוֹד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערְן, מְחַנְּכִים אוּן עֶלְטֶערֶע.

## אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט קַיין 'חַבֵר' פַאר דִי קִינְדֶער

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ דַארְף מֶען ווִיסְן, אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט קַיין 'חַבֵר' צוּ דִי קִינְדֶער, דֶער מְלַמֵּד קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ שְׁטִיק צַייט, עֶר קֶען זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, עֶר קֶען אֲפִילוּ מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, עֶר קֶען מַאכְן אַ קוּוִיזִיקל (אַזוֹי ווִי מֶען טוּט בַּיי חֲתוּנוֹת) אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט דַיין חַבֵר, אִיךְ בִּין דַיין מְלַמֵּד, דִי פִינְף מִינוּט מַאךְ אִיךְ זֵייעֶר

לֶעבֶּעדִיג, אִיךְ טוּ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, עֶס וֶוערְט מַמָּשׁ אַ שִׂמְחָה אִין כִּתָּה, נָאכְדֶעם זָאג אִיךְ: **"יֶעצְט דַארְפְן זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער שֵׁיין אַרָאפְּזֶעצְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ".**

וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַז אָט אִיז דֶער רֶבִּי פְרֵיילִיךְ אוּן אָט פַארְלַאנְגְט דֶער רֶבִּי דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֶענֶען זֵיי מְכַבֵּד אוּן הָאבְן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַארְן מְלַמֵּד.

## דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים

עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג וִויכְטִיג אַז מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערְנְס זָאל זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּ דֶערְצֵיילְן 'סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): **"דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד"**, דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, **"כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד"**, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען ווִיל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים[מ].

עֶס אִיז הַיינְט דָא אַזוֹיפִיל סְפָרִים אִין אַלֶע סְפָרִים גֶעשֶׁעפְּטְן מִיט דֶערְצֵיילוּנְגֶען פוּן צַדִּיקִים, לֵיינְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ

---

מ. זֶע דִי מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת אִין עָמוּד קלא.

יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן זַיין בְּרוּדער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׂא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים, און דֶערְצֵיילְט דָאס אִיבֶּער אִין חֵדֶר[מא].

בְּשַׁעַתְ׳ן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען אַלֶעס אַרַיינְלֵייגְן, ׳תְּפִלָּה׳, ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, ׳יִרְאַת שָׁמַיִם׳ און ׳קְדוּשָּׁה׳. מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע צַייט וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דִי זַאכְן, בְּשַׁעַתְ׳ן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים דְרֵיידְט מֶען שׁוֹין אַלֶעס אַרַיין מִיט חָכְמָה.

---

**מא.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר טֶעג נָאכְ׳ן גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר, וָואס רֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן:

**פְּלַאקֶער אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער**
**אִין חֵדֶר מִיט סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״א שׁוֹבָבִי״ם, כ״ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט אַרַיין אִין דַיינֶע תַּלְמִידִים אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ גֶעוואוּינְסְט זֵיי צוּ צוּ גוֹרֵס זַיין מִשְׁנַיּוֹת פוּן יוּנְגְוַוייז אָן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, ״אָדָם לְעָמָל יוּלָּד״ (אִיּוֹב ה, ז), נָאר וָואס דֶען? וואוּיל אִיז דֶעם וָואס זַיין פְּלָאג און מִי אִיז אִין לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. וֶועסְט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט בְּלַייבְּן פוּן דַיין מִי און פְּלָאג אַ זֵכֶר, אַ שְׁאֵרִית לָנֶצַח, אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען פְּלָאגְט זִיךְ מִיט הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה, דַאן בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דִי מִי און פְּלָאג.

פְּלַאקֶער אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר מִיט סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים. וְדַעַת לְנָבוֹן, מֶען דַארְף נִישְׁט אַלְץ דֶערְצֵיילְן פְּרִישֶׁע מַעֲשִׂיּוֹת, מֶען קֶען אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשִׂיּוֹת. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, נָאר אַז דֶער מְלַמֵּד קֶען אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט, וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פְּלַאקֶערְט אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רמח).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח שְׁנַת תשפ״ג)

# אַ מַעֲשֶׂה בַּיים שַׁבָּת טִישׁ

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר עֶלְטֶערְן פוּן קִינְדֶער, יֶעדֶער טַאטֶע דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וָואס עֶר גֵייט דֶערְצֵיילְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ.

אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן פְרַייטָאג וֶועלְכֶע מַעֲשֶׂה אִיךְ גֵיי דֶערְצֵיילְן דִי וָואךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אִיךְ חַזֶר זִיךְ אַיין דִי מַעֲשֶׂה אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז אִיךְ זָאל דָאס נִישְׁט פַארְגֶעסְן, אוּן בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה וֶוען מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן פוּן דָאס אוּן יֶענְץ דֶערְצֵייל אִיךְ דִי מַעֲשֶׂה. אַמָאל בַּיי דִי פִישׁ, אַמָאל בַּיי דִי זוּפּ אוּן אַמָאל בַּיי דִי פְלֵיישׁ, יֶעדֶע וָואךְ אַנְדֶערְשׁ, אָבֶער דִי מַעֲשֶׂה אִיז מִיר נִישְׁט יֶעצְט בֵּייגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס נִישְׁט 'פּוּנְקְט' יֶעצְט דֶערְמַאנְט, נָאר בַּיי דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה יָאגְט מִיר אִין קָאפּ אַז דִי מַעֲשֶׂה דַארְף אִיךְ דֶערְצֵיילְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ.

מֶען דַארְף נִישְׁט דֶערְצֵיילְן קַיין לַאנְגֶע מַעֲשִׂיוֹת, עֶס אִיז גֶענוּג צוּ דֶערְצֵיילְן אַ קְלֵיינֶע מַעֲשֶׂה'לֶע; אָבֶער מֶען מוּז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס פְלַאמְט אוֹיף דָאס הַארְץ פוּן קִינְדֶער.

# דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: "וִויפִיל צַייט פוּנֶעם טָאג דַארְף מֶען אַוֶועק גֶעבְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה? אוּן וֶוען אִיז גֶעאֵייגְנְט דִי צַייט פַאר דֶעם?"

הָאבּ אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "וֶוען אִיז דִי צַייט צוּ אָטֶעמֶען?..." - עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט וָואס דֶעמָאלְט רֶעדְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין אַנְדֶערֶע צַייטְן רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַס וְשָׁלוֹם, דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', עֶס זֶענֶען דָא לוֹמְדִים וָואס בִּשְׁעַת'ן לֶערְנֶען גְּמָרָא קֶענֶען זֵיי זִיךְ צֶעשְׁרַייעֶן: "יֶעצְט לֶערְנְט מֶען, לֵייג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִּי זַייט!" אָדֶער: "הֶער אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי מִיר מַסְבִּיר דֶעם תּוֹסְפוֹת!" - חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ רֶעדְן! דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי עֲקִיבָא אֵייגֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִּי שְׁוֶוערֶע סוּגְיוֹת אִין מַסֶּכֶת בָּבָא קַמָא: "'אַבַּיֵי' זָאגְט אַז דֶער 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' ווִיל מֶען זָאל אַזוֹי טוּן, אוּן 'רָבָא' זָאגְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט פוּן אַ פָּסוּק אַז דֶער 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' ווִיל מֶען זָאל אַנְדֶערְשׁ טוּן".

וָואס אִיז חוּמָשׁ? וָואס אִיז גְמָרָא? וָואס אִיז רַשִׁ"י? וָואס אִיז תּוֹסְפוֹת? אַלֶעס אִיז אֵיין זַאךְ, מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה צוּ גֶעוואוּיר וֶוערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דִּי גַאנְצֶע טָאג דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם אֱמוּנָה, אַרוּם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דִּי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז אָנְהֵייבּ טָאג

מְלַמְּדִים דַארְפְן ווִיסְן אַז דִּי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז אִין דִּי עֶרְשְׁטֶע שָׁעוֹת פוּן טָאג, דֶעמָאלְט אִיז דִּי קָאפּ נָאךְ קְלָאר, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִּי קִינְדֶער דִּי ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, בַּיי אִינְגְלֶעךְ אִיז עֶס גְמָרָא, חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת, אוּן אִין שׁוּלֶע אִיז עֶס אַלֶף בֵּית, נְקוּדוֹת אוּן הֲלָכָה; צוּפְרִי זִיצְן נָאךְ דִּי קִינְדֶער אֵיין רוּאִיג.

בַּיי אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין אַמֶערִיקֶע מַאכְט מֶען דִּי לַאנְגֶע הַפְסָקָה אֵיינְס אַזֵייגֶער מִיטָאג. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען גֶעבְּט אוֹיךְ אַ קוּרְצֶע הַפְסָקָה, פוּן צֶען מִינוּט, בֶּעפָאר אֵיינְס אַזֵייגֶער כְּדֵי דִּי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא אוּן עֶסְן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער דִּי לַאנְגֶע הַפְסָקָה ווִי דִּי קִינְדֶער לוֹיפְן אַרוּם, טַאנְצְן, קְרִיכְן אוּן גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס, דָאס מַאכְט מֶען אֵיינְס אַזֵייגֶער, פַאר אֵיין שָׁעָה.

נָאךְ דִּי הַפְסָקָה, אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן; דִּי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען מִיט דִּי

קינְדֶער גְרינְגֶערֶע זאכְן, ווי 'טַעֲמֵי הַמִּקְרָא' וְכַדוֹמֶה, מֶען זוכְט וָואס מֶען קֶען דֶעמָאלְט טון מִיט דִי קִינְדֶער.

בְּעֶצֶם וָואלְטְן שׁוֹין דִי קִינְדֶער גֶעקֶענְט אַהֵיימְגֵיין אֵיינְס אַזֵייגֶער אַזוֹי ווי דִי שׁוּלֶעס טוּעֶן דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאר מֶען מוּז זֵיי בֶּעבִּיסִיטְן, מֶען מוּז זֵיי הַאלְטְן פַאר נָאךְ אַפָּאר שָׁעָה.

## אַרוּמְפָאְרְן אַ שָׁעָה אוּמְזִיסְט...

אִיךְ וֵויים נִישְׁט ווי אַזוֹי עֶס גֵייט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער אִין אַמֶערִיקֶע גֵייט עֶס אַז ווי לֶענְגֶער מֶען הַאלְט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר וֶוערְט מֶען אַ בֶּעסֶערֶע מוֹסָד...

עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן 'עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, מֶען קֶען דָאךְ מַאכְן אִין דִי צַייט נָאךְ גֶעלְט... הַיינְט אִיז שׁוֹין דִי צַייט וָואס מֶען שִׁיקְט אַהֵיים דִי קִינְדֶער 'פִינְף אַזֵייגֶער'.

דֶער דְרַייוֶוער פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פַארְקִירְט דֶעם בָּאס נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה, עֶר זָאגְט מִיר, אַז עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען מַמָּשׁ נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה אוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואלְטְן גֶעקֶענְט אַהֵיימְגֵיין צוּפִיס גְלַייךְ נָאךְ חֵדֶר, אוּן זַיין אִינְדֶערְהֵיים בִּיז אַפָּאר מִינוּט, דָאךְ בֶּעטְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן בָּאס צוּזַאמֶען מִיט יֶעדְן, זֵיי זָאלְן אַרוּמְפָארְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, אוּן אַ שָׁעָה אַרוּם וֶוען דִי בָּאס קוּמְט צוּרִיק צוּ דִי יְשִׁיבָה נָאכְ'ן אַרָאפְּלֵייגְן אַלֶע קִינְדֶער, זָאלְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַהֵיימְגֵיין צוּפִיס צוּ זֵייעֶר הוֹיז...

צוּמָאל קֶען מֶען אוֹיךְ הֶערְן ווי מַאמֶע'ס רוּפְן אַרַיין בֶּעטְן אַז זֵייעֶר קִינְד זָאל הַיינְט נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּנֶעם בָּאס בַּיי זֵייעֶר הוֹיז, ווַייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, נָאר מֶען זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּם יְשִׁיבָה אוּן דָארְט וֶועט מֶען זֵיי אָפְּנֶעמֶען.

אֵיי דִי קִינְדֶער וֶוערְן דָאךְ מְשׁוּגָע פוּן אַרוּמְפָארְן מִיט דִי בָּאס אַ שָׁעָה צַייט אוּמְזִיסְט?! נָאר אַזוֹי קוּקְן אוֹיס עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט גֶעלְט אוּן אַיינְקוֹיפְן; עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען הַאלְטְן

זייער קינד נאך א שעה כדי די מאמע זאל קענען שמועסן נאך א שעה מיט א חבר'טע, אדער גיין איינקויפן פאר נאך א שעה, למעשה גייט מען אפילו נישט איינקויפן, מען גייט ארום בלויז קוקן, זיך ארומדרייען אין די געשעפטן און מען קומט צוריק אהיים מיט גארנישט...

## די ספעציעלקייט פון אונזער מוסד

די גאנצע זאך פון פארן און קומען פון חדר מיט א באס איז נישט אזוי שטארק איינגעפירט אין ארץ ישראל, אין ארץ ישראל גייען אסאך קינדער אין חדר צופיס, אבער אין אמעריקע איז דער סדר אז מען נעמט אפ די קינדער מיט א באס צום חדר.

מענטשן זענען אין אזא 'קטנות המוחין'; אפילו ווען דער מוסד איז אויף דעם זעלבן גאס, ביים אנדערן ווינקל, וויל מען אויך אז דער באס זאל קומען אפנעמען דעם קינד און אים פירן צום חדר... פאר פיל מענטשן איז וויכטיגער אז די באס זאל קומען אין צייט, און זיך אפשטעלן ביי יעדע הויז, כדי די מאמע זאל נישט דארפן גיין קיין איין טריט, און איינער זאל שרייען צום קינד: "א גוט מארגן", - ווי דאס אז דער מלמד און לערערין זאלן זיין גוט.

איך געב נישט דעם סערוויס אזוי בשלמות, איך זאג פאר די דרייווערס אויב עס קומט אויס גרינגער מען זאל נישט אריינפארן אינעם גאס, זאלן די קינדער קומען ביים עק גאס. מען ווערט נישט קיין גוטע מוסד אז דער באס שטעלט זיך אפ ביי יעדע הויז וכו', עלטערן וואס זענען נישט צופרידן אז מען הייסט זיי קומען צום עק גאס, קענען זוכן א מוסד וואס מען שטעלט זיך אפ ביים יעדע הויז...

אין אמעריקע איז דא אן אויסדרוק: "דאס איז נישט מיין ספעשעלטי", דאס מיינט, יעדע געשעפט האט ספעציעלע געוויסע מעלות וואס אנדערע האבן נישט, מיט דעם ציען זיי איינקויפערס, אבער נישט יעדע געשעפט האט די זעלבע מעלות, איינער האט דעם ספעציעלקייט און א צווייטער האט אן אנדערע

סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט. מַיין סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט אִיז אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואו מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה; אִיךְ גֶעבּ אַ 'מְלַמֵּד' אוּן אַ 'לֶערֶערִין' מִיט הַארְץ, וָואס גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען פַארְשֶׁעמְט נִישְׁט אוּן מֶען פְּרַאסְקֶעט נִישְׁט.

דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט קִינְדֶער אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת זֶענֶען מָלֵא שִׂמְחָה, וַוייל זֵיי וֵוייסְן זֵייעֶר גוּט וָואס מֶען בַּאקוּמְט דָא, מֶען רוּפְט נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן יֶעדֶע רֶגַע זָאגְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען פְּרָאבְּלָאמַאטִישׁ אוּן זֵיי דַארְפְן גֵיין אוֹיף הִילְף צוּ טֶערֶעפִּי; נָאר דִי יוּנְגֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן יֶעצְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשִׁיקְט אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, וֶוערְן בְּרוֹגֶז אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶעם סֶערְוִויס אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע.

## קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע

עַל כָּל פָּנִים, אַזוֹי וִוי דֶער אָנְהֵייבּ טָאג אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, דַארְף אַ מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין זֶען אָנְצוּקוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע זֵייעֶר צַייטְלִיךְ, וַוייל וִוי אַ מִינוּט פְּרִיעֶר זֶענֶען דִי קִינְדֶער מֶער רוּאִיג, אוּן יֶעדֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער מֶער אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אַלְץ שְׁפֶּעטֶער וֶוערְט שׁוֹין שְׁוֶוערֶער אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וָואס מֶען דַארְף.

בִּכְלַל אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ. מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען נָאךְ דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אָבֶּער אִיךְ זָאג עֶנְק: אִין דֶעם לִיגְט דִי הַצְלָחָה!

## דָאס אִיז מַיין הוֹיז, מַיין אָפִּיס

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס אִיז גֶעוֶוען מְמוּנֶה אוֹיפְצוּרוּמֶען דֶעם בִּנְיָן פַארְן קוּמֶענְדִיגְן טָאג, פְלֶעגְט זִיךְ אָפְט מַאכְן וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען

אינְדערפְרִי אַז אַלֶע כִּיתּוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּער גֶעדְרֵיידְט, דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, דָאס אִיז דָאךְ אַ גוֹי, אֵיין מָאל אַ וָואךְ שִׁיכּוֹר'ט עֶר זִיךְ אָן און עֶר הָאט זַיינֶע חֲגָאוֹת. זֶענֶען גֶעוֶוען מְלַמְּדִים וָואס עֶס הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל און גֶעזָאגְט: "מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַרַיין אִין כִּתָּה בִּיז עֶס וֶועט שֵׁיין אוֹיפְגֶערוֹימְט", אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעהַאט בַּיי מִיר אִין כִּתָּה אַ בֶּעזֶעם מִיט אַ שָׁאוֹול, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין טוֹבוֹת פוּנֶעם גוֹי, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעמְ'ס הִילְף, דָאס אִיז דָאךְ מַיין הוֹיז, מַיין אָפִּיס', אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט פְּרִיעֶר און אִיךְ הָאבּ אַלֵיינְס אוֹיפְגֶערוֹימְט דִי כִּתָּה בֶּעפָאר דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען.

פַאר מִיר אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁמַאק צוּ זִיצְן אִין כִּתָּה מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג גֶעוַוארְט: 'וֶוען קֶען אִיךְ שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין?'... אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ קוּם אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער! דֶערְפַאר פְלֶעג אִיךְ אַלֶעס שֵׁיין מְסַדֵּר זַיין און אוֹיפְרוֹימֶען אֵיידֶער דִי קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען.

## זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען

מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס דַארְפְן קוּמֶען אָנְגֶעגְרֵייט מִיט דִי חוֹמֶר און לִימוּדִים וָואס מֶען גֵייט הַיינְט לֶערְנֶען. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט כַאפְּן אִינְמִיטְן טָאג: 'אוֹי, אִיךְ הָאבּ נָאךְ דְרֵיי שָׁעָה, וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט?!'

אַז מֶען אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט רִיכְטִיג אָנְהֵייבּ טָאג וָואס מֶען גֵייט טוּן דֶעם טָאג, טְרֶעפְט מֶען זִיךְ אִינְמִיטְן טָאג אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, און מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטִיפְן דִי צַייט. דָאס אִיז נִישְׁט גוּט; מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטִיפְן צַייט מִיט קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען דָאךְ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת.

מֶען דַארְף זֶען אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען פוּן פָארְאוֹיס אַ פִּינְקְטְלִיכֶער סֵדֶר הַיּוֹם פַארְן גַאנְצְן טָאג, וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט רֶעדְן און וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט פָארְלֶערְנֶען.

דֶער 'סֵדֶר הַיוֹם' ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם טָאג, ווִילַאנְג אַ קִינְד קֶען זִיצְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אִין אֵיין צִי, דָאס דַארְף מֶען פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל, און דֶער מְנַהֵל קֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן בַּיי אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת. יֶעדֶע יָארְגַאנְג אִיז אַנְדֶערְשׁ, בַּיי דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מַאכְן מֶער הַפְסָקוֹת, און אַזוֹי וַוייטֶער.

## גֶעבְן פַאר קִינְדֶער צֶעטְלֶעךְ מִיט בִּילְדֶער צוּ קָאלֶ—עֶרְן

עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ גֶעבְן פַאר יוּנְגֶע קִינְדֶער צֶעטְלֶעךְ מִיט בִּילְדֶער צוּ קָאלֶערְן (דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס 'מַאלֶעוֶוען'), סְתָּם אַ וָואךְ זָאל עֶס זַיין בִּילְדֶער וָואס הָאט אַ שַׁייכוּת מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, און בֶּעפָאר אַ יוֹם טוֹב, בִּילְדֶער וָואס הָאט שַׁייכוּת מִיטְ'ן יוֹם טוֹב.

## קִינְדֶער הֶערְן אַלֶעס אֲפִילוּ אִינְמִיטְן טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן

בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער קָאלֶערְן אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי דֶעמָאלְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי סֶדְרָה אָדֶער אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק; עֶס קוּקְט טַאקֶע אוֹיס ווִי דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן קָאלֶערְן, זֵיי הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט, און זֵיי הָאבְן נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג וָואס מֶען רֶעדְט, אָבֶער דֶער מְצִיאוּת שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס צוּ זַיין פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶעמָאלְט גֵייעֶן דִי ווֶערְטֶער אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער ווִי ווֶען דֶער מְלַמֵד לֶערְנְט פָאר, וַוייל בִּשְׁעַתְ'ן פָארְלֶערְנֶען דַארְפְן אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן גְרָאד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, קֶען זַיין פַאר גֶעווִיסֶע קִינְדֶער אִיז שְׁוֶוער מִיטְצוּהַאלְטְן, וַוייל דֶער גַאנְצֶע מֹחַ טְרַאכְט נָאר צִי עֶר זִיצְט יֶעצְט גְרָאד וְכוּ', אִיז אִים שְׁוֶוער צוּצוּלֵייגְן קָאפּ צוּ וָואס דֶער מְלַמֵד זָאגְט, אָבֶער בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער שְׁרַייבְּן אִיז דֶער מֹחַ אָפְן, עֶס אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּצוּהֶערְן וָואס דֶער מְלַמֵד רֶעדְט.

דָאס קֶען מֶען זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן אִינְדֶערְהֵיים, ווֶען קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע שְׁפִּילְצֵייג, קֶען מֶען הֶערְן ווִי

אינמיטן שְׁפִּילְן רֶעדט עֶר צוּ זִיךְ אַלֵיינס, עֶר דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אִין חֵדֶר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, עֶר צֶעשְׁרֵייט זִיךְ אוּן מַאכְט נָאךְ גֶענוֹי ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט אַלֶע פַּארְבְּן... זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דָאס קִינְד הָאט בִּשְׁעַתְ'ן הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה גֶעטוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ וָואס דֶער מְלַמֵד דֶערְצֵיילְט, אִיז עֶס נָאכְאַלְץ אַרֵיין אִין זַיינֶע אוֹיעֶרְן.

דֶערְפַּאר אִיז גוּט אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם גֶעלֶעגְנְהֵייט מִיט חָכְמָה, אוּן אָנְפִילְן דִי קִינְדֶער מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן בִּשְׁעַת זֵיי קָאלֶערְן.

## וֶוען מֶען רֶעדְט פּוֹעֵלְ'ט מֶען

יֶעצְט ווִיל אִיךְ עֶנְק זָאגְן זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע יְסוֹד אִין חִינוּךְ, חִינוּךְ אִיז: רֶעדְן צוּ קִינְדֶער! מֶען זָאגְט עֶס אֵיין מָאל, מֶען זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן מֶען זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל.

שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, גֶעבְּן אַ קְלַאפּ אִין רִיקְן: "נוּ זֶעץ זִיךְ שׁוֹין אַרָאפּ!" - הֶעלְפְּט נִישְׁט.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין 'אֲשֶׁר בַּנַחַל', שְׁלָאגְן קִינְדֶער אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער, קֶען זַיין עֶס הֶעלְפְּט אוֹיף יֶענֶע מִינוּט, אָבֶּער אַז מֶען ווִיל עֶס זָאל אַרֵיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער, עֶס זָאל אוֹיךְ הֶעלְפְן אוֹיף מָארְגְן, דַארְף מֶען עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פּוֹעֵלְ'ט מֶען, אַ רְאָיָ' הָאסְטוּ, ווִיפִיל שִׁיעוּרִים הָאסְטוּ גֶעהֶערְט וֶועגְן 'זָאגְן מִשְׁנָיוֹת' אוּן וֶועגְן 'רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן' בִּיז דוּ הָאסְט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן?! - וֶוען מֶען הֶערְט אֵיין מָאל פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אוּן רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן לוֹיפְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ עֶס טוּן, מֶען דַארְף עֶס הֶערְן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, יֶעדֶע מָאל אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, אֵיין מָאל בַּיי אַ דְרָשָׁה, אֵיין מָאל

אִינְמִיטְן אַ מַעֲשֶׂה, אֵיין מָאל מֶער פְרֵיילִיךְ אוּן אֵיין מָאל אַבִּיסְל מֶער שְׁטְרֶענְג, בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אוּן מֶען הֵייבְּט עֶס אָן צוּ טוּן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט קִינְדֶער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל פּוֹעֶלְ'ן בַּיי אַ קִינְד, דַארְף מֶען עֶס אִיבֶּערְזָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, נָאר אַזוֹי וֶועט עֶס אַרַיינְגֵיין אִין אִים.

## אַרַיין זִינְגֶען אִין אַ רֶעקָארְדֶער

פְרִיעֶר וֶוען אִיךְ הָאבּ בַּאזוּכְט אִין חֵדֶר הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי דִי מְלַמְּדִים זִינְגֶען אַזוֹי שֵׁיין דִי בְּרָכוֹת, דִי דַאוֶוענֶען אוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט דִי קִינְדֶער, אִיז כְּדַאי צוּ וִויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן, דִי מְלַמְּדִים אִין אַמֶעריקֶע טוּעֶן אַזוֹי, אִין אַ רוּאִיגֶע טָאג וָואס מֶען הָאט יִשּׁוּב הַדַּעַת זֶעצְט מֶען זִיךְ אַוֶועק אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען זִינְגְט אַרַיין אִין אַ רֶעקָארְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה גַאנְץ 'בִּרְכַּת הַמָּזוֹן' מִיטְ'ן נִיגוּן, פוּן "הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן..." בִּיזְ'ן סוֹף, אוּן דָאס צִינְדְט מֶען אָן יֶעדְן טָאג בְּשַׁעַת דִי קִינְדֶער בֶּענְטְשְׁן, אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט אוֹיסְרַייסְן דָאס קוֹל יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער בַּיים בֶּענְטְשְׁן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען מֶען אוֹיךְ טוּן מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען. נָאר וִויבַּאלְד מֶען לֵייגְט יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט צוּ נֵייעֶ שְׁטִיקְלֶעךְ צוּם דַאוֶוענֶען, דַארְף מֶען כְּסֵדֶר טוּישְׁן אוּן אַרַיין זִינְגֶען דִי נֵייעֶ שְׁטִיקְלֶעךְ צוּם רֶעקָארְדִירוּנְג, אוֹיךְ וֶוען אַ נִיגוּן וֶוערְט שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט אוּן אַלְט בַּיי דִי קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דֶער נִיגוּן אוֹיף "בָּרוּךְ שֶׁאָמַר", דַארְף מֶען עֶס טוּישְׁן צוּ אַ נֵייעֶ נִיגוּן, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן נָאכְאַמָאל דַארְפְן אַרַיין קוּקְן אִינֶעם סִידוּר בְּשַׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען.

דִי מְלַמְּדִים פוּן דִי יוּנְגֶערֶע כִּתּוֹת בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע טוּעֶן דָאס אוֹיךְ מִיט 'חוּמָשׁ', זֵיי נֶעמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַ חוּמָשׁ, זֵיי זֶעצֶען זִיךְ מְסַדֵּר וִויפִיל פְּסוּקִים מֶען גֵייט לֶערְנֶען דִי וָואךְ, אוּן מֶען זָאגְט אַרַיין דִי פָּאר פְּסוּקִים אִין אַ רֶעקָארְדֶער.

מֶען טוּט דָאס מִיט חָכְמָה, לְמָשָׁל 'פַּרְשַׁת שְׁמוֹת' הֵייבְּט מֶען אָן: "**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת - אוּן דָאס זֶענֶען דִי נֶעמֶען**", אוּן מֶען בְּלַייבְּט שְׁטִיל, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ פָּאר כְּאִילוּ דִי קִינְדֶער זָאגְן יֶעצְט אִיבֶּער,

נאָכדעם זאָגט מען ווייטער: "**הַבָּאִים - וואס זענען געקומען**", און אַזוי ווייטער, ווען עס קומט צו אַ וואָרט וואס די קינדער זענען נישט אַזוי באַקאַנט מיט די טייטש, זאָגט מען עס איבער אַפּאָר מאָל.

עס זענען דאָ מלמדים וואס טוען דאס אין כתה בשעת'ן פאַרלערנען צוזאַמען מיט די קינדער, קינדער האָבן זייער הנאה דערפון, מען זאָגט פאַר די קינדער: "**יעצט גייט מען אָפּכאַפּן ווי דער רבי לערנט מיט די קינדער די חומש**", און מען לערנט עס פאַר איין מאָל קלאָר און שיין, נאָכדעם שפּילט מען דאס אויף אַ גאַנצע וואָך, אַנדערש וואס דער רבי זאָל דאַרפן ווערן הייזעריג.

פאַרשטייט זיך אַז דער מלמד קען נישט אָנצינדן דעם רעקאָרדירונג און אַרויסגיין פון כתה מאַכן געשעפטן... דאס איז דאָך גניבה; אָבער דער רעקאָרדירונג העלפט אַז דער מלמד דאַרף שוין נישט זיצן אויפ'ן פּלאַץ און פאַרלערנען אַ גאַנצע וואָך, ער קען שוין אַרומגיין צווישן די קינדער, און אַז מען דאַרף דערמאָנען אַ קינד וואס שפּילט זיך, ווערט נישט די גאַנצע כתה געשטערט דערפון, נאָר יעדער לערנט און דאַווענט ווייטער.

# וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין

ווען איין מלמד האָט שוין אַריין געזינגען אַ חלק פונעם דאַווענען אָדער בענטשן, זאָל ער דאס געבן פאַר אַנדערע מלמדים, וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין, מען העלפט זיך איינער דעם צווייטן.

דער מנהל האָט מיר געשיקט אַ רעקאָרדירונג ווי איינער פון די מלמדים זינגט מיט די קינדער די "אֲנִי מַאֲמִין'ס" מיט טייטש, ער זאָגט פאַר די לשון הקודש און די קינדער ענטפערן אין אידיש, איך האָב זיך זייער מחיה געווען, הלוואי זאָלן אַלע מלמדים דאס טון; און אַזוי ווי נישט יעדער האָט אַ ניגון אויף "אֲנִי מַאֲמִין", און נישט יעדער האָט בכלל געטראַכט פון זאָגן "אֲנִי

מַאֲמִין״, זָאל עֶר גֶעבְּן דֶעם רֶעקָארְדִירוּנְג פַּאר נָאךְ מְלַמְּדִים, זֵיי זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען אָנְצִינְדְן אִין זֵייעֶר כִּתָּה[מב].



---

**מב.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר דֶעם מְלַמֵּד וָואס הָאט אַרַיין גֶעזִינְגֶען דִי אֲנִי מַאֲמִין׳ס:

**זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי ״אֲנִי מַאֲמִין״ מִיט טַייטְשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָה**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ בַּאקוּמֶען פוּן דִיר יֶעדְן טָאג אַ בַּארִיכְט.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ. מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט מִיר זָאגְן: ״אַז מֶען קְרִיגְט אוֹיף דִיר וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גוּט, וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אוֹיף דִיר - וָואלְט אִיךְ חוֹשֵׁשׁ גֶעוֶוען אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט גוּט מִיט דִיר״.

דוּ גֵיי אָן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה. דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ רֶעקָארְדִירוּנְג ווִי דוּ זִינְגְסְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי ״אֲנִי מַאֲמִין״ מִיט טַייטְשׁ; דוּ זָאגְסְט פָאר דִי לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ אוּן דִי קִינְדֶער עֶנְטְפֶערְן אִין אִידִישׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע מְלַמְּדִים דָאס טוּן.

אִיךְ שִׁיק דִיר דִי אֲנִי מַאֲמִין׳ס מִיט טַייטְשׁ, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטַייטְשְׁט לוֹיט ווִי דִי אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ גֵייט אִין אַמֶערִיקֶע; אַז בַּיי עֶנְק גֵייט אַנְדֶערְשׁ דִי שְׁפְּרַאךְ - זָאלְסְטוּ דָאס זִינְגֶען מִיט זֵיי לוֹיט ווִי מֶען רֶעדְט בַּיי עֶנְק.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דֶער קִינְד ... הוֹיבְּט אָן בֶּעסֶער רֶעדְן אִידִישׁ. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ סַבְלָנוּת - וֶועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

דָא הָאסְטוּ דִי אֲנִי מַאֲמִין:

1) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **הוּא בּוֹרֵא** עֶר בַּאשַׁאפְט, **וּמַנְהִיג** אוּן פִירְט, **לְכָל הַבְּרוּאִים** אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן. **וְהוּא לְבַדּוֹ** אוּן עֶר אַלֵיין, **עָשָׂה** הָאט גֶעטוּן, **וְעוֹשֶׂה** אוּן טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **וְיַעֲשֶׂה** אוּן וֶועט וַוייטֶער אַלֶעס טוּן, **לְכָל הַמַּעֲשִׂים** אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט.

2) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **הוּא יָחִיד** עֶר אִיז אֵיינֶער, **וְאֵין יְחִידוּת** אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל זַיין אֵיינְס, **כָּמוֹהוּ**, **בְּשׁוּם פָּנִים** אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז אֵיינְס. **וְהוּא לְבַדּוֹ** אוּן עֶר אַלֵיינְס,

**אֱלֹקֵינוּ** אִיז אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶּער, **הָיָה** עֶר אִיז אֵייבִּיג גְעוֶוען, **הֹוֶה** עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, **וְיִהְיֶה** אוּן וֶועט אֵייבִּיג זַיין.

3) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **אֵינוֹ גוּף** אִיז נִישְׁט קַיין קֶערְפֶּער, **וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף** אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַ קֶערְפֶּער, **וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל** אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט צוּגְלַייכְן צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ.

4) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **הוּא רִאשׁוֹן** עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער, **וְהוּא אַחֲרוֹן** אוּן עֶר וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער.

5) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **לוֹ לְבַדּוֹ** נָאר צוּ אִים אַלֵיין, **רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל** דַארְף מֶען בֶּעטְן, **וְאֵין רָאוּי** אוּן עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד, **לְהִתְפַּלֵּל** צוּ בֶּעטְן, **לְזוּלָתוֹ** פוּן קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ.

6) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁכָּל דִּבְרֵי נְבִיאִים אֱמֶת** אַז אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי נְבִיאִים זֶענֶען אֱמֶת'דִיג.

7) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁנְּבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם** אַז דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **הָיְתָה אֲמִתִּית** אִיז אֱמֶת'דִיג, **וְשֶׁהוּא הָיָה אָב לַנְּבִיאִים** אוּן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גְעוֶוען דִי טַאטֶע פוּן אַלֶע נְבִיאִים, **לַקּוֹדְמִים לְפָנָיו** פַאר דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען גְעוֶוען פַאר אִים, **וְלַבָּאִים אַחֲרָיו** אוּן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אִים.

8) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁכָּל הַתּוֹרָה** אַז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, **הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ** וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט, **הִיא הַנְּתוּנָה** הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן, **לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם** פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

9) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה** אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן, **לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת** וֶועט נִישְׁט פַארְטוּיְשְׁט וֶוערְן, **וְלֹא תְהֵא** אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין, **תּוֹרָה אַחֶרֶת** קַיין אַנְדֶערֶע תּוֹרָה, **מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

10) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **יוֹדֵעַ כָּל מַעֲשֵׂה בְנֵי אָדָם** וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן, **וְכָל מַחְשְׁבוֹתָם** אוּן אַלֶעס וָואס מִיר טְרַאכְטְן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לג, טו): **'הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט

# דֶער קוּנְץ פוּן אַ מְלַמֵּד

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן עֶפֶּענֶען דִי יְשִׁיבָה, אִיז מַיין 'קוֹל'; אַלְס אִינְגֶערְמַאן אִיז מַיין קוֹל גֶעוֶוען אַסַאךְ שֶׁענֶער וִוי הַיינְט, אִיךְ לֶערְן פָּאר אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים אַז מַיין קוֹל וֶוערְט אוֹיסְגֶעריסְן, וֶוען אִיךְ פְלֶעג אַרַיינְגֵיין צוּ מוֹהֲרָא"ש דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט נָאכְ'ן שִׁיעוּר, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"ש גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי הֵייזֶערִיג, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל אִיךְ שְׁרֵייא וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים", הָאט מִיר מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "דֶער קוּנְץ פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז, עֶר זָאל פָארְלֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטִילֶע קוֹל, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ", מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "**זָאגְט הֶעכֶער, אִיךְ הֶער נִישְׁט**", אַזוֹי קֶען דֶער מְלַמֵּד רֶעדְן שְׁטִיל אוּן דִי קִינְדֶער זָאגְן אִיבֶּער הוֹיךְ מִיט אַ שְׁרֵייעֶנְדִיגֶע קוֹל.

---

בַּאשַׁאפְן אַלֶע הֶערְצֶער, '**הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם**' אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט.

11) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **גּוֹמֵל טוֹב** בַּאצָאלְט שְׂכַר, **לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו** פַאר דִי וָואס טוּעֶן דִי מִצְוֹת, **וּמַעֲנִישׁ** אוּן עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט, **לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו** דִי וָואס פָאלְגְן נִישְׁט זַיינֶע מִצְוֹת.

12) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ** אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, **וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ** אוּן אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, **עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם** מִיט דֶעם וַוארְט אִיךְ יֶעדְן טָאג, **שֶׁיָּבוֹא** אַז עֶר זָאל קוּמֶען.

13) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייבּ, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁתִּהְיֶה תְּחִיַּת הַמֵּתִים** אַז עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, **בְּעֵת שֶׁיַּעֲלֶה רָצוֹן מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דָאס טוּן, **וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים** אוּן עֶס וֶועט דֶערְהוֹיבְן וֶוערְן זַיין נָאמֶען פַאר אֵייבִּיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ שְׁנַת תשפ"ג)

# קְלָארֶע פּוּנְקְטְלִיכֶע טַייטְשׁ

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ מֶען זָאל זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צֶעטְלֶעךְ מִיט טַייטְשׁ אוֹיף חוּמָשׁ, רַשִׁ"י אוּן גְמָרָא.

אֲפִילוּ דֶער מְלַמֵד וֵוייסְט אַז עֶר קֶען דִי טַייטְשׁ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען יֶעדֶעס וָוארְט וֶוערְן אָפְּגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן אוּן דֶער מְלַמֵד כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי טַייטְשׁ וֶוערְטֶער וָואס פַאר אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן דִי צְוֵויי אָפְּטַייטְשְׁטְן - צֶעמִישְׁט דִי קִינְדֶער. צוּם בֵּייְשְׁפִּיל, אַז דֶער מְלַמֵד וֶועט אֵיין מָאל טַייטְשְׁן דָאס וָוארְט "מִצְרָיְמָה - קַיין מִצְרַיִם" אוּן דִי אַנְדֶערֶע מָאל: "מִצְרָיְמָה - צוּ מִצְרַיִם", וֶוערְן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר צֶעטוּמְלְט, בַּיי קִינְדֶער אִיז דָאס אַ גַאנְצֶע בַּארְג, זֵיי וֵוייסְן שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טַייטְשְׁן.

דֶערְפַאר דַארְפְן דִי מְלַמְדִים זֵיי מַאכְן דָאס גְרִינְגְסְטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקְסְטֶע, זִיךְ מְסַדֵר זַיין אָנְהֵייבּ וָואךְ אוֹיף אַ צֶעטְל מִיט דִי קְלָארֶע פִּינְקְטְלִיכֶע טַייטְשׁ, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען פָארְלֶערְנֶען.

דִי טַייטְשׁ צֶעטְלֶעךְ דַארְף אוֹיךְ נִישְׁט יֶעדֶער מְלַמֵד מַאכְן בַּאזוּנְדֶער, אַז אֵיינֶער הָאט עֶס שׁוֹין מְסַדֵר גֶעוֶוען זָאלְן אַלֶע נֶעמֶען פוּן אִים.

# אַרַיינְלֵייגְן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס כַאפְּן נִישְׁט וִוי חָשׁוּב זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז, מֶען טְרַאכְט: 'וָואס טוּ אִיךְ דֶען אוֹיף מִיט דִי קִינְדֶער?' - זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי שֵׁיין צִיצִית אִיז, וִוי שֵׁיין פֵּיאוֹת אִיז, וִוי שֵׁיין אַ קַאפְּל אִיז.

## אֵיידְל אִיז רֵיין, קְלַאסִיג אוּן שֵׁיין

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן אִין שׁוּלֶע צוּ דִי תַּלְמִידוֹת וִוי 'שֵׁיין' עֶס אִיז צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידוֹת וָואס זֶענֶען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, אוּן וֶוען זֵיי הֶערְן נָאר דֶעם וָוארְט "צְנִיעוּת" שְׁטֶעכְט זֵיי עֶס אִין אוֹיעֶר, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הֶערְן דֶעם וָוארְט "צְנִיעוּת", וַוייל אִין דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע שׁוּלֶע וואו זֵיי הָאבְן גֶעלֶערְנְט אִיז מֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעהַאקְט אִין קָאפּ אוֹיף אַ נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג: "צְנִיעוּת, צְנִיעוּת, צְנִיעוּת"... - דֶערְפַאר פְּרוּבִּיר אִיךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אוּן דִי בְּרִיוְון וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ נִישְׁט צוּ נִיצְן דָאס וָוארְט "צְנִיעוּת", אִיךְ זָאג עֶס אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ, אִיךְ רוּף עֶס אָן: "**מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, שֵׁיין אוּן רֵייךְ**", אַזוֹי גֵייט אַרַיין אִין אַלֶע תַּלְמִידוֹת אַז גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אִיז 'שֵׁיין, רֵייךְ אוּן קְלַאסִיג'.

## אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן אֵיידְל אוּן הָאבְן אַ שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאךְ

עֶס אִיז וִויכְטִיג פַּאר אַ מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין צוּצוּלֵייגְן אַן אוֹיעֶר צוּ דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל הֶערְן פוּן וָואס זֵיי רֶעדְן אוּן וִוי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן, אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן אֵיידְל.

אַז מֶען הֶערְט אַ קִינְד זָאגְט אִיבֶּער אַ דָזְשַׁאוּק וָואס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, זָאל מֶען אִים זָאגְן: "דִי דָזְשַׁאוּק אִיז נִישְׁט אַן אֵיידֶעלֶע דָזְשַׁאוּק".

אוֹיךְ דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ הָאבְן אַ שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאךְ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים נִיצְט מֶען נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער: "מְשׁוּגֶענֶער", "צֶעדְרֵייטֶער", "עֶקְלְדִיג", אָבֶּער וֶוען אִיךְ מַאךְ פֵּיאוֹת פַּאר מַיין דְרֵיי יֶערִיג קִינְד אוּן אִיךְ שִׁיק אִים אִין חֵדֶר, קוּמְט עֶר שׁוֹין נָאךְ צְוַויי טֶעג אַהֵיים אוּן שְׁרַייט אוֹיף דִי מַאמֶע: "מְשׁוּגֶענֶע!" וֶוער הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם וָוארְט?

דָאס הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים אִין כִּתָּה, וָואס בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים גֶעבְּט מֶען נִישְׁט אַזוֹי אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם, קִינְדֶער זָאגְן אִיבֶּער וָואס זֵיי הֶערְן אִינְדֶערְהֵיים, ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "**שׁוּתָא דְיָנוּקָא בְּשׁוּקָא**", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, "**אוֹ דַאֲבוּהַ אוֹ דְאִימֵּיהּ**", אָדֶער הָאט עֶר דָאס גֶעהֶערְט פוּן דֶער טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע.

עֶס נֶעמְט מִיר אַ שְׁטִיק צַייט אוֹיסְצוּלֶערְנֶען מַיינֶע קִינְדֶער אַז דִי וֶוערְטֶער נִיצְט מֶען נִישְׁט.

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין זָאלְן זִיךְ צוּהֶערְן ווִי אַזוֹי דִי קִינְדֶער רֶעדְן, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי גֶעשְׁמַאקֶערְהֵייט אַז מֶען קֶען נָאר רֶעדְן אֵיידְל אוּן שֵׁיין.

## דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן מֶען זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי לֶערֶערִינְס פוּן 'בֵּית פֵּיגָא' אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז אוּנְזֶער שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע 'בֵּית פֵּיגָא' אִין אַמֶעריקֶע הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַזוֹי ווִי דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זֶעט מֶען דִי פֵּירוֹת, דִי תַּלְמִידוֹת פוּן 'בֵּית פֵּיגָא' לֶעבְּן אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶע לֶעבְּן.

אִין אַמֶעריקֶע זֶענֶען דִי מֵיידְלֶעךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְנוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס, אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ וָואלְטְן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, מֶען הָאט חֲתוּנָה נָאר 'וַוייל יֶעדֶער הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה'... קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט זַיין דִי 'עֶרְשְׁטֶע כַּלָּה' פוּן כִּתָּה, וֶוען מֶען טְרָאגְט אָן אַ שִׁידוּךְ וֶוערְט תִּשְׁעָה בְּאָב אִינְדֶערְהֵיים, מֶען הֵייבְּט אָן וֵויינֶען, מֶען ווִיל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, דִי 'צְווֵייטֶע כַּלָּה' פוּן כִּתָּה אִיז שׁוֹין גְרִינְגֶער מַסְכִּים צוּם שִׁידוּךְ, וַוייל זִי הָאט שׁוֹין אֵיין חַבֶרְ'טֶע וָואס אִיז שׁוֹין אַ כַּלָּה, אוּן דִי לֶעצְטֶע מֵיידְל וֵויינְט שׁוֹין יָא אַז זִי ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, "וַוייל יֶעצְט הָאט שׁוֹין 'יֶעדֶער' פוּן אִיר כִּתָּה חֲתוּנָה גֶעהַאט"...

אַזוֹי גֵייט עֶס אוֹיךְ וַוייטֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דִי פְּרוֹי אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס, דֶער מַאן טְרֶעפְט

נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מוּז עֶר זִיךְ זוּכְן חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען עֶר זָאל קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיי אוּנְז גְרֵייט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי בַּת מִצְוָה, בַּיי דִי צְוֶועלְף דְרַייצְן יָאר צוּם אֱמֶת'ן לֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה בַּיי דֶעם עֶלְטֶער, אָבֶּער מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן דֶעם, מֶען זָאגְט זֵיי אַז חַבְר'טֶעס אִיז פּוּנְקְט גוּט אַמָאל אַמָאל זִיךְ צוּ טְרֶעפְן וְכוּ', דֶער עִיקָר זָאלְן זֵיי וִויסְן אַז עֶס קוּמְט אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע לֶעבְּן, מִיט אַ מַאן אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; אַלֶע קִינְדֶער וַוארְטְן שׁוֹין אוֹיף דֶעם, זֵיי ווִילְן שׁוֹין אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם שֵׁיינֶעם אֱמֶת'ן לֶעבְּן.

## רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דִי טַייעֶרֶע מְלַמְדִים, מֶען מוּז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, פוּן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג; פוּן נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ'ן אוֹת הַבְּרִית.

מֶען דַארְף עֶס זָאגְן מִיט אַ בְּרֶען, מִיט אַ פֵייעֶר, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶערְ'ס הֶערְצֶער. וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם רֶעדְט מֶען נִישְׁט מִיט רְמָזִים, נָאר מֶען זָאגְט קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ מִיט אַ פֵייעֶר: **"מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ", "מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ".**

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז שַׁבָּת צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר פַארְן דַאוְוענֶען, עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן דִי מוֹסָד וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אִינְמִיטְן דַאוְוענֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר אַז נָאכְ'ן דַאוְוענֶען בַּיים שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' גֵיי אִיךְ מַאכְן אַ גַאנְצֶע דְרָשָׁה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִירְט אַז אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן.

אַסַאךְ מָאל גְרֵייט אִיךְ זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן פוּן אַן עִנְיָן אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּם רֶעדְן, רֶעד אִיךְ אִינְגַאנְצְן פוּן אַן אַנְדֶערֶע עִנְיָן,

מֶען רֶעדְט אַלְץ לויט דִי דַּעַת פוּן דִי מְקַבְּלִים; זֶעט אוֹיס וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפִיל מְלַמְדִים בַּיים שִׁיעוּר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מְלַמֵד: "דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה", הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז אִין דֶעם מוֹסָד וואוּ עֶר אִיז אַייְנְגֶעשְׁטֶעלְט הַאלְט מֶען פוּן דֶעם פַארְדְרֵייטְן שִׁיטָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה אוּן אוֹיבּ עֶר גֵייט וַוייטֶער רֶעדְן גֵייט מֶען אִים אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן דֶעם מוֹסָד, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "מֶען מוּז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה!" - יֶעצְט זָאגְט עֶר מִיר אַז מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן צוּלִיבּ דֶעם.

עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן אַזַא זַאךְ, מֶען וַוארְפְט אַרוֹיס אַ מְלַמֵד וָואס זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ?! וָואס הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזָאגְט?! עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט דָאס נִישְׁט טוּן אוּן מֶען דַארְף זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן!

מִיר פָאלְגְן דִי צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, מִיר גֵייעְן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ח): "**צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן**"; אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְדִים, מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן מְנִיָּולִים[מג].

---

**מג.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דֶעם עִנְיָן:

**הָאבּ אִיךְ רִיכְטִיג גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, בְּעִיקָר דִי הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, דָאס גֶעשְׁמַאק אִין אִידִישְׁקֵייט, זַיין פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד אוּן נָאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן שְׁרַייבְּן אוּן זָאגְן.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ הֶער פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, טוּ אִיךְ אַזוֹי, אִיךְ רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, פָארִיגֶע וָואךְ וֶוען אִיךְ

הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, הָאט אַ אִינְגְל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְּרֶעגְט פַארְוָואס עֶר וֵויינְט? הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט עֶר טוּט דִי עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען גֵייט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר נָאכְאַלְץ גֶעוֵויינְט בְּעֶרֶךְ 10 מִינוּט, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן. אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דוּ לֶערְנְסְט דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם, קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה. לֵיידֶער אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ שִׁיטָה בַּיי מְחַנְּכִים, נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן קְדוּשָּׁה; דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט. ווִי אַזוֹי זָאלְן קִינְדֶער ווִיסְן פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן קְדוּשַּׁת הַיְּסוֹד, קְדוּשַּׁת הַבְּרִית?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ תַּקָּנָה אִין זַיינֶע מוֹסְדוֹת אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, פוּן נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן בְּרִית, נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן חַס וְחָלִילָה אַ צְווֵייטֶער זָאל קוּמֶען אָנְרִירְן.

עֶס אִיז דָא אָפְּגֶעכַאפְּטֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן אֲסִיפוֹת מְלַמְּדִים, ווִי רַבָּנִים, דַּיָּנִים אוּן מְלַמְּדִים טַעֲנָה'ן זִיךְ מִיטְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זֵיי פְּרֶעגְן: "אֶפְשָׁר זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נִישְׁט בִּכְלָל פוּן וָואס מֶען רֶעדְט, וָואס דַארְפְן זֵיי יֶעצְט אוֹיסְגֶעפוּנֶען פוּן דֶעם נִסָּיוֹן?" הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאךְ בִּיז אַפָּאר יָאר ווִיסְן דֶערְפוּן, דַארְף מֶען זֵיי אָנְגְרֵייטְן זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג, נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְמַאנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט אִין בָּבֶל וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט צְווֵיי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים אִין דִי יָארְגֶענְג פוּן אַכְצְן בִּיז צְוָואנְצִיג יָאר, נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵּד, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד

# נישט קלעבן
# איינער צום צווייטן

אויך דארף מען אכטונג געבן אז די קינדער זאלן זיך נישט קלעבן איינער צום צווייטן. עס איז דא קלעבעדיגע קינדער וואס זיצן אדער ליגן שטענדיג איינער אויפ'ן צווייטן, דער מלמד דארף דאס דערשמעקן צי דאס קומט פאר צווישן קינדער אין זיין כתה, און ער זאל דאס אויסלערנען, מען קען נישט שלאגן קיין קינדער דערויף, אבער אז מען זעט א קינד לייגט זיך אראפ אויף אן אנדערע קינד, זאגט מען אים: "טו דאס נישט, דאס איז נישט איידל!"

---

איז שוין געשטארבן, אזוי אויך זענען געשטארבן זיין ווייב און קינדער און אלע תלמידים, עס זענען איבערגעבליבן בלויז עטליכע יונגע תלמידים, איך האב אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען, פארוואס דער מלמד מיט זיין משפחה מיט די תלמידים זענען געשטארבן, איז געקומען צו מיר א מלאך פון הימל און געפרעגט: אליהו, פארוואס ווייַנסטו? האב איך אים געענטפערט: צי דען זאל איך נישט וויינען, אז די אלע זענען געשטארבן...? ואמר לי: "לא יפה עשית שאתה בוכה ומתאבל ומתאנח עליהם", האט מיר דער מלאך געזאגט: וויין נישט אליהו, אמרתי לו: "מפני מה?" ואמר לי: "שהן היו עושין דברים מכוערים ודברים שאינן ראויין, ומקולקלין בעצמם, והיו מוציאין שכבת זרע חנם והן לא היו יודעין בעצמן שהמיתה משיגתן", זיי האבן געטון שמוציגע מעשים, זיי האבן געטון עבירות איינער מיטן צווייטן; האט דער הייליגער רבי זכותו יגן עלינו פון סאטמער אויסגעפירט: "זעט מען פון דעם אז עס ליגט א חוב אויף די מלמדים זיי זאלן לערנען מיט די קינדער די הארבקייט פון פוגם זיין בברית".

זייער גוט האסטו געטון אז דו האסט גערעדט צום קינד פון תשובה, אזוי דארף מען אלץ טון, מען דארף רעדן פון די הארבקייט און פון עונשים, און מען מוז ענדיגן מיט א וועג צו קענען זיין גוט, מען ענדיגט מיט די גרויסקייט פון תשובה, ווען מען זאגט דעם אייבערשטן: "איך גיי זיין גוט, איך גיי זיין וואויל" - איז דער אייבערשטער מוחל.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן הצלחה און סייעתא דשמיא, זאלסט מצליח זיין מיט דיינע קינדער און דיינע תלמידים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בא שנת תשפ"ב)

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶּוענְט פַּארְן עָמוּד זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען קִינְדֶער נֶעבְּן מִיר בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעקְלֶעבְּט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער דָאס טוּט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'וואוּ זֶענֶען זֵייעֶרֶע טַאטֶע'ס?' פַאר מַיין קִינְד וָואלְט אִיךְ גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן אַ קְלֵיין קִינְד פוּן צְוֵויי דְרֵיי יָאר, מֶען רֶעדְט פוּן פִיר פִינְף יֶערִיגֶע קִינְדֶער, אִין דֶעם עֶלְטֶער זָאג אִיךְ שׁוֹין פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: "**שֶׁעפֶּעלֶע, דוּ קֶענְסְט שְׁטֵיין אַלֵיינְס, קְלֶעבּ זִיךְ נִישְׁט מִיט אַן אַנְדֶערֶער קִינְד**", מֶען דַארְף הַאלְטְן אַן עַיִנָא פְּקִיחָא אוֹיף דֶעם.

## אַ וֶועג וְוִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט

אִיר דַארְפְט זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', וֶוען מֶען זָאגְט מוּסָר דַארְף מֶען עֶס זָאגְן זֵייעֶר זֵייעֶר וֵוייך.

אִיךְ גֶעדֶענְק אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תְּקוּפָה וָואס אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, בִּין אִיךְ אֵיין מָאל גֶעשְׁטַאנֶען אִין גַאס נָאכְ'ן לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן, אוּן אִיךְ זֶע צְוֵויי בָּחוּרִים מִיט אַ גְרוֹיסֶע טְשׁוּפּ אוֹיפְ'ן קָאפּ זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, מַיין קָאפּ הָאט נָאךְ גֶעטְרַאכְט אַזוֹי וִוי מֶען טְרַאכְט וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק, הָאבּ אִיךְ אַזוֹי אוּמְוֶועלְנְדִיג גֶעטְרַאכְט: "זֵיי זֶענֶען שְׁקָצִים!" הֶער אִיךְ וִוי אֵיינֶער פוּן דִי חֲבֵרִים רוּפְט זִיךְ אָן: "אוֹי, דָאס הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס, דֶער בָּחוּר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזַא רַחְמָנוּת!"

וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, 'וָואס הֵייסְט דָאס הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר אִים? אִיז עֶר דֶען אַ אִיד?... עֶר אִיז דָאךְ אַ שֵׁיגֶעץ!' אִיךְ קֶען עֶנְק דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וַוייל עֶטְץ זֶענְטְס שׁוֹין מְקוּרָב, אֶפְשָׁר גֶעדֶענְקְט עֶטְץ שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען טְרַאכְט אָן דֶעם רֶבִּי'ן. מֶען טְרַאכְט: 'יֶענֶער אִיז אַ שֵׁיגֶעץ! אַ שִׁיקְסֶע! אַ רָשָׁע! אַ פְּרִיצָה!' אָבֶּער וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן זֶעט מֶען שׁוֹין אַנְדֶערֶע זַאכְן, הַיינְט זֶע אִיךְ שׁוֹין אַ אִיד, אַ נְשָׁמָה.

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיךְ דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן שֵׁיין מַאכְן, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אַז יֶענֶער קוּמְט לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער מוֹסָד, מֶען קֶען אִים נִישְׁט דֶערְוֶוערְגֶען (צְווִינְגֶען מִיט גֶעוַואלְד) נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶערְוֶוערְגֶען הֶעלְפְט נִישְׁט, מֶען דַארְף נִיצְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אַז יֶענֶער זָאל עֶס אָנְנֶעמֶען.

אַ אִיד אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף זַיין זוּן, עֶר זָאגְט מִיר אַז זַיין זוּן דְרֵיידְט זִיךְ בַּיי מִיר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שִׁיךְ וְכוּ׳, עֶר אִיז זִיכֶער אַז זַיין וַוייבּ מַאכְט אִים נִישְׁט עֶרְלִיךְ, אוּן מֶען דַארְף שׁוֹין מַאכְן אַ גֶט!

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: ״דַיין זוּן אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, אוּן זַיין וַוייבּ אִיז אַ טֵייעֶרֶע פְּרוֹי, וַוארְט צוּ אַבִּיסְל, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין״, אִיךְ הָאבּ אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען, מֶען רֶעדְט דָאךְ נִישְׁט אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַ לֵץ, אַ מְנִוָּול, עֶר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה חַס וְשָׁלוֹם, אָדֶער זֵיי מַאכְן חָרוּב אַנְדֶערֶע, דֶער פַּאל אִיז אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ ׳קַטְנוּת הַמּוֹחִין׳ פוּן זֵיי, אוּן אַז מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ זֵיי שֵׁיין, מֶען וֶועט אַבִּיסְל וַוארְטְן, וֶועלְן בֵּיידֶע וֶוערְן בֶּעסֶער.

זָאגְט מִיר דֶער טַאטֶע: ״נֵיין, עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז אַ הִירוּס הַדָּת!״ זָאג אִיךְ אִים, אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶער וֶועג; אִיךְ זֶע וִוי עֶר קוּמְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר טוּט אָן תְּפִילִין, עֶר זָאגְט מִשְׁנָיוֹת, אוֹיבּ אִיז עֶר אַ ׳מְהָרֵס׳ אוּן אַ ׳פּוֹרֵק עוֹל׳ פַארְוָואס זָאגְט עֶר מִשְׁנָיוֹת?! אַ ׳מְהָרֵס׳ אוּן אַ ׳פּוֹרֵק עוֹל׳ דַארְף נִישְׁט קַיין מִשְׁנָיוֹת! אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר סִיוּמִים וָואס זַיין וַוייבּ מַאכְט אוֹיף סֵפֶר תְּהִלִּים, וָואס קֶען זַיין מִיט אִיר? אַ ׳שִׁיקְסֶע׳ זָאגְט נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים! - דָאס גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען, אַז זִי עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים הָאט זִי אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה. עֶס קוּמְט בְּלוֹיז פוּן ׳קַטְנוּת הַדַּעַת׳, זֵיי מֵיינֶען אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְּרֵיילִיךְ, וַוארְט אַבִּיסְל, אוּן קוּק גוּט אוֹיף זֵיי, וֶועט זִיךְ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אַלֶעס טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

## אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן גֶעווֹאוּנֶען גוֹרָלוֹת

מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן זִיכֶער מַאכְן אַז יֶעדֶעס קִינְד גֶעווֹאוּנְט פוּן צַייט צוּ צַייט, נִישְׁט נָאר דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְן

'מַזָל' צוּ גֶעוואוּנֶען גוֹרָלוֹת. אִיךְ הָאבּ דָאס לֶעצְטְנְס גֶעזָאגְט פַאר'ן מְלַמֵד וָואס פִירְט אָן דִי 'אָבוֹת וּבָנִים' פְּרָאגְרַאם אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אַז עֶר דַארְף זֶען יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס קוּמְט צוּ דִי אָבוֹת וּבָנִים זָאל גֶעוואוּנֶען.

אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּנֶען קַיין גוֹרָלוֹת, פוּן דִי צְוֵויי יָאר בִּיז מַיין חֲתוּנָה, מַיין נָאמֶען אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֶעקוּמֶען בַּיי קַיין שׁוּם גוֹרָל, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעוואוּסְט אַז אַ 'גוֹרָל' הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, אִיךְ גֵיי נִישְׁט גֶעוואוּנֶען, יֶעדֶער גֶעוואוּנְט טַייעֶרֶע זַאכְן, מַתָּנוֹת אוּן סְפָרִים אוּן נָאר מַיין נָאמֶען קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס.

אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶענוּמֶען צוּם הַארְצְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוֵויינְט, וַוייל מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אִינְדֶערְהֵיים אַזוֹיפִיל לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז מֶען נֶעמְט מִיר עֶפֶּעס צוּ, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וָואס מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן גֶעטְרַאכְט...

## גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַ מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר מְלַמְדִים: דוּ בִּיסְט פָּטוּר פוּן גֵיין צוּ שִׂמְחוֹת! אוֹיבּ דַיין טַאטֶע מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד - זָאלְסְטוּ גֵיין, אָבֶּער אַז דַיין חַבֵר אָדֶער אַ בַּאקַאנְטֶער מַאכְט חֲתוּנָה, וֶוענְדְט זִיךְ, אוֹיבּ אִיז דִי חֲתוּנָה נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ, קֶענְסְטוּ אַרַיינְגֵיין וואוּנְטְשְׁן "מַזָל טוֹב", אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶס וַוייט פוּן דַיין הוֹיז - גֵיי שְׁלָאפְן!

מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי הָאסְטוּ אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ דַארְפְסְט זִיצְן מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, מִיט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

## אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת

כְּדֵי אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם

און מִיטְטֵיילְן זַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן.

צום בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען אַ קִינְד רֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן, און דֶער מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צו טוּן, זָאל מֶען גֵיין פְּרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת וָואס צו טוּן, און אַז זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ נִישְׁט ווִיסְן ווִי אַזוֹי דָאס צו הַאנְדְלֶען, קֶען מֶען מִיר שְׁרַייבְּן און פְּרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ אִין דֶעם פַּאל.

## מְחַנְכִים און עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען

אַ ווִיכְטִיגֶע כְּלַל אִין 'חִינוּךְ' אִיז אַז דִי מְחַנְכִים און עֶלְטֶערְן זָאלְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען.

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְּנְט אוּנְזֶער מוֹסָד אִין אַמֶערִיקֶע הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקַייטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַסַאךְ זַאכְן וָואס הָאט מִיךְ גֶעשְׁטֶערְט, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶענוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵייעֶר פֵיינֶע מִשְׁפָּחוֹת, אָבֶּער בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים הָאט מֶען גֶערֶעדְט וֶועגְן דִי נוֹשֵׂא פוּן הָאבְּן קִינְדֶער. בְּעֶצֶם אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶס, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה צו רֶעדְן וֶוען עֶס גֵייט זַיין אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס יֶעדֶעס מָאל פַאר עֶס גֵייט זַיין אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה רֶעדְט מֶען דֶערְפוּן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, גְרוֹיס און קְלֵיין, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט קִינְדֶער.

הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט מִיט דִי מְלַמְדִים אַז וֶוען זֵיי הֶערְן קִינְדֶער רֶעדְן פוּן קוּמֶענְדִיגֶע שִׂמְחוֹת זָאל מֶען עֶס דֶערְשְׁטִיקְן, נִישְׁט אַז דֶער קִינְד אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁיגֶץ וַוייל עֶר רֶעדְט דֶערְפוּן, חַס וְחָלִילָה, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי "שֵׁיגֶץ", "שִׁיקְסֶע", נָאר מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל צו רֶעדְן פוּן דֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער"**, און אַזוֹי הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן דֶערְפוּן.

אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער מֹחַ קֶען מֶען נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג פַארְדְרֵייעֶן, וַוייל עֶר ווִיל נָאר וַוייטֶער רֶעדְן און טְרַאכְטְן פוּן זַאכְן וָואס מֶען

לאָזְט אִים נִישְׁט רֶעדְן, אָבֶּער אַ קִינְדְ'ס מֹחַ אִיז נָאךְ זֵייעֶר גְרָאד, עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ פַארְדְרֵייעֶן אוּן אָפְּשְׁטֶעלְן אַ קִינְדְ'ס מֹחַ, מֶען זָאגְט פַארְן קִינְד: "**מֶען דַארְף רֶעדְן אֵיידְל!**" אַזוֹי וֶוערְט דִי גַאנְצֶע נוֹשֵׂא דֶערְשְׁטִיקְט אוּן מֶען רֶעדְט מֶער נִישְׁט דֶערְפוּן.

אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ רֶעדְן נָאר צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, מֶען דַארְף אוֹיךְ שֵׁיינֶערְהֵייט רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין שְׁטוּב פוּן דֶעם נוֹשֵׂא, וַוייל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוערְן פוּן דֶעם צֶעמִישְׁט[מד].

---

**מד.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן:

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען רֶעדְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ה שׁוֹבָבִי"ם, כ"א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְּנְט אוּנְזֶער מוֹסָד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ זַאכְן וָואס הָאט מִיךְ גֶעשְׁטֶערְט. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן זֵייעֶר גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט דִי זַאכְן מִיט דִי קִינְדֶער; בְּעֶצֶם אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה צוּ רֶעדְן וֶוען עֶס גֵייט זַיין אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַז וֶוען זֵיי הֶערְן קִינְדֶער רֶעדְן פוּן קוּמֶענְדִיגֶע שִׂמְחוֹת זָאל מֶען פַארְדְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס אוּן שֵׁיינֶערְהֵייט רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם וַוייל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט.

דֶער אִינְגֶערְמַאן ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, הַלְוַאי זָאלְן מִיר הָאבְּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט. אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר זָאל צוּלֵייגְן קָאפּ פַאר עֶר רֶעדְט דִי זַאכְן אִין שׁוּל, אוֹיבּ שְׁטֵייעֶן דָארְט אִינְגְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים.

הָעִקָּר בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, וַוייל אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קוּמְט מֶען אָן צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ

עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן מִיט זֵיי.

מֶען רוּפְט אַרָאפּ דִי מִשְׁפָּחָה אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ, מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז אוּנְזֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר פִירְן דִי מוֹסָד, יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ פִירְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ וִוי אַזוֹי זֵיי ווִילְן, אָבֶּער אַ מוֹסָד מוּז נֶעמֶען אַ גֶעוִויסֶע גַאנְג וִוי אַזוֹי עֶס זָאל זִיךְ פִירְן, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זֶען נִישְׁט אַוֶועקְצוּמַאכְן אָדֶער זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע.

דֶער מְלַמֵד פוּן טְבֶרְיָה שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדְן טָאג אַ בְּרִיוו מִיט אַ בַּארִיכְט וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר פוּן טְבֶרְיָה, יֶעדֶעס מָאל הֵייבְּט עֶר אָן דִי בְּרִיוו מִיט דֶעם לָשׁוֹן: **"לְכָבוֹד הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה, הַמַדְרִיכֵינוּ בְּדֶרֶךְ אֱלֹקִים חַיִים"**, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶער אוֹיסְדְרוּק צוּ נִיצְן וֶוען מֶען ווִיל רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן, מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר אַז מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט מַאכְן אַ מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן פּוּנְקְט וִוי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט,

---

לִי רַחֲמָנוּת גָדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְמִים אֶת דְבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִהְיֶה הָאָדָם מֻנָח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵם אֶת דְבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְמִים אֶת דְבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַרְגָא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן?! וֶוען אִיךְ וָואלט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה שְׁנַת תשפ"ג)

אוֹיסֶער אוֹיבּ דִי מוֹסָד אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער... אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם עֶטְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער אַן אַנְדֶערֶע שְׁנִיט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל עֶס זָאל זִיךְ פִּירְן, פַּאר דֶעם בַּאדֶערְט דָאס אוּן פַּאר דֶעם בַּאדֶערְט יֶענְץ, דֶער ווִיל אַזוֹי אוּן יֶענֶער ווִיל אַנְדֶערְשׁ, דֶערִיבֶּער מוּז דִי מוֹסָד נֶעמֶען אַ שְׁנִיט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִּירְן, אוּנְזֶער מוֹסָד הָאט אֵיינֶער וָואס אִיז אוּנְז 'מַדְרִיךְ בְּדֶרֶךְ אֱלֹקִים חַיִּים', אוּנְזֶער מוֹסָד פִּירְט זִיךְ אוֹיפְ'ן שְׁנִיט ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אוּנְז מַדְרִיךְ, וֶוער עֶס ווִיל דָא שִׁיקְן דִי קִינְדֶער, מוּז זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מִיר פַּארְלַאנְגֶען.

## אוֹיף וֶועלְכֶע זַאכְן דַארְף מֶען פָארְהַאלְטְן קִינְדֶער?

מֶען דַארְף זַיין קְלָאר אוֹיף וָואס מֶען זָאל פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד אוּן אוֹיף וָואס נִישְׁט, אוּן בַּיי יֶעדֶע סָפֵק זָאלְט עֶטְץ פְּרֶעגְן.

אִין דִי מוֹסָד וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט הָאט מֶען פָארְגֶעהַאלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמְט קִינְדֶער וֶוער זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט גְלֶעזֶער, - בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן גְלֶעזֶער.

אָבֶּער עֶס אִיז דָא זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען מוּז זִיךְ יָא שְׁטֶעלְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִין בֵּית פֵּיגָא אִין אַמֶערִיקֶע אַז אַ תַּלְמִידָה קוּמְט מִיט לַאנְגֶע הָאר, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז צַאמְגֶענוּמֶען (מִיט אַ פָּאנִי), זָאגְט מֶען אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט אַז זִי זָאל זִיךְ שְׁנַיידְן דִי הָאר; מִיט שֵׁיינֶעם פּוֹעֵלְ'ט מֶען.

## חִינוּךְ אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּבְ'עֶר פוּן אַלֶעס

בַּיי מִיר זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע אוּן חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ. אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז עֶטְץ וֶועטְס מִיר שְׁרַייבְּן בְּרִיוָון.

אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוָון פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט מִיר

נִישְׁט", אִיךְ עֶנְטְפֶער: "שְׁרַייבּ נָאכְאַמָאל", וַוייל אִין אִימֶעיל גֵייט עֶס אַז דִי נֵייעֶ בְּרִיוְון גֵייט פוּן אוֹיבְן אוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע בְּרִיוְון פַאלְן אַרָאפּ אוּנְטְן, אִיז בִּשְׁעַת אִיךְ הֵייבּ אָן לֵיינֶען בְּרִיוְון קוּמְט כְּסֵדֶר אָן פְרִישֶׁע בְּרִיוְון, קוּם אִיךְ נִישְׁט אָן צוּ לֵיינֶען אַלֶע בְּרִיוְון, דַארְף מֶען אִיבֶּער שִׁיקְן דִי זֶעלְבֶּע בְּרִיו נָאכְאַמָאל, אוֹיךְ פָּאר אִיךְ אַסַאךְ מָאל אַוֶועק אִין שְׁטֶעטְל, קוּמְט אוֹיס אַז דֶעם טָאג לֵיין אִיךְ נִישְׁט קַיין אֵיין בְּרִיו, אוּן בִּכְלַל בִּין אִיךְ קוּים אִין אָפִּיס, אִיךְ הָאבּ דָאךְ מַיינֶע צַייטְן וָואס אִיךְ בִּין אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ לֶערְן פָאר שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, דִי גַאנְצֶע קוּנְטְרֵס 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ, אִיז פוּן דָאס בִּיסְל צַייט וָואס אִיךְ כַאפּ זִיךְ אַרוֹיס צוּ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיו דָא אוּן אַ בְּרִיו דָארְט, אוּן אִיךְ לוֹיף גְלַייךְ צוּרִיק צוּ דִי בָּחוּרִים.

אָבֶּער פַאר מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וֶועל אִיךְ יָא פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן צַייט צוּ לֵיינֶען אוּן עֶנְטְפֶערְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת, וַוייל חִינוּךְ אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּבֶ'ער פוּן אַלֶעס.

## שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז אַ בָּחוּר:** דוּ זָאלְסְט זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר לֶעבְּט אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ, דֶער לֶעבְּט אָן קַיין שִׂמְחָה; זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן בִּזְכוּת וָואס דוּ טוּסְט פַארְן רֶבִּין, אוּן דוּ בּוֹיעֶסְט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועסְטוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

## אוֹיסְנִיצְן דִי פַארְמִיטָאג שָׁעָה'ן

דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר פוּן יְשִׁיבָה קְטַנָּה הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוֹיבּ אַ שָׁעָה אִיז צוּ לַאנְג פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אַ שָׁעָה פְּרִישְׁטָאג אִיז זֵייעֶר לַאנְג פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים.

אִין דִי פַארְמִיטָאג שָׁעָה'ן דַארְף מֶען מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר הַלִימוּד; דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה קְטַנָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט אַ שָׁעָה פְּרִישְׁטָאג.

נָאכְמִיטָאג קֶען מֶען שׁוֹין לָאזְן לֶענְגֶער פְּרֵיי, דִי בָּחוּרִים קֶענֶען שׁוֹין דֶעמָאלְט הֶעלְפְן מִיט וָואס זֵיי קֶענֶען, אָבֶּער אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אַזוֹיפִיל צַייט אוּמְזִיסְט.

דִי בָּחוּרִים דַארְפְן טַאקֶע נִישְׁט זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ 'דְרֵיי אוּן אַ הַאלְבּ שָׁעָה' אוּן לֶערְנֶען, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי לַאנְג אִין אֵיין צִי, אָבֶּער מֶען פְּרוּבִּירְט אָנְצוּפִילְן דִי צַייט; מֶען גֵייט אַרוֹיף צוּם שִׁיעוּר, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּרִיק אַרָאפּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּרִיק אַרוֹיף אוּן מֶען לֶערְנְט פָאר אַ בְּרִיוו וְכַדוֹמֶה, אַזוֹי פִילְט מֶען אָן דֶעם טָאג.

אַ בָּחוּר וָואס אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער מוּז זִיךְ שׁוֹין אַלֵיינְס אוֹיסְלֶערְנֶען וֶוען צוּ קוּמֶען אוּן וֶוען צוּ גֵיין, אָבֶּער פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים מוּז מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ בַּאזוּכְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן כֹּחַ אוּן חִיזוּק אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.



## פֶּרֶק ח׳

# דִיסְצִיפְּלִין אָן שְׁרֶעק

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בֹּא,
שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע״א

זכות הפרק נתנדב ע״י

מו״ה
**יואל מענדלאוויטש**
הי״ו

# דִּיסְצִיפְּלִין אָן שְׁרֶעק



## אַ זְכִיָה מְחַזֵּק צוּ זַיין דִּי מְחַנְּכִים

אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט, אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן מֶער חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים, אָבֶּער אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן.

אִיךְ פְּרֶעג אַלְץ דִּי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֶוער עֶס קֶען מִיר בָּארְגְן אַ שָׁעָה, צְוֵוי, דְרֵיי... וֶוען אִיךְ זֶע אַ בָּחוּר וָואס קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זַיין צַייט, פְּרֶעג אִיךְ אִים: ״אֶפְשָׁר בָּארְגְסְטוּ מִיר צֶען מִינוּט?״... אִין דִּי צֶען מִינוּט קֶען אִיךְ אַרַיינְכַאפְּן צוּ שְׁרַייבְּן נָאךְ אַ תּוֹרָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן מִיטְן פֵּירוּשׁ ״שִׂפְתֵי תִפְתָּח״, אָדֶער נָאךְ אַבִּיסְל פוּנֶעם פֵּירוּשׁ ״חָזִית אִישׁ״ אוֹיף זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט מִיר יָא אוֹיס אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אַוֶועקְכַאפְּן אִינְמִיטְן מַיין פַארְנוּמֶענֶעם סֵדֶר הַיּוֹם, אַרָאפְּ גַנְבְ׳עֶנֶען אַ צֶען פוּפְצְן מִינוּט, צוּ מְחַזֵּק זַיין דִּי מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אִיז עֶס פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

## אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ גוּטֶע חִינּוּךְ אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן שׁוֹין מוֹסְדוֹת אִין עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער; אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוּן אִין יְרוּשָׁלַיִם.

פָּארִיגֶע וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּנְזֶער מוֹסָד, וָואס זָאל אִיךְ עֶנְק זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִּי מוֹסָד דָארְט, עֶס הָאט מִיר צוּרִיק

גֶעבְּרֶענְגְט אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת, וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְּנְט דִי בֵּית פֵּיגָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, עֶס הָאט מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעקוּקְט דִי זֶעלְבֶּע, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְּנְט דִי שׁוּלֶע 'בֵּית פֵּיגָא' אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג הָאבְּן מִיר עֶס גֶעעֶפְּנְט אִין אַ בֶּעיסְמֶענְט פוּן אַ דִירָה, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט צְווֵיי לֶערֶערִינְס, דִי הַיינְטִיגֶע מְנַהֶלֶת אוּן אַ מֵיידְל, בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּבִּיסְלֶעךְ שְׁנַיידְט מֶען שׁוֹין הַיינְט דִי פֵּירוֹת, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַזַא שֵׁיינֶע קְהִילָה.

דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דָא אִין דִי מוֹסָד בִּיז זֵייעֶר חֲתוּנָה, זֶענֶען אַן עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי.

יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדְן דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין, אָבֶּער אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ.

## גֶעשֶׁעדִיגְט דִי מֹחַ פוּן אַ קִינְד

אִיךְ ווִיל הַיינְט רֶעדְן פוּן אַן עִנְיָן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַמָאל גֶערֶעדְט דֶערְוֶועגְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל אִיךְ דָאס נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין.

פָּארִיגֶע זוּמֶער זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מִשְׁפָּחָה וָואס זֶענֶען פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים[מה], זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעווֵיינְט, אִיךְ פְּרֶעג זֵיי: "וָואס גֵייט פָּאר?" דֶערְצֵיילְן זֵיי אַז זֵייעֶר קְלֵיינֶע טָאכְטֶער גֵייט אִין אַ גְרוֹיסֶע מוֹסָד אִין בָּארָא פַּארְק, פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק אִיז זִי מַמָּשׁ גֶעוָוארְן גֶעדֶעמֶעדְזְשְׁט [גֶעשֶׁעדִיגְט], נִישְׁט 'בְּרוּחָנִיּוּת', נָאר עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אִיר מֹחַ.

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי דָאס אִיז גֶעשֶׁען, ווַייל קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן דָאךְ נִישְׁט אַלֶעס אִיבֶּער וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין שׁוּלֶע, יֶעצְט זֶענֶען זֵיי גֶעוָואוֹיר גֶעוָוארְן דִי מַעֲשֶׂה, יֶענֶע לֶערֶערִין הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְלֶערְנֶען אִיר טָאכְטֶער צוּ זַיין דֶרֶךְ

---

**מה.** וָואס מֵיינְט 'פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים?' - שְׁטִילֶערְהֵייט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין לַאנְג מְקוּרָב, זֵיי הֶערְן שׁוֹין אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן הַאטְלַיין פַאר לַאנְגֶע יָארְן, נָאר יֶעצְט זֶענֶען זֵיי מְקוּרָב גֶעוָוארְן אָפְּן, דֶער מַאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים, אוּן דִי פְּרוֹי צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּמֶען.

אֶרֶץ'דִיג, הָאט זִי אִיר אַרַיין גֶענוּמֶען אִין אַ טוּנְקֶעלֶע בּוֹילֶער רוּם[מו], אוּן אִיר דֶערְשְׁרָאקְן אַז זִי גֵייט בַּאקוּמֶען גֵיהִנּוֹם!

אֲפִילוּ וֶוען דִי בּוֹילֶער רוּם וָואלְט גֶעהַאט לֶעקְטֶער - אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג פַּאר קִינְדֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אָן לֶעקְטֶער! קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם שְׁטוּבּ, מֶען זֶעט דָארְט מַאשִׁינֶען מִיט פֵּייפְּס (רֶערְן), עֶס בְּרֶענְט דָארְט אַ פֵייעֶר, עֶס אִיז פוּל מִיט מַייז שְׁמוּץ, מַייזְן לוֹיפְן דָארְט אַרוּם, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה צוּ זַיין אִין אַזַא שְׁטוּבּ, אֶפְשָׁר מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן גְלַייכְן אַהִין צוּ גֵיין.

זַייט דֶעמָאלְט הָאט דָאס קִינְד גֶעכַאפְּט אַ שְׁוַוייגֶענִישׁ, זִי אִיז אַרַיין אִין אַ פַּחַד, אִין אַ פַאְרמַאכְטְקֵייט.

עֶס אִיז גֶעלוּנְגֶען פַּאר דִי לֶערֶערִין צוּ מַאכְן סֵדֶר אִין קְלַאס, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין 'דִיסְצִיפְּלִין', דָאס אִיז 'פַארְמַאכְן דִי קִינְדֶער', עֶס אִיז שוֹין אַרִיבֶּער דְרֵיי יָאר אוּן דָאס קִינְד אִיז נָאכְאַלְץ גֶעשֶׁעדִיגְט אִין אִיר מֹחַ!

דִי מַאמֶע הָאט גֶעוֵויינְט צוּ מִיר אַז זִי הָאט מוֹרָא אֶפְשָׁר אִיז עֶס אִיר שׁוּלְד, אַז זִי אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע מַאמֶע, זִי שְׁפִּירְט וִוי זִי אַלֵיינְס דַארְף נֶעמֶען בַּארוּאִיגוּנְג מֶעדֶעצִינֶען, זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן פוּן אִירֶע שׁוּלְד גֶעפִילְן, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: דֶער שׁוּלְד גֶעפִיל וָואס אִיר הָאט קוּמְט פוּן דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אַלְץ צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן וִויל אִים צֶעבְּרֶעכְן דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבַר, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מֶען קֶען נָאר טְרַאכְטְן 'וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע פוּן יֶעצְט', 'וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין אַ גוּטֶע

מו. אִיךְ וֶועל מַסְבִּיר זַיין פַאר דִי יְרוּשָׁלַיִם'עֶ מְחַנְּכִים וָואס אַ 'בּוֹילֶער רוּם' אִיז. עֶס אִיז אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט שֵׁיין, דָארְט לִיגְן מַאשִׁינֶען מִיט רֶערְן וָואס הֵייצְן אָן דִי קַאלְטֶע וַואסֶער, אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דָא אִין יֶעדֶע בִּנְיָן אַזַא שְׁטִיבְּל.

אִין יְרוּשָׁלַיִם אַרְבֶּעט עֶס אַנְדֶערְשׁ, עֶס לִיגְט אַ פַּאס וַואסֶער אוֹיפְ'ן דַאךְ אוּן עֶס הֵייצְט זִיךְ דוּרְךְ דִי זוּן (מֶען רוּפְט עֶס 'דוּד שֶׁמֶשׁ').

לֶערֶערִין פוּן יֶעצְט׳, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְּעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת.

## דִיסְצִיפְּלִין אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקַייט

וָואס וִויל אִיךְ אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה? אִיךְ פַּארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אוֹיסְצוּלֶערְנֶען ׳דִיסְצִיפְּלִין׳, מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען דִיסְצִיפְּלִין, מֶען מוּז אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער ׳דֶרֶךְ אֶרֶץ׳, אִיךְ קוּק אַרוּיף מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס וָואס קֶענֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה.

וֶוען אַ מְלַמֵּד קוּמְט מִיר זָאגְן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען צֶעלָאזְט, וֵוייס אִיךְ אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, (קֶען זַיין עֶס הָאט אוֹיךְ גָארְנִישְׁט מִיטְ׳ן מְלַמֵּד, אֶפְשַׁר עֶר אִיז נִישְׁט גֶעאֵייגֶנְט צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד), אַ מְלַמֵּד דַארְף קֶענֶען אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ טוּן אִין כִּתָּה, אוֹיבּ עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אַוֶועק שְׁטֶעלְן, דַארְף עֶר בֶּעטְן הִילְף פוּן אָפִּיס.

דִיסְצִיפְּלִין אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט!

בַּיי דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען גֶעלֶעמְט אוֹיף אֵיין פוּס לֹא עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס, וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן נָאר גֶעהֶערְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס דָאס קוֹל פוּן דִי שְׁטֶעקֶענֶעס, הָאט יֶעדֶער זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ און מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ אִיךְ הָאבּ דָאס צוּגֶעזֶען, אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ, יֶעדֶע דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט וֶוען מֶען הָאט נָאר גֶעהֶערְט דָאס קוֹל וִוי מוֹהֲרָא״שׁ קוּמְט אַרָאפּ דִי טְרֶעפּ[מז], הָאט

---

מז. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעוואוֹינְט הֶעכֶער דִי שׁוּל.

זיך יעדער גלייך אוועק געשטעלט אויף זיין פלאץ, עס איז געווען א מורא׳דיגע דרך ארץ, ווייל נאר אויב עס איז דא דרך ארץ קען מען מקבל זיין.

מיט דעם אלעם, ווי וויכטיג דיסציפלין איז - טאר מען נישט דערשרעקן קיין קינדער!

## דער קינד האט אנגעהויבן צו שטאלפערן

איך האב אמאל געשמועסט מיט א טאטע וואס זיין זון שטאלפערט, דערציילט מיר דער טאטע, ווי אזוי האט זיין זון אנגעהויבן צו שטאלפערן, יארן צוריק איז ער געפארן קיין קאנאדע צו א חתונה, מען איז געפארן לאנגע שעות אין איין צי, אינמיטן וועג האט מען זיך אפגעשטעלט, מען זאל קענען גיין אין בית הכסא, די בית הכסא איז נישט געווען צוגעשטעלט געהעריג אזוי ווי אין א געז סטאנציע, נאר עס איז געווען א טונקעלע פארמאכטע שטוב, דער זון איז דאן נאך געווען א יונג קינד, האט ער געבעטן זיין טאטע אז ער האט מורא צו גיין אין דעם בית הכסא, האט דער טאטע אים געהייסן שטרענג: "וואס האסטו מורא? גיי אריין!" דער אינגל איז טאקע געגאנגען אבער ער איז צוריק געקומען דערשראקן, אן א לשון, זייט דעמאלט שטאלפערט ער.

וויל איך ענק בעטן טייערע מחנכים, דערשרעקט נישט קיין קינדער.

ברוך השם אז אין וויליאמסבורג האבן מיר נישט קיין בוילער רום, אבער אין שטעטל האבן מיר א בוילער רום, איך וויל אז די איינגעשטעלטע זאלן אפילו נישט וויסן פון דעם שטוב, קינדער קענען זיך זייער דערשרעקן פון דעם, נישטא אזא זאך דערשרעקן קינדער[מח].

**מח.** מיר ברענגען אראפ א בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט״א האט

# פַאַרְוָואס הָאט דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע 'בֵּית רָחֵל'?

אִיךְ ווִיל דִי לֶערֶערִינְס פוּן 'בֵּית פֵּיגָא' זָאלְן ווִיסְן דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט בַּיים עֶפֶענֶען דִי בֵּית רָחֵל שׁוּלֶע: "אִיךְ עֶפְן אַ שׁוּלֶע אַז מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואו צוּ גֵיין און וואו צוּ קוּמֶען, נִישְׁט צוּ קֶענֶען שְׁטוּדִירְן", - 'בֵּית פֵּיגָא' הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעעֶפְנְט צוּלִיבּ דֶעם טַעַם, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואו צוּ גֵיין און וואו צוּ קוּמֶען.

מֶען פְּרוּבִּירְט דִי בֶּעסְטֶע אַז יֶעדֶער זָאל זַיין צַייטְלִיךְ אוּן עֶס זָאל זַיין אַחְרַיוּת'דִיג, אָבֶּער אוֹיבּ אַ תַּלְמִידָה אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, דַארְף מֶען אִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, נָאר מֶען קֶען אִיר זָאגְן:

---

גֶעשְׁרִיבְּן אֵיין טָאג פַארְן גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר, וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דֶעם עִנְיָן:

## נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער, בִּפְרַט יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ח שׁוֹבָבִי"ם, ג' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, זַייט מְחַזֵק דִי לֶערֶערִינְס; זֵיי זָאלְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידוֹת, אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער, בִּפְרַט יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט אִין אוּנְזֶער מוֹסָד זָאל מֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אוּן אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּבּ, אִין בּוֹילֶער רוּם אוּן דֶערְשְׁרֶעקְן. עֶס אִיז דָא גֶענוּג וֶועגְן ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיף אַ וֶועג אָן דֶערְשְׁרֶעקְן; ווַייל קְלֵיינֶע קִינְדֶער אַז מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט זֵיי - קֶענֶען זֵיי חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דֶעם דִיבּוּר, אָדֶער בְּלַייבְּן דֶערְשְׁרָאקְן פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

נֶעמְט צוּזַאם דִי לֶערֶערִינְס אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זֵיי מְחַזֵק זַיין, אוּן פְרֶעגְט זֵיי אוֹיס, זֵיי זָאלְן אַלֶעס מִיטְטֵיילְן מִיט אַייךְ, אַזוֹי וֶועט נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹלוֹת.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים שְׁנַת תשפ"ג)

**"מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען שְׁפֶּעט, יֶעצְט זֶעץ זִיךְ שֵׁיין אַרָאפּ, אֱמֶת דוּ גֵייסְט גוּט מִיטְהַאלְטְן וָואס מֶען לֶערְנְט?"** אוּן דִי תַּלְמִידָה עֶנְטְפֶערְט: "יָא", אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי לִימוּדִים.

# דָאס אִיז אַ שֶׁעפֶּעלֶע וָואס וֵויינְט

אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַ לֶערֶערִין הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידוֹת אַז זִי קָאאָפֶּערִירְט נִישְׁט, זִי הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן, נִישְׁט אַז בִּיז הַיינְט אִיז זִי יָא גֶעוֶוען וואוּיל, זִי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען וואוּיל, נָאר לֶעצְטְנְס וֶוערְט זִי עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, זִי אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט דָא, עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, דִי לֶערֶערִין הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זִי וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי מֵיידְל, זַיין שְׁטְרֶענְג אָדֶער זַיין גוּט צוּ אִיר, הָאט זִיךְ דִי מְנַהֶלֶת אָנְגֶערוּפְן: "זִי אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְט קִינְד, זִי הָאט פָּשׁוּט אַ שְׁוֶוערֶע נַאטוּר".

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס, וַוייל אִיךְ וֵוייס וָואס דָאס קִינְד גֵייט אַרִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען דִי לֶערֶערִין וָואלְט דָאס גֶעוואוּסְט וָואלְט זִי אִיר אַהֵיים גֶענוּמֶען אוּן אוֹיפְגֶעצוֹיגְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים! דָאס קִינְד וֶוערְט נֶעבֶּעךְ גֶעפַּיינִיגְט אִינְדֶערְהֵיים, דִי מַאמֶע גֶעבְּט אִיר נִישְׁט קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, אוּן דָאס קִינְד קוּמְט נֶעבֶּעךְ אִין שׁוּלֶע אָן קַיין מֹחַ[מט]. [מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא

---

מט. אִין אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, בַּאצִיט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דֶעם קִינְד וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריקֵייט אִינְדֶערְהֵיים פוּן דִי עֶלְטֶערְן, מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ דֶעם בְּרִיוו:

**שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְט דִי לֶערֶערִינְס צוּ גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח-שִׁירָה, כ"ו שׁוֹבָבִי"ם, י"ב שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**יֶעצְט וֶועט אִיר זֶען אַז דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען דִי מַאמֶע אִיז**

וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג, וַוייל עֶס קֶען זַיין אַז דִי מַאמֶע אִיז אוֹיךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶס קֶען זַיין אַז אִיר מַאמֶע הָאט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן

---

**פְּרֵיילִיךְ - זֶענֶען דִי קִינְדֶער פְּרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען דִי מַאמֶע אִיז דֶערְבִּיטֶערְט - זֶעט מֶען עֶס גְלַייךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער. דִי מֵיידְל ... אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, בִּיטֶע רֶעדְט מִיט אִיר רַחְמָנוּת'דִיג; וַוייל אִיר מַאמֶע גֵייט אַרִיבֶּער יֶעצְט אַ שְׁוֶועֶרֶע צַייט, זִי אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס קְלַאפְּט גְלַייךְ אוֹיס אוֹיף דִי קִינְדֶער. זִי אִיז אַ גוּט קִינְד, וָואס זָאל זִי טוּן, וָואס קֶען אַ קִינְד טוּן וֶוען דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט מְסוּדָר וְכוּ'; דָאס קִינְד פַּארְלִירְט דִי מֹחַ, הוֹיבְּט אָן טוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, חוּצְפָּה'דִיגֶע זַאכְן וְכוּ'; אִיךְ בֶּעט אַייךְ, רֶעדְט צוּ דִי לֶערֶערִינְס זֵיי זָאלְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְן קִינְד.**

(פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַלֶעס דַארְף זַיין הֶעכְסְט פְּרִיוַואט, דִי לֶערֶערִינְס קֶענֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם; סֵיי פוּן דָאס קִינְד אוּן סֵיי פוּן דִי מַאמֶע, וְדַ"ל).

בְּנוֹגֵעַ דִי מֵיידְל ... תִּחְיֶ', אַז זִי וֶוערְט נֶערְוֶועז אַז מֶען רֶעדְט אִין סְקוּל צוּפִיל פוּן רֶבִּי'ן, מוֹהֲרָא"ש אוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, זִי דַארְף נִישְׁט דָא בְּלַייבְּן, קֵיינֶער צְוִוינְגְט נִישְׁט דָא צוּ לֶערְנֶען, זִי קֶען צוּרִיקְגֵיין צוּ אִיר סְקוּל. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער רֶעדְן פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּן זֵיי וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן וָואס מֶען רֶעדְט צְוִוישְׁן מֵיידְלֶעךְ אִין אַנְדֶערֶע סְקוּלְס, מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן רֶעדְן וֵוייניגֶער פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אִין יַבְנְאֵל, קֵיינֶער מוּז נִישְׁט דָא זַיין, מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן, עֶס אִיז דָא צְוֵוייי וֶועגְן אַרוֹיס צוּ פָארְן פוּן יַבְנְאֵל, אַז וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְפָארְן פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז דָא בְּעֶרֶךְ אַכְט וֶועגְן אַרוֹיס צוּ פָארְן; צְוֵוייי וֶועגְן פוּן טְוִוין בְּרִידְזְשׁ, צְוֵוייי וֶועגְן אַרוֹיס פוּן אָלְד מָאנְטִיסֶעלָאוּ, דֶענְמֶען, אִיסְט מַאנְגָאפּ, גַארְדְן הַאוּז, אוּן קְרָאס פַּארְם, אוּן וֶוער עֶס וֶוערְט נֶערְוֶועז אַז מֶען רֶעדְט דָא פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וֶוער עֶס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה - קֶען אוֹיסְוֶועלְן וָואס פַּאר אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ פָארְן.

נָאכְן צַאמְקוּם הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ גֶעִים, וֶוער עֶס קֶען זָאגְן פוּן וָואס זֵיי וֶוערְן נֶערְוֶועז, זָאגְט אֵיינֶער אַז זִי וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אַזוֹי סַאךְ פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה. עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אוּנְזֶער קְהִילָה אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ וֶוערְן נֶערְוֶועז, אִין יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג פוּן הַפָּצָה אוּן בָּחוּרִים זָאגְן אַז זֵיי וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן הַפָּצָה, זָאג אִיךְ זֵיי: "נֶערְוֶועז דַארְף מֶען וֶוערְן וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן פָּאלִיטִיק אָדֶער פוּן גֶעלְט, ווִי קֶען מֶען רֶעדְן אַזוֹי סַאךְ פוּן גֶעלְט אוּן פוּן שֵׁיינֶע קַארְס";

קַיין לוּפְּט צוּ אָטֶעמֶען, מֶען רֶעדְט דָא פוּנֶעם קִינְד, אוֹיף וֶועם מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן].

יֶעצְט, דִי לֶערֶערִין טְרַאכְט פוּן אֵיין זַאךְ: 'דָאס קִינְד גֵייט מִיךְ יָא פָּאלְגְן אָדֶער נִישְׁט פָּאלְגְן', אָבֶּער טֵייעֶרֶע לֶערֶערִין, דָאס

---

זָאגְט דִי מֵיידְל: "אַ שָׁאד צוּ זַיין דָא אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע פְּלֶעצֶער וואוּ צוּ זַיין".

בְּנוֹגֵעַ שִׁיקְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן בֵּית פֵיגָא וִוילְיַאמְסְבּוּרְג; אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּם מְנַהֵל ר' מָרְדְכַי נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל שִׁיקְן דִי שִׁיעוּרִים פַאר בֵּית פֵיגָא אִין שְׁטֶעטְל.

בְּנוֹגֵעַ דִי לֶערֶערִין וָואס הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ קוּמֶען ...; אִיךְ מֵיין זִי דַארְף נָאר אַבִּיסְל חִיזוּק. עֶס אִיז אַייעֶר פְלִיכְט צוּ גֶעבְּן דִי לֶערֶערִינְס גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פוּן אַ מְנַהֶלֶת; מִיט אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער בַּאקוּמֶען זֵיי כֹּחַ אוּן זֵיי וֶועלְן טוּן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ.

דִי חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל דַארְף נָאךְ אַ מְנַהֵל, אִיךְ וַוארְט דֶער מְנַהֵל ר' מָרְדְכַי אִינְדִיג זָאל זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן אַהִין, דִי מְלַמְדִים הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זֵיי הֶעלְפְן, וֶוען אַ קִינְד אִיז חוּצְפָּה'דִיג הָאט עֶר נִישְׁט וואוּ צוּ שִׁיקְן דֶעם קִינְד. נֶעכְטְן הָאט אַ מְלַמֵד צוּגֶעכַאפְּט דִי גְלֶעזֶער פוּן אַ קִינְד וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וִוי בִּין אִיךְ דָא? וָואס אִיז דָא?" אוֹיךְ הָאט אַ מְלַמֵד גֶע'קַנְסְ'עֶט אַ קִינְד מִיט נִישְׁט אַהֵיימְגֵיין פוּן חֵדֶר וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, דָאס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קְנַס אוּן דָאס טוּט מֶען נִישְׁט, אִיךְ הָאף אַז בִּיז זוּמֶער וֶועט זַיין אַ מְנַהֵל אוּן זַאכְן וֶועלְן וֶוערְן מְסוּדָר.

זֵייעֶר גוּט אַז מֶען הָאט צֶעטֵיילְט דִי צְוֵויי מֵיידְלֶעךְ ... מִיט ..., דִי עֶלְטֶערְן פוּן מִשְׁפָּחַת ... זֶענֶען אַבִּיסְל בְּרוֹגֶז, זֵיי מֵיינֶען אַז מִיר וִוילְן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַארְלֵייגְן אוֹיף זֵייעֶר טָאכְטֶער; וָואס קֶען מֶען טוּן? נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן וֵוייסְן וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט חִינוּךְ, עֶלְטֶערְן פַאלְן פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶעעֶן טְרֶערְן. אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אַייךְ, אִיר זָאלְט וִויסְן אַז דִי מַאמֶע מֵיינְט אַז אִיר הָאט עֶפֶּעס אוֹיף אִיר קִינְד, אִיז אוֹיבּ אִיר קֶענְט רֶעדְן מִיט דִי מַאמֶע - זָאלְט אִיר רֶעדְן. אַזוֹי אוֹיךְ מָרַת ... הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִי לֶערֶערִין מָרַת ... אַז זִי הָאט פַּיינְט אִיר טָאכְטֶער. אִיךְ וֶוער אַזוֹי צֶעמִישְׁט, אִיךְ וֵוייס שׁוֹין נִישְׁט וֶוער אִיז דִי קִינְד אוּן וֶוער דַארְף זַיין דִי מַאמֶע... אִיךְ מֵיין מֶען זָאל מַאכְן סְקוּל פַאר דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען מִדוֹת טוֹבוֹת אוּן הַכָּרַת הַטוֹב.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מָרַת ... תִּחְיֶ', שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְט אַלֶע

אִיז אַ שֶׁעפֶּעלֶע וָואס וֵויינְט, דָאס אִיז אַ נְשָׁמָה'לֶע וָואס וֵויינְט, אַ קְלֵיין קִינְד קֶען זִיךְ נָאכְנִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף שְׁוָועריקֵייטְן וָואס זִי גֵייט אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּב אוּן גֶעהֶעריג מִיטְהַאלְטְן דִי שְׁרַייבּ אַרְבֶּעט וָואס מֶען מַאכְט אִין שוּלֶע, זִי אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן אִיר צוּפְּרִי, וֶוען מֶען הָאט אִיר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן בָּאס גֶעפַּיינִיגְטֶערְהֵייט, אָן לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען.

## עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא
## אַ וֶועג פַאר יֶעדְן קִינְד

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן אַ קִינְד וָואס דְרֵיידְט אִיבֶּער אִין כִּתָּה, ווייל אַ קִינְד וָואס דְרֵיידְט אִיבֶּער מוּז מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט טוּן, מֶען רֶעדְט דָא פוּן אַ קִינְד וָואס הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין שוּלֶע.

אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס דְרֵיידְט יָא אִיבֶּער אוּן מֶען דַארְף אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען - קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען מִיט אַ וֶועג פוּן דֶערְשְׁרֶעקְן, נָאר מֶען מוּז טְרֶעפְן אַ וֶועג ווי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִיר, אוּן מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג מִיט אַ קִינְד, ווייל 'עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא' (לְשׁוֹן רַבֵּינוּ, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א, מֵאֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ) אַ וֶועג פַאר יֶעדְן קִינְד, 'עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא' אַ וֶועג ווי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַ קִינְד זָאל זִיךְ עֶפֶּענֶען אוּן אוֹיפְשַׁיינֶען.

אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערֶע לֶערֶערִינְס וֶועלְן צוּרִיק קוּקְן אוֹיף דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע תַּלְמִידוֹת וָואס מֶען הָאט פוּן זֵיי גֶעדַארְפְט אַסַאךְ שְׁלִינְגֶען אוּן שְׁלִינְגֶען, וֶועט מֶען זֶען ווי דִי בְּלוּמֶעלֶע הָאט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין גֶעעֶפְנְט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן זֵייעֶר שֵׁיין

---

טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת, אוּן נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן פוּן גָארְנִישְׁט.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען אִין בֵּית פֵּיגָא קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים שְׁנַת תשפ"ג)

אַלֶעס אַ דַאנְק זֵייעֶר סַבְלָנוּת און גֶעדוּלְד, זֶעט מֶען פון דֶעם וְוִי פַּאר יֶעדְן קִינְד אִיז דָא אַ וֶועג און הָאפֶּענוּנְג צוּ מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ גֶעדֶענְק אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פון קִינְדֶער וָואס דִי מְלַמְּדִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט זֵיי, דִי מְלַמְּדִים פְּלֶעגְן אַסַאךְ קוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף זֵייג, און זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַסַאךְ סַבְלָנוּת, זֵיי זֶענֶען זִיךְ אוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט רַחְמָנוּת, מֶען הָאט זֵיי גֶעלָאזְט זִיצְן אִין דִי זַייט, און גֶעוָוארְט און גֶעוָוארְט, און הַיינְט בְּלִיעֶן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שֵׁיין, בַּאלְד זֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער אַלֵיינְס 'מְלַמְּדִים'.

זָאלְט אִיר וִויסְן וְוִי גְרוֹיס דִי זְכוּת אִיז צוּ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיפְבּוֹיעֶן און גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַּאר יֶעדְן קִינְד.

## מַיינֶע דִיבּוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידִים

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, זוּנְטָאג נֶעם אִיךְ אוֹיף תַּלְמִידִים, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ קָאפְּל, דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה און זַיין וַוייבּ הָאט אֵיין יָאר גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא, זֵיי הַאלְטְן יֶעצְט צְוֵויי יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן מִיר אַ בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אַז דִי פְרוֹי הָאט זִיךְ יֶעצְט אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִירֶע הָאר!

דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַּאר מִיר און דָאס וֶועט עֶנְק אוֹיךְ גֶעבְּן שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, דִי פְרוֹי הָאט נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג גֶעלֶערְנְט אִין 'בֵּית פֵיגָא', און בְּלוֹיז פון דִי דְרָשׁוֹת וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט אִין שׁוּלֶע, צוּזַאמֶען מִיט דִי דְרָשׁוֹת וָואס זִי הֶערְט בַּיי דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז אֵיין טָאג הָאט זִי אָפְּגֶעמַאכְט פון אִיר אֵייגֶענֶע וִוילְן אַז זִי וִויל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן.

יֶעדֶער וָואס טוּט מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן טְרַאכְט: 'אִיךְ רֶעד און אִיךְ רֶעד און אִיךְ רֶעד, וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיף? וואוּ גֵייעֶן מַיינֶע

---

נ. אִיךְ וִויל נִישְׁט רֶעדְן מִיט נֶעמֶען, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער דַארְף וִויסְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פון אַנְדֶערֶע.

וֶוערְטֶער אַרַיין?' אִיךְ טְרַאכְט אוֹיךְ אַסאַךְ מָאל: 'וואוּ גֵייעֶן מַיינֶע דִיבּוּרִים, בִּשְׁעַת עֶס אִיז נָאךְ דָא פְּרוּוּעֶן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ אַלְס תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא אוּן זֵיי שֶׁערְן זִיךְ נִשְׁט אָפּ דִי הָאר??'

אָבֶער דָא זֶעט מֶען וִוי נָאךְ אַפָּאר יָאר זֶענֶען אַלֶע דִיבּוּרִים אַרַיין אוּן עֶס הָאט גֶעטוּישְׁט אַ מֶענְטְש צוּם גוּטְן, דַארְף עֶטְץ דָאס אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיין טָאג גֵייעֶן מַיינֶע דִיבּוּרִים אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶערְ'ס הֶערְצֶער.

## שְׂכַר אוֹיף בֵּיידֶע וֶועלְטְן

דֶער שְׂכַר פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער אִיז נִשְׁט פָּשׁוּט.

מֶען בַּאקוּמְט סַיי שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען פִּילְט אַזוֹי גוּט! מֶען שְׁפִּירְט: 'אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעטוּן דִי וָואךְ', אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַּאר דִי קִינְדֶער שֵׁיינֶע זַאכְן.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וָואס וֶועט זַיין אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם, וֶוען עֶנְקֶערֶע תַּלְמִידִים וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי וֶועלְן שׁוֹין זַיין פֶּערְצִיג יָאר, וֶועלְן זֵיי עֶנְק אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זָאגְן: "אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי נַארִישׁ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אוּן אִיר הָאט זִיךְ נִשְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מִיר!" - אוֹי וֶועט דָאס עֶנְק גֶעבְּן לֶעבְּן!

דָאס הָאט נִשְׁט דַוְקָא מִיט מְלַמְדִים וָואס זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, דָאס אִיז מִיט יֶעדֶער וָואס אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ חֵדֶר אָדֶער אַ שׁוּלֶע, יֶעדֶער וָואס הָאט סַיי וֶועלְכֶע שַׁיְיכוּת מִיט קִינְדֶער, - וֶועלְן צוּרִיק הֶערְן יָארְן אַרוּם וִוי תַּלְמִידִים זֶענֶען דַאנְקְבַּאר אוֹיף יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט גֶעדוּלְד צוּ זֵיי וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט ווִילְד.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת, אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן דִי חָכְמָה אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף קִינְדֶער אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער.

**נָאכְ'ן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף שְׁאֵלוֹת וָואס מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס הָאבְּן אַרַייְנְגֶעשִׁיקְט צוּ פְרֶעגְן.**

## אִיךְ רֶעד
## צוּם וַואנְט?

**אַ לֶערֶערִין פְרֶעגְט:** וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ גְרֵייט זִיךְ אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַ לִימוּד, אוּן בְּשָׁעַת אִיךְ גֶעבּ דֶעם שִׁיעוּר זֶעט אוֹיס וִוי קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא, אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן מִיט בְּלֵייעֶן אוּן צֶעטְלֶעךְ אוּן מֶען מַאלֶעוֶועט.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אַ קִינְד - גֵייט אַרַיין אִינֶעם קִינְד, אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ וִוי קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם וַואנְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן אַז אַלֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין.

אִין אַלֶע שׁוּלֶעס אִיז אֵיינְגֶעפִירְט אַז בְּשָׁעַת דִי לֶערֶערִין גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר, זִיצְן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינְגֶעבּוֹיגְן אוּן מֶען שְׁרַייבְּט אָפּ דֶעם שִׁיעוּר, עֶס דַארְף נִישְׁט וֵויי טוּן אוֹיבּ מֶען בַּאמֶערְקְט וִוי אַ קִינְד שְׁרַייבְּט נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם שִׁיעוּר, נָאר זִיצְט אוּן קַאטְשְׁקֶעט, זִי מָאלְט דַאלִיס אוּן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה גֵייעֶן אַלֶע וֶוערְטֶער אַרַיין אִין יֶעדְן קִינְד.

# וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד—
# וָואס דַארְף אֵייבִּיג אַלֶעס טוּן?

**אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט:** וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס אוֹיבּ מֶען אִיז אִים נִישְׁט מְכַבֵּד, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען אִיז אִים נִישְׁט מְכַבֵּד צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אָדֶער גַּבַּאי, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ מוּטְשֶׁען אוּן פַּארְפִּירְן?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: עֶס וֶוענְדְט זִיךְ ווי אַ קִינְד; אַמָאל אִיז גֶענוּג אִים צוּ זָאגְן: "**דוּ וֶועסְט זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אַן אַנְדֶער מָאל**", אוּן אַזוֹי וֶוערְט עֶר שְׁטִיל, אָבֶער אוֹיבּ אִיז עֶס אַ קִינְד וָואס אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים זָאגְן: "דוּ וֶועסְט זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אַן אַנְדֶער מָאל" - וֶועט עֶר וַוייטֶער זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן, אִיז נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל זִיךְ בִּכְלַל אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל יֶעצְט וֶוערְן אִיבֶּער גֶעקֶערְט, עֶנְדֶערְשׁ פַּארְדְרֵיידְט מֶען דֶעם מַצָּב, מֶען מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ מֶען בַּאמֶערְקְט נִישְׁט אַז דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער רוּפְט מֶען אִים אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוּן מֶען אִיז אִים שֵׁיין מַסְבִּיר אַז "**עֶס אִיז נִישְׁט גוּט דוּ זָאלְסְט אַלֶעס טוּן, דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ אִיבֶּער לָאזְן פַאר אַנְדֶערֶע**".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

## פֶּרֶק ט׳

# אֲסִיפַת מְלַמְּדִים

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח,
שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע״א

**אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ ׳מְסִיבַּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת׳, לְכָבוֹד דִי מְחוּתָּנִים אוּן חָתָן כַּלָּה וָואס זֶענֶען אַייְנְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי מוֹסָד**

זכות הפרק נתנדב ע״י

מו״ה
**אפרים נובוגרודסקי**
הי״ו



# אֲסִיפַת מְלַמְּדִים

## חָתָן דוֹמֶה לְמֶלֶךְ

מַזָל טוֹב חָתָן כַּלָה! מַזָל טוֹב מְחוּתָּנִים!

מִיר זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען בַּיי אַ חָשׁוּבְ׳עֶ שֶׁבַע בְּרָכוֹת.

יֶעדְן טָאג אִיז דָא אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אָבֶער יֶעצְט הָאט דִי ׳תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שֶׁבַע בְּרָכוֹת לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳עֶ מְחוּתָּנִים, דֶער חָתָן׳ס טַאטֶע וָואס אִיז אַ מְלַמֵּד מוּמְחֶה פַּאר דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער, עֶר לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ קֶענֶען לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דִי כַּלָה׳ס טַאטֶע אִיז דֶער מְנַהֵל פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוֹיךְ זֶענֶען דִי חָתָן כַּלָה אַלֵיינְס אוֹיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי מוֹסָד.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּנְזֶער חָתָן אִיז אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער חָתָן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין יְשִׁיבָה אַלֶע זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אוּן גֶעלֶערְנְט[נא]. ווִי קֶען זַיין אַ שֶׁענֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אַז דֶער שְׁטְרֶענְגֶער מְנַהֵל פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, זָאל זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אַ תַּלְמִיד זַיינֶער פַּאר אַ חָתָן פַּאר זַיין טָאכְטֶער; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער חָתָן אִיז אַ מְלַמֵּד דָא בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה.

---

**נא.** אוֹיף דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲתַנִים קֶען מֶען זָאגְן ״עֶר הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן״, וַוייל עֶר הָאט קוֹים קוֹים אָנְגֶעפַאנְגֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אוּן שׁוֹין הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג.

דֶער חָתָן זָאגְט מִיר יֶעצְט, אַז הַיינְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען הַפָּצָה, וַוייל מֶען רוּפְט דָאךְ אַרַיין אַ חָתָן אִין אַלֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן זָאגְן קַיין תַּחֲנוּן... מֶען רוּפְט אִים: "קוּם דָא אַרַיין פַאר פִינְף מִינוּט", "קוּם דָא אַרַיין פַאר פִינְף מִינוּט", עֶנְטְפֶערְט דֶער חָתָן: "אִיךְ קוּם אַרַיין, אָבֶער נֶעם אַ גִלְיוֹן, נֶעם אַ סֵפֶר, נֶעם אַ סִידוּר", אוּן מֶען קֶען מֶען אִים נִישְׁט זָאגְן: "גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא!" וַוייל עֶר אִיז אַ חָתָן, אוּן 'חָתָן דוֹמֶה לְמֶלֶךְ', אוּן 'מֶלֶךְ פּוֹרֵץ גֶּדֶר', אִיז יֶעצְט טַאקֶע אַ גוּטֶע צַייט פַאר הַפָּצָה.

אָבֶער הַפָּצָה טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן זַיין אִינְדֶערְהֵיים, דֶער חָתָן דַארְף מְקַיֵּים זַיין דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כד, ה): "**וְשִׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ**", נָאר בִּשְׁעַת מֶען אִיז סַיי ווִי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קֶען מֶען אַרַיין כַאפְּן צוּ מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ סֵפֶר, נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק, נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַזָא זַאךְ ווִי תְּשׁוּבָה, מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# אֲסִיפַת מְלַמְּדִים
# בַּיים שֶׁבַע בְּרָכוֹת

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, אַזוֹי ווִי מִיר זִיצְן דָא אַלֶע מְלַמְּדִים אִינְאֵיינֶעם, וֶועט מֶען אוֹיסְנִיצְן דֶעם גֶעלֶעגֶנְהֵייט צוּ מַאכְן אַ שְׁטִיקְל 'אֲסִיפַת מְלַמְּדִים'. מֶען וֶועט קוֹדֶם רֶעדְן פוּן דִי חָתָן כַּלָּה אוּן עִנְיָנֵי שָׁלוֹם בַּיִת, דֶערְנָאךְ וֶועט מֶען רֶעדְן אַבִּיסְל חִיזוּק פַאר דִי חָשׁוּבְ'עֶ מְלַמְּדִים, זִיךְ אַבִּיסְל מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

דֶער שַׁייכוּת צְווִישְׁן 'שָׁלוֹם בַּיִת' מִיט 'מְלַמְּדוּת' אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ מְנַהֵל אוּן מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְלַמְּדִים וָואס זָאלְן קוּמֶען מִיט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער נָאר אוֹיבּ דִי וַוייבּ אִיז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד, נָאר אוֹיבּ מְלַמְּדוּת אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אִין שְׁטוּבּ, קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער מִיט הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, קוּמְט אוֹיס אַז דוּרְךְ 'שָׁלוֹם בַּיִת' הָאבְּן מִיר אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וָואס זֶענֶען מְחַנֵּךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט הַארְץ אוּן נְשָׁמָה.

# "מָצָא" אָדֶער "מוֹצֶא"?

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ 'שֶׁבַע בְּרָכוֹת' בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, הָאבְּן מִיר דָארְט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג:): **"בְּמַעֲרָבָא כִּי נָסֵיב אִינָשׁ אִתְּתָא אָמְרִי לֵיהּ הָכִי מָצָא אוֹ מוֹצֶא"**, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פְּלֶעגְט מֶען פְרֶעגְן אַ חָתָן אִין דִי טֶעג פוּן שֶׁבַע בְּרָכוֹת: "מָצָא" אָדֶער "מוֹצֶא"? דִי גְמָרָא אִיז מַסְבִּיר, אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יח, כב): **"מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב"**, וֶוען מֶען טְרֶעפְט אַ וַוייבּ - טְרֶעפְט מֶען גוּטְס, אוּן אִין אַן אַנְדֶערֶע פָּסוּק שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ז, כו): **"וּמוֹצֶא אֲנִי מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה"**, אַ פְּרוֹי אִיז עֶרְגֶער פוּנֶעם טוֹיט; פְּלֶעגְן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע אִידְן פְרֶעגְן דִי חֲתָנִים אִין קוּרְצְן[נג]: "מָצָא" אָדֶער "מוֹצֶא"? דָאס מֵיינְט, וָואס הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען, גוּטֶע סְחוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק: "מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב", אָדֶער נִישְׁט גוּטֶע סְחוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק: "וּמוֹצֶא אֲנִי מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה".

הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט, וָואס אִיז טַאקֶע דֶער חִילוּק צְווִישְׁן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים, עֶס קוּקְט דָאךְ אוֹיס וִוי אַ סְתִּירָה, אֵיין פָּסוּק זָאגְט אַז דִי וַוייבּ אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, אוּן דִי אַנְדֶערֶע פָּסוּק זָאגְט אַז עֶס אִיז עֶרְגֶער פוּן טוֹיט?

נָאר, אוֹיבּ אִיז "וּמוֹצֶא אֲנִי", דֶער מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט נָאר 'זִיךְ', עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען אַז: "אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן", "אִיךְ בִּין גֶעלוּנְגֶען", "אִיךְ קֶען", "אִיךְ וֶועל מַאכְן", "אִיךְ וֶועל דִיךְ וַוייזְן", אוּן "מִיךְ וֶועסְטוּ גֶעדֶענְקֶען", אַלֶעס אִיז 'אִיךְ' אַרוֹיף אוּן 'אִיךְ' אַרָאפּ, דֶעמָאלְט אִיז: "מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה" - מֶען שְׁפִּירְט מַמָּשׁ דֶער טוֹיט!

אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין לֶעבְּן, עֶר ווייסְט אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער' הָאט מִיךְ גֶעגֶעבְּן דִי וַוייבּ, זִי אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז: "מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב".

---

**נב.** אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי וָואס אִיז נִתְחַבֵּר גֶעוָוארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ קוּרְצֶע לָשׁוֹן.

# צוּפְרִי אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

עֶרְלִיכֶע אִידְן, בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, פִּירְן זִיךְ יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף, נָאכְן זִיךְ אַבִּיסְל מְסַדֵר זַיין, אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיטְ'ן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צוּפְרִי אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן[נג], וַוייל צוּפְרִי אִיז דִי אֱמוּנָה שְׁטֶערְקֶער בַּיים מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ לָשׁוֹן הַזוֹהַר (מִשְׁפָּטִים דַף צה.): **"עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא ... אִיהִי נַפְקַת בְּצַפְרָא וְאִתְכַּסִיאַת בִּימָמָא"**, טַייטְשׁ דֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב, אוֹת ה): 'עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא', דִי שֵׁיינֶע אֱמוּנָה, 'נָפְקַת בְּצַפְרָא', אִינְדֶערְפְרִי בַּאַווייזְט זִיךְ דִי אֱמוּנָה, 'וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא', אוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג וֶוערְט עֶס פַארְהוֹילְן, וַוייל צוּפְרִי אִיז דִי אֱמוּנָה שְׁטֶערְקֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֵיכָה ג, כג): **"חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ"**.

דִי בֶּעסְטֶע צַייט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִיז צוּפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, אוֹיבּ מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, מֶען טְרַאכְט 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן טָאג', קֶען זַיין אַז דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אוּן דוּ וֶועסְט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִינְמִיטְן טָאג לוֹיפְּט מֶען שׁוֹין נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת (עַיֵין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִתְחַלְפוּ) אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז מֶען קֶען זִיךְ אַוֶועק שְׁטֶעלְן בַּיים בּוֹים, נֶעבְּן דֶעם צַדִיק, וָואס דֶערְמַאנְט מֶען זָאל אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז צוּפְרִי דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ מַאכְן אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת.

---

**נג.** בִּשְׁעַת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע גֶעסְט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען הֶערְן הִתְחַזְקוּת, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זֵיי גֶעזָאגְט: טְרַאכְטְס נִישְׁט 'אַזַא שָׁאד, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען הֶערְן הִתְחַזְקוּת, אוּן דָא רֶעדְט מֶען זַאכְן וָואס הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת', וַוייל דָאס וָואס מִיר רֶעדְן יֶעצְט אִיז גוּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אַדְרַבָּה, דִי יֶעצְטִיגֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען פּוּנְקְט גוּט פַאר גֶעסְט.

# קוֹדֶם תּוֹדָה וְהוֹדָאָה נָאכְדֶעם תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה

ווי אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? קוֹדֶם הֵייבְּט מֶען אָן מִיט "תּוֹדָה וְהוֹדָאָה", קוֹדֶם דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב) דִי אִידִישֶׁע גֶעוֶוער אִיז תְּפִלָּה; מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ נִיצְן דֶעם גֶעוֶוער, מֶען זָאל נִישְׁט בֵּייגְן דֶעם שְׁוֶוערְד נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, נָאר עֶס הַאלְטְן גְרַאד אִינְדֶערְמִיט, דָאס מֵיינְט, אַזוֹי ווִי בַּיי אַ מִלְחָמָה וֶוען אֵיינֶער הַאלְט אַ גֶעוֶוער אִין זַיין הַאנְט, דַארְף עֶר ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן דֶערְמִיט, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תְּפִלָּה דַארְף מֶען ווִיסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ נִיצְן, עֶס דַארְף גֵיין פוּן בֵּיידֶע זַייטְן; קוֹדֶם הֵייבְּט מֶען אָן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, **"אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען: **"אִיךְ בֶּעט דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**.

אוֹיף וָואס זָאל מֶען דַאנְקֶען צוּם עֶרְשְׁט? בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פִירְן זִיךְ אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאגְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ דַאנְק דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ וַוייבּ".

אַז מֶען טוּט אַזוֹי, וֶוערְט מְקוּיָם דֶער פָּסוּק: "מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב"! ווַייל אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווֵייסְט אַז זַיין ווַייבּ אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרֶעפְט עֶר אִין אִיר גוּטְס, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶר נָאר פַארְנוּמֶען מִיט 'זִיךְ', "וּמוֹצֶא אֲנִי", דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן", דֶעמָאלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס מִיט "מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה".

# דִי וֶועלְט וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן בִּזְכוּת דִי מְלַמְּדִים

עֶס אִיז פַאר מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ אַז עֶס הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע מְלַמְּדִים, זִיךְ מִיטְצוּפְרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן דֶער חָשׁוּבְ'עֶר מְנַהֵל אוּן דֶער חָשׁוּבְ'עֶר מְלַמֵּד, אוּן דֶער חָתָן וָואס

אִיז אוֹיךְ אַ מְלַמֵּד; אַלֶע הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער און לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶועלְן מִיר רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט צוּ דִי מְלַמְּדִים און אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה דַף א:) רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט ווערְט אָפְּגֶעהִיטְן בִּזְכוּת דִי מְלַמְּדִים און דִי קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, יב): "**עֵת הַזָּמִיר הִגִּיעַ**", ווען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל בַּאשְׁטְרָאפְן דִי זִינְדִיגֶע, "**וְקוֹל הַתּוֹר נִשְׁמַע**", הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶעם קוֹל פוּן דִי קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, דִי מְלַמְּדִים לֵייגְן אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה, קְדוּשָּׁה און יִרְאַת שָׁמַיִם, און בִּזְכוּת דֶעם הַאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק דֶעם שְׁטְרָאף.

## יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אָבֶּער דֶער מוּטְשֶׁע לוֹינְט זִיךְ

וֶוען אִיךְ בִּין פְרִיעֶר אַרוּיף גֶעגַאנְגֶען דִי טְרֶעפּ צוּם יְשִׁיבָה, בִּין אִיךְ אַרוּיף גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט מַיין חַבֶר, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד; גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרוּיף טְרֶעפּ קוּמְט מֶען זָאל קְרֶעכְצְן... הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ מַיין חַבֶר, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, "יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶּער וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶס בְּלַייבְּט עֶפֶּעס אִיבֶּער פוּן זַיין מוּטְשֶׁע! וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן מִיט זַיין מוּטְשֶׁע!"

וִוי אִיז דָא אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן זִיצְן און לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

אַוַודַאי אִיז שְׁוֶוער צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער, וַוייל 'דֶער קִינְד הֶערְט זִיךְ יָא צוּ' און 'דֶער קִינְד הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ', 'דֶער קִינְד שָׁאקֶלְט דִי טִישׁ' און 'דֶער קִינְד מַאכְט שְׁפִּיצְלֶעךְ', עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג און נָאךְ אַ טָאג און מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁט, זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז דָאס מוּטְשֶׁען דַארְף בְּהֶכְרֵחַ אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, און וואוּיל אִיז דֶער וָואס עֶס וֶועט עֶפֶּעס בְּלַייבְּן

פון זייַנע שְׁווערִיקייטְן, די מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס לייגְן אַריין די הייליגֶע אֱמוּנָה אין די קִינְדֶער, זיי מַאכְן לִיכְטִיג פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

די מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס פְלַאנְצְן איין אֱמוּנָה אין די קִינְדֶער, מֶען זִיצְט מִיט זיי און מֶען זָאגְט זיי איין מָאל און נָאכְאַמָאל: **"זָאגְט די הייליגֶע חוּמָשׁ", "מַאךְ אַ בְּרָכָה", "גֶעבּ אַ קוּשׁ די מְזוּזָה"**, און מֶען זָאגְט פַּאר די קִינְדֶער: **"טייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא!"** און מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר די קִינְדֶער, מֶען זָאגְט פַּאר יֶעדְן קִינְד: **"דוּ בִּיסְט אַזַא טייעֶר קִינְד"**.

בִּפְרַט די אִידִישֶׁע ווייבְּלֶעךְ, די נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת, וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק צוּ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פַּאר זיי אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג, זיי קֶענֶען וֶוען זִיצְן אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ (סָאפֶע) און קְלָאצְן אַ הַאלְבֶּע טָאג און נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֵיין שַׁאפִּינְג (אייַנְקוֹיפְן) [נד], זיי קֶענֶען וֶוען קוּמֶען און גֵיין, און די נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת, די עֶרְלִיכֶע ווייבְּלֶעךְ זֶענֶען זִיךְ מִתְנַדֵּב צוּ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער און לֶערְנֶען מִיט זיי.

## אַן אַרְבֶּעט וָואס צָאלְט זִיךְ אוֹיס שְׁפֶּעטֶער

חִינוּךְ אִיז נִישְׁט קיין גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִינְוֶועסְטִירְט דֶערִין צָאלְט זִיךְ עֶס שְׁפֶּעטֶער אוֹיס, וֶוען עֶס גייט אַרִיבֶּער די פָּאר יָאר זֶעט מֶען די נַחַת.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַּאר מַיין ווייבּ, אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן וֶוען מִיר וֶועלְן זַיין די 'זיידֶע און בַּאבֶּע', און די 'עֶלְטֶער זיידֶע און עֶלְטֶער בַּאבֶּע', דֶעמָאלְט וֶועט מֶען הָאבְּן נַחַת, עֶס וֶועט זַיין הַמְשָׁכַת הַדּוֹרוֹת, די קִינְדֶער וֶועלְן ווייטֶער צִיעֶן אַ אִידִישׁ לֶעבְּן, און זִיךְ ווייטֶער פִּירְן עֶרְלִיךְ.

---

**נד.** עֶס אִיז דָא מֶענֶער וָואס מיינֶען אַז שַׁאפִּינְג אִיז אַ מְצִיאוּת'דִיגֶע זַאךְ, בֶּאֱמֶת אִיז עֶס נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּט אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, איין מָאל אַ יָאר קוֹיפְט מֶען אַ שִׁיכְל און אַ קְלֵיידְל, אַלֶע אַנְדֶערֶע מָאל גייט מֶען סְתַּם אַרוּם אין די גֶעשֶׁעפְטְן...

יֶעצְט פַּארְשְׁטֵייט מֶען דִי שַׁיִיכוּת צְווִישְׁן 'חָתָן כַּלָּה' מִיט 'מְלַמְּדִים', וַוייל וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן? צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וּרְבִיָּה, מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין הַמְשָׁכַת הַדּוֹרוֹת, אָבֶּער וָואס וֶועט מֶען טוּן מִיט דִי קִינְדֶער? מֶען דַארְף זֵיי דָאךְ אוֹיסְלֶערְנֶען תּוֹרָה וּמִצְווֹת, אוּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז) דֶער תַּכְלִית אִיז נִישְׁט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אָן שֵׂכֶל, אָן דֵעָה, אָן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז דָאךְ עֶרְגֶער וִוי אַ חַיָּה, דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן דִי מְלַמְּדִים וָואס זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט, קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע צִיל פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן וֶוערְט צוּגֶעעֶנְדִיגְט וֶוען מֶען הָאט גוּטֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

## וָואס גֵייט זַיין מִיטְ'ן קִינְד אִין צֶען יָאר אַרוּם?

מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן אַלֶץ טְרַאכְטְן: וָואס גֵייט זַיין מִיט דֶעם קִינְד צֶען יָאר אַרוּם, וֶוען עֶר גֵייט שׁוֹין גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט מִיר? דָאס קִינְד גֵייט דָאךְ הָאבְּן צֶען אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים נָאךְ מִיר, נָאכְדֶעם גֵייט עֶר חֲתוּנָה הָאבְּן, וָואס גֵייט אִין אִים בְּלַייבְּן פוּן דֶעם יָאר וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר? - דָאס בִּיסְל זוּמֶען וָואס אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אִין אִים! דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אִים פוּן צִיצִית, פוּן קוּשְׁן אַ סִידוּר, פוּן שַׁחֲרִית, פוּן מִנְחָה, פוּן מַעֲרִיב, פוּן נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, פוּן זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, פוּן זִיךְ נִישְׁט קְרַאצְן דִי קָאפּ, פוּן זִיךְ אָפְּהִיטְן דִי אוֹיגְן; יֶעדֶע כִּתָּה לְפִי בְּחִינָתוֹ, דָאס אַלֶעס גֵייט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג אִינֶעם קִינְד.

## קִינְדֶער הֶערְן אַלֶעס אוֹיס

בְּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין רֶעדְט, קוּקְט אוֹיס וִוי מֶען רֶעדְט אוּן מֶען רֶעדְט אוּן קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס, קִינְדֶער רִיקְן

דֶעם טִישׁ אַהֶער און צוּריק; מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן אַז זֵיי הֶערְן יָא אוֹיס.

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ וֶוען אִיךְ לֵייג שְׁלָאפְן מַיינֶע קִינְדֶער, טֵייל אִיךְ עֶס אַיין אִין צְוֵויי, קוֹדֶם לֵייג אִיךְ שְׁלָאפְן דִי יוּנְגֶערֶע [פוּן נוּרְסֶערִי, כִּתָּה ב׳ און ג׳] נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערֶע. וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער לִיגְן שׁוֹין אִין בֶּעט, לֵיין אִיךְ מִיט זֵיי קְרִיאַת שְׁמַע״ה, דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער לֵיינֶען שׁוֹין מִיט צוּזַאמֶען מִיט מִיר, אָבֶער מַיין קְלֶיינֶער קִינְד וָואס אִיז דְרֵיי יָאר אַלְט, קוּקְט מִיךְ אָן בִּשְׁעַת אִיךְ לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע און זָאגְט נִישְׁט מִיט קֵיין אֵיין וָוארְט, אָבֶער אִיךְ וֵוייס אַז עֶס טוּט אוֹיף, זַיין מֹחַ הֶערְט וָואס אִיךְ זָאג, און נָאךְ אַ יָאר צַייט וֶועט עֶר שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מִיטְצוּזָאגְן דִי וֶוערְטֶער: ״וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם״, וַוייל דֶעם וָוארְט ״בָּם״ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעכַאפְּט... און מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר שׁוֹין מִיט זָאגְן גַאנְץ קְרִיאַת שְׁמַע, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בַּיי מַיינֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

---

**נה.** עֶס זֶענֶען דָא גֶעווִיסֶע שְׁטִיבֶּער וואוּ דִי עֶלְטֶערְן טֵיילְן זִיךְ אֵיין דְזְשַׁאבְּס, ׳דָאס אִיז מַיין דְזְשַׁאבּ׳ און ׳דָאס אִיז דַיין דְזְשַׁאבּ׳... בָּרוּךְ ה׳ אַז בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מִיר הָאבְּן אֵיין דְזְשַׁאבּ אִינְאֵיינֶעם, נָאר עֶס קוּמְט אוֹיס גְרִינְגֶער וֶוען דֶער טַאטֶע לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְפַאר לֵיין אִיךְ קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִי קִינְדֶער.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע (קְלֵיינֶע) דִירָה, אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ שְׁלָאפְן אַפָּאר קִינְדֶער, אִיז מִיר גְרִינְגֶער צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטִיבֶּער פַאר יֶעדְן קִינְד, זֵיי הָאבְּן דֶעם ׳חָלוֹם הוִיז׳ וָואס מֶען זֶעט אִין דִי בִּילְדֶער... וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעְן מִיט קְרִיאַת שְׁמַע, וַוייל זֵיי דַארְפְן אַרַיינְגֵיין אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ בַּאזוּנְדֶער לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע...

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ רוּף נִישְׁט מַיין דִירָה ׳אַ קְלֵיינֶע דִירָה׳, אִיךְ רוּף עֶס ׳אַ שֵׁיינֶע דִירָה׳. הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן: ״מֶען קֶען עֶס רוּפְן ׳אַ קָאזִי (הֵיימְלִיכֶע) דִירָה׳״, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם נָאמֶען, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: דָאס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וָוארְט צוּ נוּצְן וֶוען מֶען וואוֹינְט אִין אַ קְלֵיינֶע דִירָה, מֶען קֶען זָאגְן ״ס׳אִיז קָאזִי״... עֶס אִיז אַזוֹי ווִי דִי קְלֵיינֶע דִירָה וואוּ מֶען שְׁטֵייט אַיין וֶוען מֶען פָארְט אַמָאל אַוֶועק מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף שַׁבָּת, אַלֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן אִין אֵיין גְרוֹיסֶע צִימֶער, און עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק...

דָאס אִיז אַ לִימוּד פַאר מְלַמְדִים, אֲפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס וְוִי אַ קִינְד הֶערְט נִישְׁט אוֹיס, הֶערְט עֶר בֶּאֱמֶת יָא אוֹיס, צוּם סוֹף גֵייט עֶס אַרַיינְגֵיין אִין אִים, נָאר מֶען דַארְף עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

עֶס אִיז דָא אַ הַבְטָחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶעס מָאל מֶען רֶעדְט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, טוּט עֶס אוֹיף!

## צוּם סוֹף גֵייט עֶס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער

פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן מַיינֶע יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי מֶעגְן נָאךְ הָאבְּן אַ קוּקִי פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט "יָא", אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער בַּיי מִיר אַז זֵיי גֵייעֶן מַאכְן אַ בְּרָכָה פַארְן עֶסְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרָכָה פַארְן עֶסְן, לְמַעֲשֶׂה נֶעמֶען זֵיי דֶעם קוּקִי אוּן לֵייגְן עֶס אַרַיין אִין מוֹיל אָן אַ בְּרָכָה, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: "**אַ בְּרָכָה!**" אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט מִיט זֵיי דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה: "**בָּרוּךְ אַתָּה ... בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת**".

אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ טְרַאכְט צוּ מִיר: אִיךְ הָאבּ זֵיי דָאךְ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרָכָה פַארְן עֶסְן, אוּן נָאכְאַלְץ פַארְגֶעסְן זֵיי?! אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אַז זֵיי וֶועלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן קַיין בְּרָכוֹת, וַוייל אִיךְ גֶעבּ אַ קוּק אוֹיף מַיינֶע עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, דֶער צְוֶועלְף יֶערִיגֶער בָּחוּר, אוּן דֶער גְרוֹיסֶער בָּחוּר [דֶער צוּקוּנְפְטִיגֶער חָתָן], זֶע אִיךְ וְוִי זֵיי מַאכְן שׁוֹין בְּרָכוֹת, וְוִי אַזוֹי גֶעשֶׁעט דָאס אַז וֶוען זֵיי זֶענֶען עֶלְטֶער מַאכְן זֵיי שׁוֹין בְּרָכוֹת? אִיךְ הָאבּ דָאךְ יֶעצְט גֶעדַארְפְט דֶערְמַאנֶען מַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ מַאכְן אַ בְּרָכָה אוּן אִיךְ זָאג דִיר צוּ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זֵיי אִין פוּפְצְן מִינוּט אַרוּם גֶעבְּן נָאךְ אַ קוּקִי וֶועל אִיךְ זֵיי וַוייטֶער דַארְפְן דֶערְמַאנֶען צוּ מַאכְן אַ בְּרָכָה, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט?! נָאר בֶּאֱמֶת הֶערְן זֵיי יָא! נָאר מֶען דַארְף עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מֶען זָאגְט זֵיי כְּסֵדֶר: "**מַאךְ אַ בְּרָכָה**", אוּן "**אוֹיבּ מֶען עֶסְט אָן אַ בְּרָכָה אִיז עֶס אַזוֹי וְוִי מֶען גַנְבְ'עֶט**", צוּם סוֹף וֶועט דָאס אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי, אוּן זֵיי וֶועלְן עֶס אָנְהֵייבְּן טוּן.

# כַּאפְּן
# דֶער מִיטְל וֶועג

מֶען דַארְף הֶערְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ, בִּיז מֶען וֶועט אוֹיפְכַאפְּן דִי זַאךְ וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין, דָאס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען אִין אֵיין מִינוּט, וַוייל יֶעדֶע מָאל וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַ קִינְד שְׁפִּילְט זִיךְ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען וְכַדוֹמֶה, קֶען מֶען זָאגְן אַז "עֶר שְׁטֶערְט יֶעצְט דִי כִּתָּה!" מֶען דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חָכְמָה צוּ וִויסְן אוֹיף יֶעדְן פַאל אוֹיב דָאס מֵיינְט בִּכְלַל שְׁטֶערְן.

עֶס מוּז זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין אַ כִּתָּה, עֶס מוּז זַיין 'יִרְאַת שָׁמַיִם' אִין אַ כִּתָּה, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פִילְן בַּאקְוֶועם אִין כִּתָּה מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן שְׁפִּירְן אַז דָאס אִיז 'מַיין' כִּתָּה, אֵיינְמָאל דָאס אִיז דָא, דַארְף נִישְׁט אָנְגֵיין יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס אַ קִינְד טוּט.

מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן הֶפְקֵרוּת אִין אַ כִּתָּה, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן קִינְדֶער קְרִיכְן אוֹיפְ'ן דַאךְ וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען הֶערְט סַיי וִוי אוֹיס... מֶען דַארְף אָבֶּער כַאפְּן 'דֶער מִיטְל וֶועג', מֶען קֶען נִישְׁט טוּן וָואס מֶען וִויל, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייס אִיךְ אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס.

אַסַאךְ מָאל בִּשְׁעַת אַ מְלַמֵּד דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער, לֵייגְט זִיךְ אַ קִינְד אַרָאפּ זַיין קָאפּ, אָדֶער עֶר פַּארְטִיפְּט זִיךְ מִיט זַיין מֶעסֶערְל אוּן שֵׁיילְט אָפּ הָאלְץ פוּנֶעם טִישׁ[נו], אָדֶער עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן דֶער מְלַמֵּד מֵיינְט אַז 'דֶער קִינְד הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס', אוּן עֶר הֵייבְּט אָן שְׁרַייעֶן אוֹיפְ'ן קִינְד: "נוּ! דוּ הֶערְסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר?!" דַארְף מֶען וִויסְן אַז בֶּאֱמֶת הֶערְט דָאס קִינְד יָא אוֹיס אֲפִילוּ מִיט זַיין אַרָאפְּגֶעלֵייגְטֶע קָאפּ אוּן מִיט זַיין שְׁפִּילְצֵייג, אוּן אַסַאךְ מָאל הֶעלְפְט דָאס - זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן זַיין קָאפּ אָדֶער זִיךְ אַרוּמְשְׁפִּילְן - גָאר צוּ אַז עֶר זָאל בֶּעסֶער קֶענֶען אוֹיסְהֶערְן דֶעם מְלַמֵּד.

---

**נו.** אִיךְ וִויל מֶען זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער מֶען זָאל נִישְׁט שֵׁיילְן קַיין טִישְׁן, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הִיטְן אוֹיף דִי גֶעלְט פוּן הֶקְדֵּשׁ.

אַ לֶעֱרֶערִין פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ אַ קִינְד אִין מַיין כִּתָּה וָואס הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ אוּן פָּאלְגְט נִישְׁט", הָאבּ אִיךְ אִיר צוּרִיק גֶעפְּרֶעגְט: "זִי שְׁטֶערְט אַייךְ?" עֶנְטְפֶערְט זִי: "נֵיין, זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט, אָבֶּער וֶוען אִיךְ הֵייס עֶפֶּענֶען אַ סֵפֶר עֶפְּנְט זִי נִישְׁט אוֹיף", הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיבּ זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט, מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג פוּן דֶעם".

דָאס מֵיינְט, וֶוען אַ קִינְד שְׁטֶערְט, דַארְף מֶען זֶען עֶס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן, אָבֶּער אַז דָאס קִינְד שְׁטֶערְט נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר זִי אִיז סְתַּם פַּארְקְלָאצְט, דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט טוּן.

## אֶפְשַׁר הָאט נִישְׁט דֶער קִינְד קַיין טַאטֶע מַאמֶע

מֶען דַארְף ווִיסְן אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס אִיז נִישְׁטָא דָארְט קַיין 'שִׂמְחָה'.

שִׂמְחָה אִין אַ שְׁטוּבּ אִיז פַאר דִי קִינְדֶער ווִי לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, דָאס אִיז זֵייעֶר אַקְסִידְזְשְׁען, אוֹיבּ טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ קֶענֶען דִי קִינְדֶער אָטֶעמֶען, אוּן אוֹיבּ טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, קֶען מֶען זֵיי קוֹיפְן מַתָּנוֹת, מֶען קֶען זֵיי טְרָאגְן צוּ אוֹיסְפְלוּגְן, אָבֶּער דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל פַארְקְלַאפְּט אוּן פַארְקְלֶעמְט, אוּן דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶעֱרֶערִין מֵיינְט שׁוֹין אַז דָאס קִינְד הָאט עֶפֶּעס אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט אִים.

עֶס קֶען זַיין אַז עֶס קוּמְט צוּ דִיר אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, זֵיי זֶענֶען צְוֵויי טְרוּקֶענֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע זַאכְן. דֶער טַאטֶע אִיז פַארְנוּמֶען צוּ מַאכְן גֶעלְט, אָדֶער מִיט אוֹיסְהֶערְן 'שְׁפֶּעקוּלַאצְיֶעס'; אַזוֹי זֶענֶען הַיינְט דָא מֶענְטְשְׁן, מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט גֶעלְט, נָאר דִי קָאפּ אִיז פַארְנוּמֶען אוֹיסְצוּהֶערְן 'שְׁפֶּעקוּלַאצְיֶעס', אוּן דֶער כֹּחַ הַדִּמְיוֹן אַרְבֶּעט גָאר שְׁטַארְק.

נֶעכְטְן הָאט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט פוּן אַמֶערִיקֶע גֶעזָאגְט אִין דִי נַייעֶס: "דִי וֶועלְט זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן! קְלַיימֶעט טְשֶׁענְדְזְשׁ אוּן גְלָאוּבַּל וָוארְמִינְג (דָאס מֵיינְט, דֶער טוּישׁ פוּן דִי וֶועטֶער) אִיז אַ

גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה ווִי אַן אַטָאם בָּאמְבֶּע, און דִי רוּיעֶך פוּן דִי קַארְס און פְּלֶעסְטִיק בֶּעגְס זֶענֶען אַ סַכָּנָה פַּאר דִי וֶועלְט!״ - זֶעסְטוּ שׁוֹין וואוּ מֶען הַאלְט... און מֶענְטְשְׁן הֶערְן דָאס נָאךְ אוֹיס, און אֵיין מָאל מֶען גֵייט אַרַיין אִין דֶעם, קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט מַאכְן קֵיין חִינוּךְ הַבָּנִים, וַוייל מֶען זֶעט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, מֶען זֶעט שׁוֹין נָאר בְּלוּט און בֵּיינֶער, און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס...

ווִידֶער דִי מַאמֶע אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט אִירֶע דָאקְטוֹרִים, מִיט אִירֶע גֶעזוּנְטְהֵייט זַאכְן; זִי וֵוייסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן קֵיין ׳מִילְכִיגְס׳ וַוייל אוֹיבּ מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס גֵייט דִי וֶועלְט צוּזַאמְפַּאלְן... אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן קֵיין ׳וַוייסֶע בְּרוֹיט׳, וַוייל מֶען וַואשְׁט דָאךְ עֶס מִיט בְּלִיטְשׁ (שֶׁעדְלִיכֶע זֵייף), און אוֹיבּ מֶען עֶסְט עֶס גֵייט דִי לְבָנָה אַרָאפְּפַאלְן... אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן ׳וַוייסֶע רַייז׳ וַוייל אוֹיבּ מֶען עֶסְט וַוייסֶע רַייז גֵייט דִי הִימְל אַרָאפְּפַאלְן...[נז]

יֶעצְט וֶוען דִי יוּנְגֶע נְשָׁמָה׳לֶע קוּמְט אִין חֵדֶר, ווִיל עֶר נִישְׁט קֵיין חוּצְפָּה, נָאר עֶר הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט קֵיין הֵיים, עֶר וַוארְט אַז דֶער מְלַמֵד זָאל אִים זָאגְן: ״**אַ גוּט מָארְגְן**״, און אִים נָאכְאַמָאל גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, און נָאכְאַמָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ זִיצְן, און נָאכְאַמָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן.

# שְׁטְרֶענְג אִיז רַחְמָנוּת

אִיךְ הָאבּ דִי וָואךְ גֶערֶעדְט מִיט אַ מְלַמֵד פוּן שְׁטֶעטְל, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין שְׁטְרֶענְג, אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער״, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: ״שְׁטְרֶענְג אִיז נִישְׁט דָאס פַּארְקֶערְטֶע פוּן רַחְמָנוּת! אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין שְׁטְרֶענְג, דִי קִינְדֶער קֶענֶען טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, מַאךְ אִיךְ צוּ דִי כִּתָּה! וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין חִינוּךְ פַּאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען קֶען טוּן

---

**נז.** דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַלְס וֶוערְטְל: אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דִיר אִינְדֶערְהֵיים אַלְס גַאסְט, זָאלְסְטוּ מִיר סְפֶּעצִיעֶל מַאכְן דִי וַוייסֶע רַייז, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט...

וָואס מֶען וויל וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט. וֶוען דוּ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט גֶענוּג - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט קַיין צְוֵוייטְן וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן דִיר, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען טַאנְצְט אוֹיף דַיין קָאפּ, אוּן מֶען קֶען טוּן וָואס מֶען וִויל, אִיז דָאס דָאךְ אַ הִירוּס אִין חִינוּךְ, מַאךְ אִיךְ צוּ דִי כִּתָּה אוּן גֵיי אַהֵיים!"

פְּרֶעגְט מִיר דֶער מְלַמֵד: "אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין שְׁטְרֶענְג? דָאס הַארְץ גֵייט מִיךְ אוֹיס פַאר דִי קִינְדֶער!" זָאג אִיךְ אִים: "דָאס אִיז נִישְׁט רַחְמָנוּת; רַחְמָנוּת אִיז טַייטְשׁ 'דֶערְבַּארֶעמְקֵייט', אוּן דָאס וָואס דוּ טוּסְט אִיז 'אוּם דֶערְבַּארֶעמְקֵייט', דָאס אִיז שְׁלֶעכְט אוּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט דִי קִינְדֶער".

'שְׁטְרֶענְג' אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ רוּפְט מֶען: 'רַחְמָנוּת'!

אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער אַז מֶען מוּז זִיצְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט, אִיז דָאס רַחְמָנוּת; דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס לֶעבְּן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ אַ קִינְד וֵויינְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן, אוּן מֶען זָאגְט אִים שְׁטְרֶענְג: **"מֶען מוּז גֵיין שְׁלָאפְן"**, - אִיז דָאס רַחְמָנוּת, אוּן אוֹיבּ מֶען לָאזְט אִים אוֹיסְפִּירְן אוּן בְּלַייבְּן אוֹיף - אִיז דָאס שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט!

מַיין קְלֵיינֶער זוּן וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט קַיין צְוֵויי יָאר, הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם סְפֶּעצִיעֶלְן שְׁפְּרִיצֶער וָואס אִיז אַ מֶעדִיצִין צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם אָטֶעם. אִיךְ הָאבּ עֶס צוּגֶענוּמֶען פוּן אִים אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן וִוי עֶר קוּקְט מִיךְ אָן אוּן עֶר וֵויינְט, וִוי צוּ זָאגְן אַז אִיךְ בִּין שְׁלֶעכְט צוּ אִים, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'עֶס קוּקְט דִיר אוֹיס אַז אִיךְ בִּין שְׁלֶעכְט, אָבֶּער בִּין אִיךְ דֶען שְׁלֶעכְט?! אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר! אִיךְ וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דֶעם וַוייל עֶס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר דִיר!'

## שְׁטְרֶענְג נָאר מִיט דִי מוֹיל

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן 'וָואס מֵיינְט שְׁטְרֶענְג'; עֶס מֵיינְט נִישְׁט גֶעבְּן אַ כַאפּ אָן אַ קִינְדְ'ס הַאנְט אוּן גֶעבְּן אַ דְרוּק אוּן אַ צִיפּ... חַס וְשָׁלוֹם! שְׁטְרֶענְג מֵיינְט רֶעדְן מִיט דִי מוֹיל.

די וָואךְ אִיז אַ אִינגְל גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען אַז עֶר הָאט זִיךְ שִׁיעֶר צֶעבְּרוֹכְן זַיין הַאנְט, וַוייל זַיין רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט, הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּם מְלַמֵּד, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם קִינְדְ'ס הַאנְט אוּן דֶער קִינְד הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן פוּנֶעם מְלַמֵּד'ס הֶענְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דְרֵייעֶן זַיין הַאנְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ עֶס אַלֵיין אוֹיסְגֶעדְרֵייט, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען קֶען מְחַנֵּךְ זַיין מִיט דִי מוֹיל, מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל: "**מֶען מוּז זִיצְן**", "**אוֹיבּ מֶען זִיצְט נִישְׁט וֶועל אִיךְ מוּזְן שִׁיקְן צוּם מְנַהֵל**", אָבֶּער עַל כָּל פָּנִים - נִישְׁט מִיט הֶענְט.

## תַּלְמִידִים דַארְפְן זַיין בַּאלִיבְּט ווִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער

טַייעֶרֶע חָשׁוּבֶ'עֶ מְלַמְּדִים, אוֹיבּ דַארְפְט עֶטֶץ נָאךְ חִיזוּק, בֶּעט אִיךְ עֶנְק, זָאגְטְס מִיר, אִיךְ וֵוייס דָאךְ נִישְׁט וִויפִיל חִיזוּק עֶנְק צוּ גֶעבְּן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִויפִיל מֶען דַארף רֶעדְן, אִיךְ וִויל עֶנְק גֶעבְּן נָאךְ חִיזוּק אוּן נָאךְ חִיזוּק.

די מְלַמְּדִים זָאלְן וִויסְן 'וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ אֲנִי ה'', עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט וִויסְן, נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, נִישְׁט דֶער מְנַהֵל, אוּן נִישְׁט קֵיינֶער; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי דִיר אִין מֹחַ, צִי בַּיי דִיר אִין מֹחַ אִיז חָשׁוּב דַיין אֻמְּט, צִי עֶס אִיז דִיר צוּם הַארְצְן, אָדֶער עֶס אִיז כְּשׁוֹר לְעוֹל וְכַחֲמוֹר לְמַשָּׂא.

אַ מְלַמֵּד דַארף זִיךְ אַלֵיינְס פְּרֶעגְן, הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה צוּ זַיין אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער, אָדֶער נִישְׁט? - אַוַודַאי אִיז גְרִינְגֶער צוּ זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן הָאבְּן אַ טָאג וַואקַאצְיֶע, אוֹיךְ שַׁבָּת רוּט מֶען זִיךְ אָפּ, אָנְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט אָנְגֵיין, אָבֶּער טְרַאכְט אַרַיין וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב וָואס זִיבְּן טֶעג אִיז נִישְׁטָא קֵיין חֵדֶר, כַאפְּט דִיךְ אָן אִינְמִיטְן חוֹל הַמּוֹעֵד אַ בֶּענְקְשַׁאפְט 'וואוּ זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער?' 'וָואס מַאכְן מַיינֶע תַּלְמִידִים?' חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (סַנְהֶדְרִין יט:): "**כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילּוּ יְלָדוֹ**", תַּלְמִידִים דַארְפְן זַיין בַּאלִיבְּט ווִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער![נח]

---

**נח.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט

גֶעשְׁרִיבְּן אִין אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן נָאךְ יוֹם טוֹב פֶּסַח פוּן דֶעם עִנְיָן:

## פְּרִישֶׁע זַאכְן אִין דִי קְהִילָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, כ״ד נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דִי זְמַן אִין יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט. אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן פְּרִישׁ, דִי בָּחוּרִים דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען עֶפֶּעס וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען; אַזוֹי טֵייעֶר, אַזוֹי עֶרְלִיךְ - מַמָּשׁ אַ מַתְּנַת חִנָּם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ בֶּעט אַזוֹיפִיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף תַּלְמִידִים הֲגוּנִים, בָּרוּךְ ה׳ אַז יֶעצְט זֶענֶען אַלֶע גוּטֶע תַּלְמִידִים.

אוֹיךְ דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא הָאט זִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פְּרִישְׁקֵייט; דִי מְלַמְּדִים, דִי טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען צוּרִיק בַּיי דִי אַרְבֶּעט מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, זֵיי זָאגְן אַלֶע אַז זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעוַוארְט שׁוֹין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, אִיךְ הָאבּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יוֹם טוֹב גֶעהֶערְט פוּן אַזוֹיפִיל אִינְגֶעלַייט, וִוי זֵיי וֵויינֶען אוּן זָאגְן: ״הַלְוַואי עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט דֶער יוֹם טוֹב, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט״, אוּן נָאר דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי בֶּענְקֶען זִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער; אַז אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער בֶּענְקְט צוּ דִי קִינְדֶער - דָאס אִיז אַ גוּטֶע סִימָן, דָאס וַוייזְט אַז זֵיי אַרְבֶּעטְן נִישְׁט פַאר דִי גֶעלְט, זֵיי אַרְבֶּעטְן וַוייל זֵיי הָאבְּן לִיבּ דִי אַרְבֶּעט, זֵיי ווִילְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס טוּט זִיךְ יֶעצְט אִין דִי קְהִילָה אַזוֹיפִיל נֵייעֶ זַאכְן; אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן אַלֶעס צוּ שְׁרַייבְּן. מִיר קוֹיפְן יֶעצְט אַ קָאנְטְרִי פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע וָואס ווִילְן קוּמֶען אִין קָאנְטְרִי, זֵיי ווִילְן זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶ מִשְׁפָּחוֹת - זָאלְן זִיךְ מֶעלְדְן צוּ הָאבְרֵךְ יְשַׁעְיָ׳ אֵיידְלִיס.

נִישְׁט אַלֶע ווִילְן קוּמֶען, נִישְׁט אַלֶע מוּזְן קוּמֶען; עֶס זֶענֶען דָא וָואס ווִילְן גֵיין אִין פְּלֶעצֶער וָואס מֶען טֵיילְט נִישְׁט אַיין וָואס צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן; בַּיי אוּנְז טֵיילְט מֶען יָא אַיין וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן, בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה מוּז מֶען זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט. אֵיינֶע פוּן דִי תַּקָּנוֹת אִין קָאנְטְרִי וֶועט זַיין אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁווִימֶען נָאר בִּצְנִיעוּת, בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל לֶערְנְט מֶען דִי מֵיידְלֶעךְ אַז מֶען קֶען נָאר שְׁווִימֶען מִיט אַ קְלֵייד, דֶערִיבֶּער נָאר וֶוער עֶס ווִיל לֶעבְן אַ לֶעבְן וָואס מֶען זָאגְט וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן - וֶועט קֶענֶען זַיין אִין אוּנְזֶער קָאנְטְרִי.

עֶס טוּט זִיךְ יֶעצְט גְרוֹיסֶע זַאכְן, דִי בֵּית הַדְּפוּס צִיט זִיךְ יֶעצְט אַרִיבֶּער אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן אִין דִי גְּלִילוֹת פוּן שְׁטֶעטְל, נֶעבְן דֶעם בִּנְיָן פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה; מֶען פְּלַאנְט יֶעצְט אַ שֵׁיינֶע חֲנֻכַּת הַבַּיִת, עֶס קֶען זַיין מֶען

# מִיט וָואס אִיז מַיין
# קָאפּ פַארְנוּמֶען?

יָארְן צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, (עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ וִויסְן וואוּ, וָואס אוּן וֶוען), דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעווִיסֶע מְלַמְדִים וָואס מֶען קֶען רִיכְטִיג אָנְרוּפְן 'מְלַמְדִים', זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעטְרֵיי צוּ דִי קִינְדֶערְ, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעוֶוען מְלַמְדִים וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס פַאר אַ בִּיזְנֶעס זֵיי מַאכְן, אֵיין זַאךְ הָאבְּן דִי קִינְדֶער יָא גֶעוואוּסְט 'אַ מְלַמֵּד אִיז עֶר נִישְׁט', זֵייעֶר קָאפּ אִיז גֶעלִיגְן אִין קוֹיפְן הַייזֶער[נט].

---

וֶועט דָאס מַאכְן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר, פֶּסַח שֵׁנִי, - אַ שֵׁיינֶעם מַעֲמָד חֲנֻכַּת הַבַּיִת; מֶען וֶועט לָאזְן וִויסְן אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין גְרֵייט פַאר דֶעם.

עֶס טוּט זִיךְ גְרוֹיסֶע זַאכְן, אִיךְ קֶען דִיר נָאךְ אַסַאךְ שְׁרַייבְּן; בְּלִי נֶדֶר וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן, אָבֶּער יֶעצְט מוּז אִיךְ אַהֵיים לוֹיפְן הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט יֶעצְט מַאֲרִיךְ זַיין.

אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן לָאז דַיין טֶעלֶעפָאן אִין קַאר בְּשְׁעַת'ן דַאוֶונֶען; דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַזוֹיפִיל הַצְלָחָה אַז דִי פָּאר מִינוּט וָואס דוּ דַאוֶוענְסְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן דַיין טֶעלֶעפָאן מִיט דִיר.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי קְהִילָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמוֹר) שְׁנַת תשפ"ב)

**נט.** מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אֵיין טָאג פַארְן גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר, וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דֶעם עִנְיָן:

**אַז דוּ הָאסְט הַנָאָה פוּן דִי מְלַמְּדוּת, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ג שׁוֹבָבִי"ם, ט' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּתַלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ ווילְסְט זַיין אַ סוֹחֵר, דוּ ווִילְסְט קוֹיפְן הַייזֶער, אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, קֶענְסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן מִיט הַייזֶער, אָבֶּער מִישׁ עֶס נִישְׁט אוֹיס מִיט מְלַמְּדוּת!

טְרַאכְט אַרַיין: 'מִיט וָואס אִיז מַיין קָאפּ פַּארְנוּמֶען?' - צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען בֶּעסֶער מַאכְן אִין חֵדֶר, ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען הָאבּ אַ שְׁפְּרַאךְ אוּן אַ צוּגַאנְג צוּ דֶעם קִינְד וָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶר דַארְף מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז 'עֶס נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז דֶער קִינְד דַארְף מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן', פַּארְקֶערְט, דֶער קִינְד דַארְף מִיךְ דִי מֶערְסְטֶע הָאבְּן, דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען הָאבְּן אַ צוּגַאנְג צוּ דֶעם קִינְד, אָדֶער אִיז מַיין קָאפּ פַּארְנוּמֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען קוֹיפְן הַייזֶער?!

## וָואס נֶעמְט אַ קִינְד מִיט אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן?

מִיר הָאבְּן פְּרִיעֶר גֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף קִינְדֶער מִיט אַ וַוייטֶע בְּלִיק, אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זַאכְן וָואס וֶועלְן בְּלַייבְּן מִיטְ'ן קִינְד אוֹיף זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

---

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט הֲנָאָה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין; אוֹיבּ דִי קָאפּ לִיגְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ אוּן מֶען קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער אַבִּי גֶעזוּנְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד - אִיז נִישְׁטָא קַיין הַצְלָחָה אוּן דָאס אִיז גְנֵיבָה וּגְזֵילָה. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעדַארְפְט פַּארְשִׁיקְן אַ מְלַמֵּד בַּיי אוּנְז וָואס זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז גֶעוֶועןְ קוֹיפְן אוּן פַּארְקוֹיפְן, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע פְּרִיאַרִיטֶעט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֵייג זִיךְ אַרַיין אִינְגַאנְצְן פַאר דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְט וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער דִי אַרְבֶּעט. אוֹיךְ דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלַייךְ אוֹיבּ זֵייעֶר רֶבִּי אִיז מִיט זֵיי בְּגוּף וְנֶפֶשׁ, אָדֶער עֶר אִיז נָאר דָארְט בְּגוּף אָן קַיין נְשָׁמָה. קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט זַיין חוּצְפָּה'דִיג, קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיס זֵייעֶר מַזָל, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז דֶער רֶבִּי אִיז עֶרְנְסְט מִיט דִי אַרְבֶּעט, דֶער מְלַמֵּד אִיז אִינְגַאנְצְן מִיט זֵיי - וֶוערְן זֵיי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים אוּן דִי אַרְבֶּעט גֵייט גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמַאק.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס אַ נְקוּדָה פוּן חֵדֶר, אִיךְ ווִיל ווִיסְן יֶעדֶע

**דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א האָט זיך אָנְגערוּפְן צוּם מְחוּתָּן דער מְלַמֵּד:** דוּ הָאסְט דָאךְ תַּלְמִידִים וָואס הָאבְן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶע זֶענֶען ווּאוּילֶע אִינְגֶעלַייט, צְווִישְׁן דִי מְלַמְּדִים וָואס זִיצְן יֶעצְט דָא בַּיים שֶׁבַע בְּרָכוֹת, גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיךְ אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דַיינֶע תַּלְמִידִים; לָאמִיר אָנְכַאפְּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען מִיט דִי יָארְן גֶעוָוארְן עֶלֶעקְטֶערִישָׁאנְס, וָואס אִיז זֵיי גֶעבְּלִיבְן פוּן דִי יָארְן וָואס זֵיי הָאבְן גֶעלֶערְנְט בַּיי דִיר אִין כִּתָּה?

**האָט דער מְחוּתָּן גֶעעֶנְטְפֶערְט:** "דִי עִבְרִי וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי דָאס נֶעמֶען זֵיי מִיט אוֹיפְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן".

**האָט דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** עִבְרִי אִיז אָפְּגֶערֶעדְט אַז דָאס בְּלַייבְּט פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, דָאס אִיז פָּשׁוּט, לָאמִיר זֶען וָואס נָאךְ בְּלַייבְּט אוֹיף דִי זִיבֶּעצִיג יָאר וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט. אוּן דער ראֹש יְשִׁיבָה האָט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט: נֶעגְל וַואסֶער, צִיצִית, מַאכְן בְּרָכוֹת, דַאווְענֶען, קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, זִיךְ וַואשְׁן "עַל נְטִילַת יָדָיִם" פַאר מֶען עֶסְט בְּרוֹיט, מַאכְן אֲשֶׁר יָצַר וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַכִּסֵּא, צְנִיעוּת; אַ מְלַמֵּד דַארְף קוּקְן אוֹיבּ אִיז דָא קִינְדֶער וָואס רֶעדְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן אוֹיבּ עֶר זֶעט אַז מֶען רֶעדְט זָאל עֶר זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען: **"מֶען רֶעדְט נִישְׁט אִין בֵּית הַכִּסֵּא", "מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא".**

## ווִי אַזוֹי בּוֹיעֶט מֶען בֵּית הַכִּסֵּא'ס אִין עֶפְנְטְלִיכֶע פְלֶעצֶער?

אִיךְ בִּין מַקְפִּיד אַז אִין אַלֶע בִּנְיָנֵי הַמּוֹסְדוֹת וָואס מִיר הָאבְן, זָאלְן דִי וֶוענְט פוּן דִי בֵּית הַכִּסֵּא'ס זַיין אַבִּיסְל אָפְן פוּן אוּנְטְן, מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְן גֶענְצְלִיךְ פַארְמַאכְטֶע בֵּית הַכִּסֵּא'ס.

---

פִּינְטְל אוּן יֶעדֶע הָאר פוּן חֵדֶר; דִי חֵדֶר אִיז מִיר דָאס טֵייעֶרְסְטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אִינֶעם מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת יִתְרוֹ שְׁנַת תשפ"ג)

אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין שְׁטֶעטְל הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ טָעוּת בַּיים בּוֹיעָן דִי בֵּית הַכִּסֵא׳ס, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי טִירְן כִּמְעַט בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי בּוֹיעֶרְס אַז אִין דִי עֶפְּנְטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער דַארְפְן דִי בֵּית הַכִּסֵא׳ס זַיין אָפְן פוּן אוּנְטְן, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז אִינְגֶעלַייט ווִילְן עֶס זָאל זַיין מֶער בַּאקְוֶועם, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: ״אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִין אָפִּיס קֶען מֶען מַאכְן ווִי אַזוֹי עֶס אִיז בַּאקְוֶועם, אָבֶער דָא מוּז אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער!״ אוּן מֶען הָאט גֶעצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט עֶס אִיבֶּער צוּ מַאכְן[ס].

אוֹיךְ אִינֶעם ׳בִּנְיַן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳ אִין אוּמַאן הָאט מֶען גֶעהַאט גֶעבּוֹיעֶט פֶּענְסִי (שֵׁיינֶע) בֵּית הַכִּסֵא׳ס פַארְמַאכְט בִּיז אוּנְטְן, עֶס הָאט מִיךְ מַמָשׁ אוֹיפְגֶעגֶעסְן דָאס גֶעזוּנְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי גַבָּאִים אִיךְ ווִיל דָאס נִישְׁט הָאבְּן, אוֹיבְן אִין דִי צִימֶערְן קֶען עֶס זַיין פַארְמַאכְט, ווַייל יֶעדֶער ווֵייסְט מִיט ווֶעלְכֶע צֶען מֶענְטְשְׁן עֶר שְׁלָאפְט, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען נָאךְ אוֹיךְ הָאבְּן רַחֲמֵי שָׁמַיִם עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹלוֹת, אָבֶער אִין אַ מָקוֹם רַבִּים דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, עֶס מוּז זַיין אָפְן פוּן אוּנְטְן, אוּן מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן אַלֶע בֵּית הַכִּסֵא׳ס פוּן אוּנְטְן.

## מְחַנֵךְ זַיין אָן פֶּעטְשׁ

מְלַמְדִים דַארְפְן צוּלֵייגְן קָאפּ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן הֵיילִיג. אוֹיבּ מֶען כַאפְּט אַ אִינְגְל זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אַ צְווֵייטְן, זָאגְט מֶען אִים: **״מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט״.**

אַ מְלַמֵד הָאט מִיר אָנְגֶערוּפְן דִי ווָאךְ אוּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ קִינְד זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אַן אַנְדֶערֶער קִינְד,

ס. סֵיי ווִי נוּצְט מֶען נִישְׁט גֶעווֶענְלִיךְ צוּפִיל דִי סָארְט בֵּית הַכִּסֵא׳ס אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, ווַייל פַאר מֶען קוּמְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיז מֶען זִיךְ מְיַשֵׁב אוּן מְסַדֵר אַלֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע גֶעבְּרוֹיכְן.

ער פְרֶעגְט מִיר: "וָואס טוּט מֶען?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף אִים מְחַנֵךְ זַיין!"

וֶוען מֶען כַאפְּט קִינְדֶער זִיךְ שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל, וֶוערְט מֶען נִישְׁט שְׁטוּם אוּן מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטֵיין קוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין רוֹצֵחַ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁלָאגְן, וָואס דֶען? מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ, מֶען זָאגְט זֵיי: **"דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"**, אוּן אוֹיבּ עֶס פַּאסִירְט שׁוֹין אַ צְוֵוייטֶע מָאל, מֶען זֶעט אַז עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט בְּלוֹיז רֶעדְן, וֶועט מֶען שׁוֹין דַארְפְן גֶעבְּן אַ פֶּעטְשֶׁעלֶע, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז אַן עֶלְטֶערֶער קִינְד, דַארְף מֶען שׁוֹין זֶען וָואס צוּ טוּן.

## דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים

טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ אִידִישׁ קִינְד, אַ בָּחוּר, וָואס אִיז גֶעבֶּען אַ פָּאלִיצִיאַנְט, אִיךְ הָאבּ אִים בַּאגְרִיסְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאפְרַיינְדְט מִיט אִים, זָאגְט עֶר מִיר: "דוּ וֵוייסְט וָואס אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן אַלֶע מַיינֶע יָארְן אִין חֵדֶר? אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אֵיין מְלַמֵד וָואס פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס גֶעדֶענְק אִיךְ, מֶער גֶעדֶענְק אִיךְ גָארְנִישְׁט", דָאס אִיז מַמָשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט כְּסֵדֶר פַאר דִי מְלַמְדִים אִין דִי בְּרִיוְון: "דֶערְצֵייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר דִי קִינְדֶער".

מֶען קֶען נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת, מֶען מוּז אוֹיךְ לֶערְנֶען עִבְרִי, חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג דֶערְצֵיילְן כָאטְשׁ אֵיין מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, אוּן אִין דִי מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען אַרֵיינְלֵייגְן מוּסָר. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ אַ טַאטֶע הָאט דִיר נֶעכְטְן נַאכְט אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט אַז זַיין קִינְד פָּאלְגְט נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, מוּזְטוּ נָאכְנִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אוֹיסְרוּפְן: "קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרוֹיף רוּפְן אַ אִינְגְל וָואס פָּאלְגְט נִישְׁט זַיין טַאטֶע", אוּן אִים פַארְשֶׁעמֶען אִין פָאָרְנְט פוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, פַארְוָואס זָאל מֶען אִים פַארְשֶׁעמֶען בָּרַבִּים? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט

גֶעפָּאלְגְט אִינְדֶערְהֵיים?! קֵיינֶער פָּאלְגְט דָאךְ נִישְׁט אַלְס קִינְד, דֶערְמַאן זִיךְ פוּן דַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט אַלְס קִינְד!

טוּ אַנְדֶערְשׁ, זָאג פַּאר דִי קִינְדֶער: "**אִיךְ גֵיי עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב**", אוּן דֶערְצֵייל זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ מַאמֶע, וַוייל זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבּוֹירְן[סא], בְּתוֹךְ הַדְבָרִים וֶועסְטוּ זָאגְן: "**דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע, צוּ אַ טַאטֶע דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע!**" אַזוֹי וֶועט עֶס אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער.

## א מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעגְרֵייט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ וֶועל אַרַיינְלֵייגְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִינֶעם אָפְּטֵיילוּנְג "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער", דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט זַיינֶע הֶענְט וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן זַיין מַאמֶע אַלְס קְלֵיין קִינְד[סב], אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶער מֶעלֶער זָאל

---

**סא.** זֶע דִי מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת אִין עָמוּד קלא.

**סב.** מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט דִי מַעֲשֶׂה, אִין דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרְשַׁת יִתְרוֹ אוּן מִשְׁפָּטִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן:

**עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק מַעֲשֶׂה:**

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שְׁרֵייעֶן קוֹלוֹת, אֵיינֶער שְׁרֵייט מִיט אַ וֵוייגֶעדִיגֶע שְׁטִימֶע: "אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!"

וֶוער וֵויינְט דָארְט? וֶוער שְׁרֵייט דָארְט? וָואס גֵייט דָארְט פָּאר?!

קִינְדֶער הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ אַ הֵיילִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּנֶעם צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. גֶעוֶוען אִיז דָארְט אַמָאל זַיין טָאכְטֶער מִיט אִיר קְלֵיין קִינְד, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק זֶעט ווִי זַיינְס

אַן אֵיינִיקְל אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי׳לֶע פַּאטְשְׁט דִי מַאמֶע, אַזוֹי וִוי קְלֵיינֶע קִינְדֶער טוּעֶן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אוּן שְׁרַייעֶן: ״אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!״ דֶער צַדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען דִי צַדֶּיקֶת מִירִישׁ, דִי מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ, רוּפְט זִי זִיךְ אָן: ״מֵילֶעךְ, וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי הָאסְטוּ מִיךְ אוֹיךְ גֶעפַּאטְשְׁט...״ וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר שִׁיעוּר נִישְׁט גֶע׳חַלֶשְׁ׳ט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: ״אִיךְ הָאבּ גֶעפַּאטְשְׁט מַאמִי!״ עֶר אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּם פֵייעֶר, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אִין פֵייעֶר אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דִי עֲבֵירָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפַּאטְשְׁט מַיין מַאמֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען קְלֵיין אָן קַיין שֵׂכֶל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס אִיךְ טוּ״; אַזוֹי אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן.

קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן דָא אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה, מִיר וֶועלְן דֶערְצֵיילְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וַוייטֶער דִי מַעֲשֶׂה.

קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה?

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע, וִוי שְׁטַארְק מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַ מַאמֶע.

אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה אוֹיף עֲבֵירוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי קְלֵיין אָן קַיין שֵׂכֶל.

מִיר בְּרֶסְלֶבֶ׳ער קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט טוּן קַיין סִיגוּפִים, מִיר מַאכְן נִישְׁט וָואס דִי צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת מַאכְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט מִיר זָאלְן דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, מִיר זָאלְן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: ״חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֹנִי לֹא כִסִּיתִי, חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֹנִי לֹא כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַה׳, וְאַתָּה נָשָׂאתָ, עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַה׳, וְאַתָּה נָשָׂאתָ, עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה, פַארְגֶעבּ מִיר מַיין זִינְד, אִיךְ בִּין דָאךְ דַיין קִינְד, אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ דִיר, עֶפְן מִיר אוֹיף דַיין טִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְקְרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, בַּאגְלֵייט מִיר אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין פוּן הַיינְט זַיין גוּט״.

**צְווייטֶע חֵלֶק מַעֲשֶׂה:**

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

וֶוער גֶעדֶענְקְט וואוּ מִיר הַאלְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה? מִיר הָאבְּן דֶערְצֵיילְט וִוי דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ אָפְּגֶעבְּרֶענְט זַיינֶע הֶענְט, וֶוען זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת מִירִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר אִיר גֶעפַּאטְשְׁט, דֶער צַדִיק הָאט גֶעוֵויינְט: "אַ מַאמֶע הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁלָאגְן?!" עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם פֵייעֶר אוּן זִיךְ פַארְבְּרֶענְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט.

יֶעצְט קִינְדֶער וֶועלְן מִיר וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן. דֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִויל גֵיין דַאוֶוענֶען, עֶר וִויל אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מִצְוָה מִיר זָאלְן אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט דִי מִצְוָה, דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין הוֹיבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען הָאט בַּר מִצְוָה, וֶוען מֶען וֶוערְט דְרַייצְן יָאר אַלְט; דֶעמָאלְט טוּט אָן יֶעדֶער אִיד דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין.

דֶער צַדִיק נֶעמְט זַיינֶע תְּפִילִין אוּן גֵייט אִין שׁוּל מִיט אַ שִׂמְחָה, עֶר טַאנְצְט אַ גַאנְצֶע וֶועג, עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער: "אִיךְ דַאנְק דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל טוּן דִי מִצְוָה פוּן אָנְטוּן תְּפִילִין".

עֶר קוּמְט אַרַיין אִין שׁוּל, עֶר צִיט אַרוֹיף זַיין הֶעמְד אוּן עֶר זֶעט אַז זַיינֶע הֶענְט זֶענֶען אִים פַארְבְּרֶענְט, עֶר הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען: "אוֹי וֵויי, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין..." דֶער צַדִיק הוֹיבְּט אָן מַאכְן תְּפִילוֹת, עֶר בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק אָנְטוּן תְּפִילִין, אִיךְ וִויל טוּן דַיין מִצְוָה, אָבֶּער מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט. בַּאשֶׁעפֶער, אַ נֵס מַאךְ מִיר יֶעצְט אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, הֵייל אוֹיס מַיינֶע הֶענְט".

אוּן... וואוּנְדֶער גֶעשֶׁעט, עֶר גֶעבְּט אַ קוּק אוּן עֶר זֶעט נֵייעֶ הֶענְט, שֵׁיינֶע הֶענְט, אוֹיסְגֶעהֵיילְטֶע הֶענְט; עֶס אִיז מֶער נִישְׁט שְׁוַוארְץ, עֶס בְּלוּט מֶער נִישְׁט, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שֵׁיינֶע נֵייעֶ הֶענְט אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד.

עֶר זָאגְט: "אִיךְ דַאנְק דִיר טַאטֶע, אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער אַז מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְהֵיילְט, אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין!"

קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן שׁוֹין פָארִיגֶע וָואךְ דֶערְצֵיילְט אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מִיר דַארְפְן נִישְׁט טוּן דִי שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מִיר דַארְפְן נִישְׁט פַאסְטְן אוּן טוּן דִי זַאכְן וָואס פַּייניגְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים; אַנְשְׁטָאט פַאסְטְן אוּן מַאכְן סִיגוּפִים - זָאגְט דֶער רֶבִּי - זָאלְן מִיר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מָאלְן אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע בִּילְד מֶען זָאל זֶען וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ בְּרֶענְט זִיךְ אָפּ זַיינֶע הֶענְט, און אִין דִי זַייט אִיז דָא אַ קָאוֹטְשׁ (סָאפֶע), וָואס עֶס זִיצְן דֶערוֹיף זַיין מַאמֶע אַן עֶלְטֶערֶע פְרוֹי, און זַיין טָאכְטֶער אַ פְּרוֹי מִיט אַ קִינְד, און מֶען זֶעט וִוי דֶער קִינְד פַּאטְשְׁט דִי פָּנִים פוּן זַיין מַאמֶע, אִיךְ הָאבּ סְפֶּעצִיעֶל אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי מַעֲשֶׂה, וַוייל אִיךְ וִויל אַז דִי מְלַמְדִים זָאלְן עֶס נֶעמֶען און עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער, און בִּשְׁעַת'ן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה זָאל מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן טַאטֶע מַאמֶע!

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, הָאבְּן מִיר אַלֶע תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

וֶוען מֶען קוּמְט אָן צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מַעֲשֶׂה: "הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען און שְׁרַייעֶן: 'אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!' דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע" - זָאגְט מֶען עֶס מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פֵייעֶר, מֶען פְרֶעגְט הוֹיךְ פוּן דִי קִינְדֶער: **"אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!"**

אַ קִינְד וָואס הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אֵיין מָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע.

---

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אָבֶּער יָא פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אוֹיף זַאכְן וָואס זֶעט אוֹיס מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אַז דָאס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן, אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק הָאט גֶעטוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר נֵייעֶ הֶענְט. דָאס גֵייעֶן מִיר טוּן, מִיר גֵייעֶן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיךְ וֶועלְן מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּנְזֶער טַאטֶע מַאמֶע, מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע מַאמֶע, מִיר וֶועלְן רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ און נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה.

אַלֶע קִינְדֶער זֶעצְן זִיךְ שֵׁיין אַרָאפּ און מִיר גֵייעֶן זִינְגֶען דִי שֵׁיינֶע לִיד: "וֶוען פוּן אַ הֵיילִיגֶער צַדִיק מֶען שְׁמוּעֶסְט - וֶוערְט דֶער לֶעבְּן זַייעֶר זִיס, וֶוען מֶען רֶעדְט וָואס אַ צַדִיק טוּט - וֶוערְט מֶען עֶרְלִיךְ אִין אֵיין מִינוּט", אַלֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען: "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ - צוּ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין עֶרְלִיךְ, רֶעדְן פוּן צַדִיקִים אִיז דִי זַאךְ - אַזוֹי פוּן בַּאשֶׁעפֶער מֶען טְרַאכְט".

מֵיינְטְס אָבֶּער נִישְׁט אַז נָאךְ 'אֵיין דְרָשָׁה' גֵייט מֶען גְלַייךְ אוֹיפְהֶערְן שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, אַ קִינְד וָואס שְׁלָאגְט זַיין מַאמֶע אִיז דָאס שׁוֹין גֶעוָוארְן בַּיי אִים אַ נַאטוּר, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ שְׁלָאגְן אוּן וַוארְפְן זַאכְן וְכוּ', וַוייל זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען אַז מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט דֶערְפוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועט מֶען זִיךְ אָנְהֵייבְּן שֶׁעמֶען דָאס צוּ טוּן, אוּן מֶען וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן מִתְוַודֶה זַיין אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם.

## חִינוּךְ אִיז עֲבוֹדַת בֵּית הַמִקְדָשׁ

עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ אַז מֶען הָאט דָא אַ מִשְׁפָּחָה וָואס דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז עוֹסֵק אִין מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער חָתָן אִיז אַ מְלַמֵד, דִי כַּלָה אִיז אַ לֶערֶערִין, דֶער חָתָן'ס טַאטֶע אִיז דֶער מְנַהֵל, אוּן דִי כַּלָה'ס טַאטֶע אִיז אַ מְלַמֵד, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז עוֹסֵק אִין "עֲבוֹדַת בֵּית הַמִקְדָשׁ".

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פוּן צַדִיקִים זֵייעֶר אַ טֵייעֶר וָוארְט; אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעזָאגְט אוּן אִיךְ ווִיל עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן. עֶס שְׁטֵייט אִין רַמְבַּ"ם הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה (פֶּרֶק ב, הֲלָכָה ב): "**וְאֵין מְבַטְּלִין הַתִּינוֹקוֹת, וַאֲפִלּוּ לְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ**", אוֹיבּ מָשִׁיחַ אִיז אִינְדְרוֹיסְן, מֶען וָוארְט מֶען זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, דִי עַסְקָנִים שְׁווִיצְן אוּן זֵיי בֶּעטְן זִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד זָאל לָאזְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין הֶעלְפְן, דַארְף זֵיי דֶער מְלַמֵד זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען, מֶען דַארְף יֶעצְט וַוייטֶער לֶערְנֶען", אוּן זֵיי זָאלְן וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ: "**וַיְהִי - אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען**", "**בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה - וֶוען פַּרְעֹה הָאט אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט**"... נָאכְדֶעם אִין הִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה (פֶּרֶק א, הֲלָכָה יב) זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע הֲלָכָה: "**וְאֵין מְבַטְּלִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לַבִּנְיָן**", מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן כְּדֵי צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, פַארְוָואס דַארְף דֶער רַמְבַּ"ם אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן דִי זֶעלְבֶּע הֲלָכָה צְווֵיי מָאל? זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אַז דָאס

זענען צווייי באזונדערע הלכות, אין 'הלכות תלמוד תורה' זאגט דער רמב"ם פשוט די הלכה אז מען קען נישט מבטל זיין קינדער פון לערנען אפילו כדי צו בויען דעם בית המקדש, נאכדעם זאגט דער רמב"ם אין הלכות בית הבחירה א נייע הלכה: "ווי אזוי בויעט מען אויף דעם בית המקדש? דורך דעם וואס די מלמדים לערנען מיט די קינדער!"

לערנען מיט אידישע קינדער - דאס איז בנין בית המקדש!

## רעדן צו קינדער מיט מעשיות און משלים

קוקט אן אינטערעסאנטע זאך, איך האלט ענק אין איין זאגן ביי די שיעורים דאס גרויסקייט פון לערנען מיט אידישע קינדער, און איך זאג אלץ פאר מלמדים: "דו ביסט עוסק ברומו של עולם, אין די הייליגסטע זאך", - און מען כאפט עס נישט אזוי שטארק, אבער יעצט אז איך זאג עס איבער - געבויעט אויף א סתירת הרמב"ם - כאפט מען עס יא!

דאס דארף ענק לערנען ווי אזוי מען רעדט צו קינדער, מען קען נישט זאגן פאר קינדער פשוט איין מאל און נאכאמאל: **"עס איז דא א באשעפער", "עס איז דא א באשעפער"**, די זעלבע ווערטער טרוקענערהייט וועט נישט אזוי גוט אריינגיין אין זייער הארץ, אבער אז מען זאגט עס אויף א וועג פון א קשיא מיט א תירוץ, מיט א מעשה אדער א משל פון טרויבן און ראזינקעס - וועט עס אריינגיין אסאך גרינגער און שטערקער.

## יעדע טאטע מאמע וויל זען נחת פון די קינדער

**דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט צו די צווייי מחותנים:** מיר זענען זייער דאנקבאר פאר ענק און פאר ענקער משפחה, פארן זיך אזוי שטארק אוועקגעבן פאר אונזערע קינדער.

וואס דארף דען א מענטש? א מענטש וויל איין זאך: ער וויל זען אביסל נחת, זיינע קינדער זאלן ווייטער זיין ערליכע אידן!

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז גֶעלְט מַאכְט פְרֵיילִיךְ, אָבֶער וָואס הָאט מֶען פוּן גֶעלְט?! אִיךְ וֵוייס פוּן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים וָואס וואוֹינֶען אִין פַּאלַאצְן, (אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאגְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען בָּרַבִּים, אִיךְ וִויל נִישְׁט קֵיינֶעם פַארְשֶׁעמֶען), אָבֶער אִינֶעוֵוייניג אִיז עֶס 'אַ טוֹיטֶע טוּנְקֶעלֶע פַּאלַאץ', דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַלֶע יָארְן גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען נָאר מִיט גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער זֵיי מְחַנֵךְ צוּ זַיין, יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, וִוילְן דִי קִינְדֶער גָארְנִישְׁט וִויסְן פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. זֵייעֶרֶע פַּאלַאצְן זֶענֶען אַזוֹי רַייךְ אוּן שֵׁיין אַז מֶען טְרֶעפְט מַמָּשׁ נִישְׁט דָאס גְלַייכְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג אִיז טוּנְקְל, וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ, מֶען קֶען אָנְטַאפְּן דָאס טוּנְקְלְקֵייט.

אַ טַאטֶע מַאמֶע וִוילְן זֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין צַדִיקִים.

## דִי מַעֲלָה אַז דִי קִינְדֶער וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן

עֶטְץ וֵוייסְטְס וָואס פַאר אַ נֵס מִיר הָאבְּן אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וואוּ זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן?! אֲפִילוּ מֶען וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶען פֶעלֶערְן פוּן דָא בִּיזְ'ן דַאךְ אוֹיף דִי מוֹסָד, אַז 'דָאס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל' אוּן 'דָאס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל'[סג] - לוֹינְט זִיךְ עֶס נָאכְאַלְץ.

לֵייג אַרוֹיף אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף אֵיין זַייט פוּנֶעם וָואגְשָׁאל אוּן אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט לֵייג אַרוֹיף דֶעם מַעֲלֶה אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן - לוֹינְט עֶס! דֶער רֶבִּי וֶועט שׁוֹין בְּרֶענְגֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן. אוּן אָךְ אוּן וֵויי אוֹיבּ דֶער טַאטֶע אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אוּן דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן אוֹיסְצוּדְרֵייעֶן דִי רוּקְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן, זֵיי וִוילְן שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אוּן וִוילְן פוּן גָארְנִישְׁט הֶערְן, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט.

---

סג. בִּפְרַט בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן נִיצְט מֶען גָאר אַסַאךְ דֶעם אוֹיסְדְרוּק: "עֶס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל"...

דערפאר, האב איך א גרויסע הכרת הטוב פאר די צוויי מחותנים. און פארן מחותן דער כתה א' מלמד האב איך אויך א גרויסע הכרת הטוב, ווייל פינף פון מיינע קינדער האבן שוין געלערנט ביי אים, ברוך השם, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף שיק איך קומענדיגע יאר אריין נאך א קינד ביי אים.

## אריינלייגן אין די קינדער שיינע זאכן פון די הייליגע יום טוב פורים

יעצט איז נאך געבליבן פיר וואכן ביז פורים, דארף מען וויסן אזוי, פאר פורים ליגן די קינדער'ס קעפ אין סנעפס וכדומה, דאס איז דער מציאות; מענטשן קלאגן: "די היינטיגע דורות, די היינטיגע יוגנט... די קינדער זענען פארנומען מיט סנעפס און נארישקייטן..." - איך ווייס נישט וואס מען זאגט, דאס זענען קינדער, און אזוי איז אויך געווען ווען איך בין געווען א קינד, איך געדענק ווי אלס קינד האב איך פארקויפט אין חדר די אלע סארט זאכן, און מען האט מיך נישט געקענט כאפן...

דארף מען זען אויסצוניצן די פיר וואכן וואס מיר האבן נאך ביז די הייליגע יום טוב פורים, אריינצולייגן אין די קינדער שיינע זאכן פון פורים.

ביי מיר אין אפיס קען איך מיטהאלטן אויף די קעמערעס וואס עס טוט זיך אין אלע כיתות פון די תלמוד תורה. איך האב נעכטן געקוקט ביי א כתה פון שטעטל, עס איז שוין געווען סוף טאג, די לעצטע שעה פון נאכמיטאג, זע איך ווי דער מלמד לערנט פאר א לימוד, איך האב נישט געקענט קלאר זען וועלכע לימוד ער לערנט פאר, חומש און גמרא האב איך געוואוסט אז דאס לערנען זיי נישט, ווייל נאכמיטאג זענען דאך די קינדער אויסגעמוטשעט, דעמאלט לערנט מען שוין נישט קיין חומש און גמרא, איך האב פרובירט אריינצוקוקן שטערקער, האב איך געזען ווי זיי לערנען א ספר וואס עס שטייט די ווערטער: "ויהי בימי", איך טראכט צו מיר 'וואס איז דאס? ספר משלי?' עס איז מיר נישט איינגעפאלן אז דער מלמד לערנט שוין "מגלת אסתר" א חודש פאר פורים, האב איך אנגערופן דעם מלמד און אים געפרעגט: "וואס לערנט מען?" זאגט ער מיר: "איך האב זיך

גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וְוִיפִיל טֶעג אִיךְ הָאבּ נָאךְ בִּיז פּוּרִים, אוּן אַפָּאר טֶעג לֶערְנְט מֶען דָאךְ "שֵׁיין שְׁרַייבְּן" אוּן "רֶעכֶענֶען", עֶס אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט צוּפִיל טֶעג צוּ לֶערְנֶען דִי מְגִילָה, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי מְגִילָה יֶעדְן טָאג דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה פוּן טָאג, אַרַיינְצוּבְּלָאזְן אִין דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דָאס צוּ הֶערְן, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, קִינְדֶער וֶוערְן פְרֵיילִיךְ וֶוען זֵיי הֶערְן אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין פּוּרִים.

## הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן קֶען מֶען נָאר אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַארְן חָתָן:** בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ חָשׁוּבְ'עֶ כַּלָּה, אַ צְנוּעָה, דוּ הָאסְט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן דוּ הָאסְט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב אוּן דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק.

אִין דִי עֶרְשְׁטֶע מִשְׁנָה אִין מַסֶּכֶת נָזִיר שְׁטֵייט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: "אֱהֵא נָאֶה", אִיךְ וִויל זַיין שֵׁיין, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ נְזִירוּת.

פַאר מֶען לֶערְנְט דִי גְמָרָא, מֵיינְט מֶען אַז אַ 'נָזִיר אִיז שֵׁיין' וַוייל עֶר גֵייט מִיט לַאנְגֶע הָאר אוּן לַאנְגֶע הָאר אִיז שֵׁיין, אָבֶּער אִין דִי גְמָרָא זֶעט מֶען אַנְדֶערְשׁ, דִי גְמָרָא (ב:) פְּרֶעגְט, פַארְוָואס רוּפְט דִי מִשְׁנָה אָן אַ נָזִיר "שֵׁיין", נְזִירוּת אִיז דָאךְ אַן עֲבֵירָה?! וַוייל רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר הָאט גֶעזָאגְט אַז אַ נָזִיר אִיז אַ זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר אִיז זִיךְ מְצַעֵר פוּן וַויין, אוֹיבּ אַזוֹי אִיז אַ נָזִיר נִישְׁט שֵׁיין וַוייל אַן עֲבֵירָה אִיז נִישְׁט שֵׁיין! עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא אַז עֶס אִיז דָא אַ נְזִירוּת וָואס מֶען מֶעג יָא מַאכְן, קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה.

זֶעט מֶען פוּן דִי גְמָרָא, וָואס מֵיינְט שֵׁיין? - שֵׁיין אִיז דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אָן שֵׁיין, צְנִיעוּת אִיז שֵׁיין!

אַסאַך מָאל פְרֶעגְן מִיר מֶענְטְשְׁן אַ קַשְׁיָא, אִין יֶעדֶע פְּלַאץ מֵיינְט דָאךְ 'אֵיידְל' עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, בַּיי דִי מִשְׁפָּחָה אִיז אֵיידְל אוֹיבּ מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן כַּךְ וְכַךְ, אוּן בַּיי אַ צְווֵייטֶע מִשְׁפָּחָה אִיז אֵיידְל אוֹיבּ מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן כַּךְ וְכַךְ, פְרֶעגְט מֶען: דִי פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן וֵוייניגֶער אֵיידְל פוּן מִיר - גֵייט דָאךְ זִיכֶער בַּאקוּמֶען גַן עֵדֶן, וַוייל זִי גֵייט דָאךְ אָנְגֶעטוּן לוֹיט וִוי עֶס הֵייסְט 'אֵיידְל' בַּיי זֵיי, אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס פַאר מִיר אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער אֵיידְל? וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ מִשְׁפָּחָה וָואס אֵיידְל אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי יֶענֶעם?!

אוֹיךְ הָאט מִיר אֵיינֶער לֶעצְטְנְס גֶעפְרֶעגְט, דִי אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס אִירֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין אַ הִיבְּרוּ דֶעי סְקוּל, זִי הִיט שַׁבָּת אוּן אִיז מַקְפִּיד אוֹיף כַּשְׁרוּת, אוּן זִי גֵייט מִיט הוֹיזְן, גֵייט דָאךְ זִיכֶער בַּאקוּמֶען אִיר גַן עֵדֶן, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס פַאר מִיר אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען דָארְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, וָואלְט דָאס דָאךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען גֶענוּג פַאר מִיר?!

מַיין עֶנְטְפֶער אוֹיף דִי אַלֶע שְׁאֵלוֹת אִיז: וָואס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם? אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט גַן עֵדֶן, וֶועט מֶען דִיר גֶעבְּן וִויפִיל גַן עֵדֶן דוּ ווִילְסְט, דָא רֶעדְט מֶען פוּן שֵׁיין, זָאלְסְט ווִיסְן אַז אֵיידְל אִיז שֵׁיין! אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט שֵׁיין - גֵיי אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

אַמָאל הָאט דָא גֶעדַאוֶוענְט אַ שָׁכֵן, אִיז עֶר מִיר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן: "פַארְוָואס אִיז פַאר מִיר אַן עֲבֵירָה אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זִיךְ אַרָאפּ גְלִיטְשְׁן אִין אַ וַואסֶער פַּארְק? וַוייל אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטוּבּ גֵיי אִיךְ צוּלִיבּ דֶעם פְּלַאקֶערְן אִין גֵיהִנוֹם?! דֶער מָאדֶערְנֶער אִידְל וָואס גֵייט צוּ אַן אָפֶּענֶע וַואסֶער פַּארְק גֵייט דָאךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען גֵיהִנוֹם פַאר דֶעם?!"

אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס פַאר אַ דַאֲגוֹת דֶער מֶענְטְשׁ הָאט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פוּן פְרִיעֶר: וָואס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם? וָואס מִישְׁטוּ אַרַיין 'גַן עֵדֶן' מִיט 'גֵיהִנוֹם'?! זָאג מִיר, דוּ ווִילְסְט פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן אָדֶער דוּ ווִילְסְט לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוּן זַיין צוּפְרִידְן מִיט דַיין וַוייבּ? זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ ווִיל הָאבּ אַ גוּט לֶעבְּן", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוּן זַיין צוּפְרִידְן מִיט דִי וַוייבּ, קֶען מֶען נָאר

הָאבְּן אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף דִיר, נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מֶען זָאל נִישְׁט טוּן, אוּן נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מֶען זָאל נִישְׁט טוּן, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט כְּדֵי דִיךְ צוּ טְשֶׁעפֶּען, דָאס אִיז פַאר דַיין טוֹבָה!

עֶס אִיז דָא פְּרוּוִוּען וָואס לֵייגְן דִי סֶעיְנְט מָארִיץ (שַׁארְפֶע זֵייף) אוֹיף דִי הֶעכְסְטֶע שַׁאפֶע, פַארְוָואס? נִישְׁט וַוייל מֶען וִויל אֵיינֶעם אָפְּטוּן, נָאר מֶען וִויל נִישְׁט עֶס זָאל פַּאסִירְן אַ סַכָּנָה, אַ קִינְד זָאל חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן דֶערְפוּן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען זָאגְט דִיר אָן דוּ זָאלְסְט דָאס נִישְׁט טוּן, אִיז נִישְׁט וַוייל מֶען וִויל דִיךְ מַצֲנִיש זַיין, פַּארְקֶערְט, מֶען וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

## מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע מְחוּתָּנִים זָאלְן הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת. אוּן אַלֶע וָואס הֶעלְפְן אַרוֹיס מִיט דִי חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע זָאלְן וִויסְן אַז דִי "קִינְדֶער" אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שְׁ'ס גַאנְצֶע זַאךְ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אַריין צוּ בְּרֶענְגֶען רֵיינְקֵייט אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן[סד].

וֶוען דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועלְן מִיר אִים קֶענֶען אַנְטְקֶעגְן גֵיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן אִים זָאגְן: "קוּק, דָאס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דָאס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, זֵיי הָאבְּן לִיבּ אִידִישְׁקֵייט, זֵיי וֵוייסְן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיס, זֵיי וֵוייסְן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז גֶעשְׁמַאק".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דִי מְחוּתָּנִים זָאלְן הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת, אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן פוּן פְּרִישׁ אַרַיין צוּ לֵייגְן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין דִי קִינְדֶער, אָמֵן.

---

**סד.** מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; דֶער יָארְצַייט אִיז י"ז שְׁבָט.

# שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בַּיים שֶׁבַע בְּרָכוֹת

## אִינֶעם יוֹם הַחֻפָּה הֵייבְּט מֶען אָן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ חָשׁוּבְ'עֶר תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער צֵרוּף פוּן זַיין נָאמֶען 'שִׁמְעוֹן' אִיז "עָוֹ"ן מָ"שׁ", אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער וָואס הָאט דֶעם זֶעלְבְּן נָאמֶען 'שִׁמְעוֹן' הָאט דֶעם צֵרוּף (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מד).

הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, דֶער חָתָן'ס נָאמֶען אִיז 'שִׁמְעוֹן', אוּן דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט אַז נִישְׁט יֶעדֶער מִיטְ'ן נָאמֶען 'שִׁמְעוֹן' הָאט דֶעם צֵרוּף "עָוֹ"ן מָ"שׁ", אָבֶּער בַּיי אַ חָתָן שְׁטִימְט עֶס זִיכֶער, וַוייל דֶער חָתָן הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אִינֶעם יוֹם הַחֻפָּה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אִיז בַּיי אִים "עָוֹ"ן מָ"שׁ".

## וְוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַן עַיִן הָרָע?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי מְחוּתָּנִים צוּ רֶעדְן, אוּן דֶער מְחוּתָּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:

וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן זָאגְן תּוֹרוֹת, אָבֶּער עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בָּרַבִּים, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וַוייל אַזוֹי וְוי עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן בַּיי אַ שִׂמְחָה, קֶען זַיין אַז גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי בַּאטֵיילִיגְטֶע זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, אוּן זֵיי

קוּקְן אָן דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג, מִיט אַן אוּם פַּארְגִינֶענְדִיגֶע אוֹיג, אוּן דָאס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט קַיין שִׁידוּכִים בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער, קוּמְט אַרַיין צוּ אַ שִׂמְחָה, הֵייבְּט אָן מְקַנֵּא זַיין דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, קוּק אָן יֶענֶער, עֶס גֵייט אִים אַזוֹי גוּט', אָדֶער: 'מִיךְ גֵייט נִישְׁט קַיין שִׁידוּכִים, קוּק אָן יֶענֶער, עֶר הָאקְט שְׁטִיקֶער, עֶר מַאכְט יֶעדֶעס יָאר חֲתוּנָה נָאךְ אַ קִינְד', קֶען עֶר מִיט זַיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק יֶענֶעם טְשֶׁעפֶּען, דֶערְפַּאר הֶערְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַז אַ חָתָן אָדֶער אַ כַּלָּה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעבּוֹיגְן דִי פִּיס אִינְמִיטְן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁען, עֶס אִיז דָאךְ אַן עֵת שִׂמְחָה?! - נָאר דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וִויסְן, אֶפְשַׁר הָאט אֵיינֶער דָא גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג.

דֶערִיבֶּער זוּכְן מֶענְטְשְׁן עֵצוֹת קֶעגְן 'עַיִן הָרָע'; דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן זַיין קַאפְּל וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ הַקָּפוֹת, אוֹיךְ גֶעדֶענְק אִיךְ אֵיין מָאל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אוֹיסְגְרַאמֶען מוֹהֲרָא"שׁ בַּיי אַ חֲתוּנָה פוּן אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעטוּן דִי שְׁטְרַיימְל אוּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיין קַאפְּל, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט שַׁאטְן אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג וָואס מֶענְטְשְׁן קוּקְן.

מֶענְטְשְׁן פְּרֶעגְן מִיר: "דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען אַדְוֶוערְטֵייזְט וֶועגְן 'עַיִן הָרָע', אִיז אֱמֶת אָדֶער נִישְׁט?" דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: דֶער חֵלֶק אַז אַן 'עַיִן הָרָע' קֶען שַׁאטְן, עֶס קֶען יֶענֶעם שְׁלֶעכְטְס טוּן - דָאס אִיז אֱמֶת, אָבֶּער צִי יֶענֶער קֶען עֶס אַרָאפְּנֶעמֶען דוּרְךְ גִיסְן בְּלַיי וְכַדוֹמֶה - דָאס וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, [אִיךְ וֵוייס אַז נִישְׁט...], דִי צְדָקָה וָואס דוּ ווִילְסְט יֶענֶעם גֶעבְּן, קֶענְסְטוּ גֶעבְּן בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים, גֵיי צוּ דַיין פּוּשְׁקֶע בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שַׁאטְן קַיין עַיִן הָרָע"**, דָאס אִיז אַ זִיכֶערֶע זַאךְ וָואס הֶעלְפְט.

אָדֶער אִיז דָא נָאךְ אַן עֵצָה קֶעגְן עַיִן הָרָע, אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער מְחוּתָּן שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן זָאגְט בָּרַבִּים: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", דַאן וֶוערְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן בָּטֵל וּמְבֻטָּל.

דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן בַּיי יֶעדֶע שִׂמְחָה, ווִי אַ בְּרִית אָדֶער אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, און זָאגְן בָּרַבִּים: "אִיךְ ווִיל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" - דֶער מֶענְטְשׁ ווַייזְט מִיט דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁט 'אִיךְ', אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.



## פֶּרֶק י׳

# אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח,
שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע״א

זכות הפרק נתנדב ע״י

מו״ה **משה זאב**
**ראזענבערג** הי״ו

לע״נ אביו
הרה״ח ר׳ **יצחק** ב״ר **אברהם** ע״ה

# אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ:

איך גֶעבּ דֶעם שִׁיעוּר אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אָבֶּער מֶען וֶועט עֶס אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף דִי הַאטְלַיין "קוֹל בְּרֶסְלֶב", כְּדֵי דִי מְלַמְּדִים פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת פוּן אִיבֶּערָאל - פוּן שְׁטֶעטְל, קִרְיַת יוֹאֵל אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הֶערְן דִי חִיזוּק. אוּן אִיךְ הָאף אוֹיךְ אַז דִי לֶערֶערִינְס וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר.

איךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן אִין בְּלוֹיז אִידִישׁ, וַוייל מִיר הָאבְּן שׁוֹין הַיינְט מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אִין טְבֶרְיָה[סה], אוּן זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין עֶנְגְלִישׁ. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מוֹסְדוֹת אִין אַלֶע שְׁטֶעט. אוֹיךְ הָאט מִיר אַ אִיד פוּן יְרוּשָׁלַיִם הַיינְט גֶעשְׁרִיבְּן: "אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אִיבֶּער צוּ טַייטְשְׁן דִי וֶוערְטֶער וָואס אִין אַמֶערִיקֶע זָאגְט מֶען אִין עֶנְגְלִישׁ - אוֹיף אִידִישׁ, וַוייל אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ הֶער אַ שִׁיעוּר אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְכַאפְּן גֶעווִיסֶע וֶוערְטֶער, וֶוער אִיךְ צֶעמִישְׁט".

---

**סה.** בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶפְנְט אַ חֵדֶר אִין טְבֶרְיָה, נָאךְ אַבִּיסְל עֶפֶענֶען מִיר שׁוֹין אוֹיךְ אַ שׁוּלֶע אִין טְבֶרְיָה.

אִיךְ וָואלְט שׁוֹין לַאנְג גֶעעֶפְנְט אַ שׁוּלֶע אִין טְבֶרְיָה נָאר אִיךְ זוּךְ דִי רִיכְטִיגֶע מֶענְטְשׁ וָואס זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ שׁוּלֶע וואוּ עֶס זָאל שְׁטֵיין אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ שִׁילְד: "מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב בִּנְשִׂיאוּת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה" וֶוען אִינֶעוֵוייניג אִיז מֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ זוּךְ אוֹיפְצוּגֶעפִינֶען אַ לֶערֶערִין וָואס פַארְשְׁטֵייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, אוּן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס פוּן יֶעדֶעס קִינְד.

# זיךְ פַארְלֵייגְן אויף אֱמוּנָה

אִיךְ ווִיל אַבִּיסְל מְחַזֵק זַיין דִי מְחַנְכִים.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן פוּן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, פַארְלֵייגְטְס עֶנְק אויף אֵיין זַאךְ, אויף "אֱמוּנָה".

אויבּ מֶען בְּרֶענְגְט אויף קִינְדֶער פוּן דִי יוּגְנְט מִיט 'אֱמוּנָה', שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ אַיין אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

אִיךְ בַּאקוּם זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוְון פוּן ווַייבְּלֶעךְ וָואס שְׁרַייבְּן מִיר דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם: אִינְדֶערְהֵיים בִּין אִיךְ זֵייעֶר פֵיין, אָבֶּער וֶוען אִיךְ קוּם צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן וֶוער אִיךְ אוֹיסֶער זִיךְ, אִיךְ וֶוער אָנְגֶעצוֹיגְן, אִיךְ בַּאקוּם דְרוּק, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט: 'וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן אויף מִיר', אוּן 'ווִי אַזוֹי וֶועט מֶען קוּקְן אויף מִיר', אַסַאךְ פְרוֹיעֶן קֶענֶען מַמָשׁ נִישְׁט לֶעבְּן פוּן דֶעם, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, עֶס פַּיינִיגְט זֵיי דִי מַחְשָׁבוֹת אַז מֶען קוּקְט אויף זֵיי אוּן מֶען טְרַאכְט פוּן זֵיי[סו].

וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אַז דָאס בּוֹיעֶט זִיךְ אויף אִין אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס קָאפּ? דִי שׁוּלֶעס וָואס דִי גַאנְצֶע חִינוּךְ אִיז נָאר 'וֶוער קֶען זַיין

סו. מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם זֶעלְבְּן טָאג וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר, וָואס רֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן:

**וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען וֶוען יֶעדֶער קוּקְט אויף מִיר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וואוּ אִיךְ גֵיי מִיט פְרוֹיעֶן פוּן שְׁטֶעטְל, אַלֶץ אִיז דָא אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק דָא בָּרוּךְ ה'.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען אַז מֶען קוּקְט אויף מִיר, עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַלֶע פְרוֹיעֶן קוּקְן אויף מִיר, אִיךְ וָואלְט זִיךְ אָנְגֶעטוּן אַ מַאסְק אַ גַאנְץ יָאר, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ה שׁוֹבָבִי"ם, י"א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

דִי עֵצָה פַּאר דֶעם, אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס לָאזְן נִישְׁט צוּרוּ דֶעם מֶענְטְשׁ - אִיז אֱמוּנָה; אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה פַּאר דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחְלוֹת, אוּן זֵיי לַיידְן פוּן דֶעם נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם.

זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דַאן הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִילָה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס מֵיינְט מֶען דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעווֵייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, טְרַאכְטְס: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים. אַלֶע מֶענְטְשְׁן, אַלֶעס - אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל' - וֶועט אַייךְ שׁוֹין נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַייךְ, עֶס וֶועט אַייךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֵיין מֶענְטְשְׁן, אִיר וֶועט לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

אִיר זֶעְנְט נִישְׁט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס שְׁרַייבְּט מִיר אַזַא בְּרִיװ, זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁרַייבְּן מִיר דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער מַמָּשׁ, אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, וַוייל עֶס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אַזֶעלְכֶע מַחְשָׁבוֹת אַז יֶעדֶער קוּקְט אוֹיף זֵיי אוּן אַלֶע טְרַאכְטְן אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט וְכוּ' וְכוּ'.

גֶעוֶוענְלִיךְ פַּאסִירְט דָאס וֶוען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן הָאט מֶען נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אֱמוּנָה, אַלֶע יָארְן אִין שׁוּלֶע אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט קָאנְקוּרֶענְץ, וֶוער אִיז דָאס בֶּעסְטֶע קִינְד, אוּן וֶוער קֶען נָאכְמַאכְן דֶעם אוּן דֶעם קִינְד; מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אֱמוּנָה, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט פַּארְלֵייגְט אוֹיף אֱמוּנָה, דִי וֶועג פוּן טְרַאכְטְן אִיז גֶעוֶוען נָאר אוֹיף דֶער זַאךְ 'וָואס וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ'".

בֶּעסֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן׳, אוּן ׳וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען קוּקְן אוֹיף דִיךְ׳, אוּן ׳וִוי גֶעלוּנְגֶען בִּיסְטוּ׳, מֶען רֶעדְט גָארְנִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואלְט מֶען גֶערֶעדְט צוּ קִינְדֶער אָן אוֹיפְהֶער: ״**אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער**״, וָואלְט מֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט דֶעם אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא דָאס וָוארְט ״אִיךְ״, פַארְוָואס זָאל אִיךְ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף ״מִיר״? אוּן וָואס מֶען טְרַאכְט אוֹיף ״מִיר״? אוּן וָואס בִּין ״אִיךְ״? - עֶס אִיז דָאךְ דָא ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער״!

## דֶער מֶענְטְשׁ פִילְט נִישְׁט גוּט

דִי וָואךְ [י׳ שְׁבָט] אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רִיַי״צ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ[ס]. שְׁרַייבְּט עֶר אַלְץ אִין זַיינֶע בְּרִיוְון דֶעם

עֶס אִיז נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, הוֹיבְּט אָן פוּן יֶעצְט זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף חַזֶר׳ן אֱמוּנָה. זִינְגְט זִיךְ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה אוּן הֶערְט שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה - וֶועט אַלֶעס אַוֶועקְגֵיין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, וַוייל אַז מֶען צִינְדְט אָן אַ לֶעקְטֶער וֶוערְט פַארְשְׁווּינְדְן דִי טִינְקְלְקֵייט. אֱמוּנָה בְּרֶענְגְט לִיכְטִיגְקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): ״וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ״, עֶס אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט גֶעזֶען דִי מֶרְכָּבָה - אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעוָוארְן זֵייעֶר לִיכְטִיג, אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (שָׁם א, א): נִ׳פְתְּחוּ הַ׳שָּׁמַיִם וָ׳אֶרְאֶה מַ׳רְאוֹת אֱ׳לֹקִים - אִיז אֱמוּנָה, דָאס וָואס יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, צוּ נִ׳פְתְּחוּ הַ׳שָּׁמַיִם וָ׳אֶרְאֶה מַ׳רְאוֹת אֱ׳לֹקִים, עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי הִימְל אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דִי גַאנְצֶע מֶרְכָּבָה - צוּ דֶעם קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ אֱמוּנָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶוערְט לִיכְטִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים שְׁנַת תשפ״ג)

**סז.** דֶער רִיַי״צ אִיז אֵיינֶער פוּן דִי זִיבְּן רֶבִּי׳ס פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ; דֶער עֶרְשְׁטֶער רֶבִּי רוּפְן זֵיי ״דֶער אַלְטֶער רֶבִּי״, זַיין זוּן רֶבִּי דוֹבֶּער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ רוּפְן זֵיי ״דֶער מִיטֶעלֶער רֶבִּי״, נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען דֶער צֶמַח צֶדֶק, מַהֲרַ״שׁ, דֶער רַשַׁ״בּ, דֶער רִיַי״צ וָואס זֵיי רוּפְן ״דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער רֶבִּי״, אוּן דֶער לֶעצְטֶער רֶבִּי.

וָואַרְט: "וֶוען שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְשׁ זַיינֶע אֵבָרִים? - וֶוען עֶס טוּט אִים וֵויי!"

וֶוען שְׁפִּירְט מֶען אַז מֶען הָאט אַ נָאז, אוֹיעֶרְן אוּן פִינְגֶערְס? - וֶוען עֶס טוּט וֵויי; אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט נִישְׁט זַיין נָאז אוּן זַיינֶע אוֹיעֶרְן, נָאר וֶוען עֶס טוּט וֵויי דֶערְמָאנְט מֶען זִיךְ 'אָה אִיךְ הָאבּ אַ נָאז', 'אָה אִיךְ הָאבּ אַן אוֹיעֶר', אוּן מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט פוּנֶעם וֵוייטָאגְלִיכְן אֵבֶר. סְתַּם אַזוֹי פִּילְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ זַיינֶע פִינְגֶערְס, אָבֶער וֶוען עֶר כַאפְּט אַ קְלַאפּ, פִּילְט עֶר עֶס, וַוייל עֶס טוּט אִים וֵויי.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רִייַ"צ: "דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט פוּן זִיךְ, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ אַלֵיינְס - אִיז אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס פִּילְט עֶר נִישְׁט גוּט, עֶר אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, וַוייל סְתַּם אַזוֹי וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ נָאר גֶעדַארְפְט טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

## מֶען דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט נָאכְמַאכְן

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן אוּנְזֶער שׁוּלֶע 'בֵּית פֵּיגָא' אִיז אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵא זַיין, עֶס אִיז נִישְׁטָא 'אֵיין גֶעלוּנְגֶענֶע מֵיידְל' וָואס אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן זַיין פוּנְקְט וִוי אִיר אוּן אִיר נָאכְמַאכְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע חִינוּךְ אָנְצוּוַוייזְן אוֹיף 'אֵיין קִינְד' אַז אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן אִים נָאכְמַאכְן. אַוַודַאי דַארְף מֶען אוֹיסְלוֹיבְּן יֶעדְן קִינְד, "**וַאוּוּ, דֶער קִינְד אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע**", אוּן "**דֶער קִינְד אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט'ן זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען**", אוּן "**דֶער קִינְד בַּאדַאנְקְט זִיךְ אַלְץ, עֶר זָאגְט אַלְץ 'שְׁכּ'ח'**", אָבֶער נָאר אָנְצֵייגְן אוֹיף דִי רַייכֶע קִינְד אַז דָאס קִינְד אִיז גָאר סְפֶּעצִיעֶל, אוּן אַלֶע דַארְפְן זַיין אַזוֹי וִוי דֶעם קִינְד, דָאס אִיז אַ הִירוּס אִין חִינוּךְ!

אוֹיבּ גֶעשֶׁעט אִין אַ כִּתָּה אַז אַלֶע קִינְדֶער ווִילְן גֵיין אָנְגֶעטוּן וִוי אֵיינֶעם, אוּן אַלֶע קִינְדֶער ווִילְן טְרַאכְטְן וִוי אֵיינֶעם, דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְרַייסְן, אוּן מֶען דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער

'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', מֶען דַארְף זֵיי לִיכְטִיג מַאכְן, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט יֶעדְן לִיבּ, אוּן יֶעדֶער קִינְד מוּז זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן!

## אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, מֶען זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן. אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט חַס וְחָלִילָה אַז קִינְדֶער טוּעֶן אֵיינֶעם וֵויי, מוּז מֶען זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן דָאס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן.

בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט קַיין מְנַהֵל אִין שְׁטֶעטְל, אָבֶּער מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ גוּטֶער 'בִּמְקוֹם מְנַהֵל'. פַארְוָואס רוּף אִיךְ אִים אָן אַ 'גוּטֶער' בִּמְקוֹם מְנַהֵל? ווייל עֶר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דֶער בִּמְקוֹם מְנַהֵל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַ שְׁטִיק אוֹיפְּ'ן בָּאס, וֶוען אַ גֶעווִיסֶע מִשְׁפָּחָה קוּמְט אַרוֹיף אוֹיפְּ'ן בָּאס, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ שְׁרֵייעֶן: "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ צוּ זִיצְן!" "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ צוּ זִיצְן!" קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען יֶענֶע מִשְׁפָּחָה אִין זֵייעֶר זִיץ, אוּן וֶוען דִי בָּאס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע הוֹיז מַאכְט מֶען יָא פְּלַאץ.

עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם עֶלְטְסְטְן קִינְד פוּן דִי מִשְׁפָּחָה: "עֶס אִיז אֱמֶת אַז וֶוען עֶנְק קוּמֶען אַרוֹיף אוֹיפְּ'ן בָּאס טְשֶׁעפֶּעט מֶען עֶנְק?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "יָא, אָבֶּער וֶועם גֵייט עֶס אָן? זָאלְן זֵיי שְׁרֵייעֶן 'עֶס אִיז יָא דָא פְּלַאץ' 'עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ', עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן!" הָאט אִים דֶער בִּמְקוֹם מְנַהֵל גֶעזָאגְט: **"עֶס קֶען זַיין אַז דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דֶעם, אָבֶּער דוּ מוּזְט דָאס קוּמֶען דֶערְצֵיילְן, ווייל אִיךְ מוּז מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אוֹיפְפִירְן!"**

דָאס אִיז אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ, דֶער וָואס לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אָדֶער ווֵיי טוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶס גֵייט יֶענֶעם נִישְׁט אָן.

עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי עֶס גֵייט יֶענֶעם אָן אָדֶער נִישְׁט, מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּן נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער.

## נָאכְ'ן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף שְׁאֵלוֹת וָואס מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס הָאבְּן אַרַיינְגֶעשִׁיקְט צוּ פְרֶעגְן.

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וֶוערְט אוֹיסֶער זִיךְ פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט?

**אַ לֶערֶערִין פְּרֶעגְט:** וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס וֶוערְט מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אִיר קְרֶעיאָן (קָאלִירְטֶע בְּלַיי), הֵייבְּט זִי זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן צוּ וֵויינֶען, זִי וֶוערְט מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי וֶועלְט גֵייט אִיר אוּנְטֶער, אַזוֹי אִיז יֶעדְן טָאג דָא עֶפֶּעס אַ זַאךְ אוֹיף וָואס זִי וֵויינְט. אִיךְ פְּרוּבִּיר אִיר צוּ בַּארוּאִיגְן אַז **"דַיין קְרֶעיאָן הָאט זִיךְ טַאקֶע צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דוּ הָאסְט גֶעזוּנְטֶע הֶענְט אוּן גֶעזוּנְטֶע פִיס, מֶען דַארְף נִישְׁט וֵויינֶען, מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרֵייעֶן"**, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ פוּן וָואס עֶס פַּאסִירְט?

## וִוי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין בְּאַחְדוּת?

**אַן אַנְדֶערֶע לֶערֶערִין פְּרֶעגְט:** וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען

אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם, זֵיי זָאלְן זַיין בְּאַחְדוּת, זֵיי זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

## דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף בֵּיידֶע שְׁאֵלוֹת: רֶעדְן אוּן רֶעדְן

דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף בֵּיידֶע שְׁאֵלוֹת - וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ אוּן הִיסְטֶערִישׁ וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט? אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער אַחְדוּת, זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם? - הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן עֶנְטְפֶער: דוּרְךְ רֶעדְן, אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן, אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן, אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן!

נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת לִכְבוֹד דֶער מְנַהֵל פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֶען הָאט גֶערוּפְן אַלֶע מְלַמְּדִים, הָאט מֶען אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם פְּרַט, אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ זָאגְן פַאר קִינְדֶער אֵיין מָאל אַ זַאךְ, וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ זַאךְ אֵיין מָאל טוּט עֶס נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף, מֶען דַארְף עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, נָאר אַזוֹי גֵייט עֶס אַרַיין.

דֶערְפַאר אַז מֶען ווִיל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט, דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן דֶעם אַסַאךְ, אוּן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "פְּרוּבִּיר צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן דַיין לֶעבְּן", "אַז עֶס הָאט זִיךְ דִיר צֶעבְּרָאכְן אַ בְּלֵיי, אַ קְרֶעיאַן אָדֶער אַ שְׁפִּילְצֵייג, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע פִּיס', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קֶען גֵייְן אוּן קוּמֶען'"**.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען ווִיל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן 'אַחְדוּת', דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַחְדוּת, פוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

עֶס קֶען טַאקֶע זַיין אַז הַיי יָאר וֶועט מֶען נָאכְנִישְׁט אָנְזֶען ווִי דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אָבֶּער קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶוען דִי תַּלְמִידִים וֶועלְן אַרוֹיפְגֵיין אַ כִּתָּה, אָדֶער אַפָּאר יָאר

אַרוּם, וֶועט זִיךְ אָנְזַאמְלֶען דִי אַלֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גְעהֶערְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל, אוּן זֵיי וֶועלְן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט דֶעם.

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֵיידְלֶעךְ ווִילְן נִישְׁט נֵייעֶן?

**דִי לֶערֶערִין וָואס אִיז מְמוּנָּה אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נֵייעֶן פְּרֶעגְט:** וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ קוּם לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער נֵייעֶן, הֵייבְּן גֶעווִיסֶע קִינְדֶער אָן צוּ קְרֶעכְצְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ"?

פַאר אִיךְ עֶנְטְפֶער, ווִיל אִיךְ בַּאמֶערְקְן, אַז 'נֵייעֶן' אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע לִימוּד. בַּיי מִיר אִיז 'שְׁטְרִיקְן אוּן נֵייעֶן' פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט מֵיידְלֶעךְ, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִין דִי יְרוּשָׁלַיִם'עֶר שׁוּלֶע הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ שְׁטְרִיקְן אוּן נֵייעֶן.

שְׁטְרִיקְן אוּן נֵייעֶן אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף נִיצְן פַארְשְׁטַאנְד זִיךְ צוּ דֶערְלֶערְנֶען, אַזוֹי ווִי 'רֶעכֶענֶען' וָואס אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט עֶס יָא אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז אַבִּיסְל שְׁטַייט, פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט; נֵייעֶן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט פַארְשְׁטַאנְד, נֶעם דִי נָאדְל אוּן פָאדֶעם אוּן הֵייבּ זִיךְ אָן רוּקְן, הֵייבּ אָן נֵייעֶן.

עֶס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי זָאל קֶענֶען נֵייעֶן, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן צֶערִיסְן, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט אַ לָאךְ אִין אַ קְלֵייד. גֶעוֶוענְלִיךְ צֶערַייסְן זִיךְ יֶעדְן טָאג דִי טֵייץ פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ, וָואס זָאל מֶען טוּן? מֶען זָאל עֶס אַוֶועק וַוארְפְן?! - מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט לֶעבְּן מִיט הֶפְקֵרוּת, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַוֶועק וַוארְפְן וֶועשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג גֵיין קוֹיפְן נֵייעֶ טֵייץ, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעלְט טָאר אוֹיךְ נִישְׁט צֶערַייסְן זַיין גֶעלְט, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִידִישׁ גֶעלְט, אָבֶּער אַז מֶען קֶען נֵייעֶן - אִיז עֶס אַ קְלֵיינִיקֵייט, דִי מַאמֶע נֶעמְט אַ נָאדְל מִיט אַ פָאדֶעם, אוּן אִין אֵיין מִינוּט אִיז עֶס צוּגֶענֵייט, אַ מְחַיֶה.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען ווִיסְן ווִי ווִיכְטִיג עֶס אִיז אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אַלֵיינְס צוּנֵייעֶן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער.

## אוֹיסְלֶערְנֶען מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט

יֶעצְט צוּרִיק צוּ דִי שְׁאֵלָה, וָואס טוּט מֶען וֶוען מֵיידְלֶעךְ ווִילְן נִישְׁט גֵייעֶן? - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער, זָאל זִי פַארְלַאנְגֶען דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען, זִי זָאל זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ גֵייעֶן', דוּ מוּזְט עֶס יֶעצְט טוּן, נֶעם דִי נָאדְל, נֶעם דִי פָּאדֶעם אוּן הֵייבּ אָן גֵייעֶן!"**

מֶען קֶען אָבֶּער נִישְׁט נֶעמֶען נָאר אֵיין וֶועג, דִי וֶועג פוּן זַיין שְׁטְרֶענְג, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן עֶס זָאל זַיין נָאר אָנְגֶעצוֹיגְן אִין כִּתָּה, מֶען דַארְף אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי קִינְדֶער. דֶערִיבֶּער זָאגְט מֶען קוֹדֶם שְׁטְרֶענְג: "**עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ אַז 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ גֵייעֶן', דוּ מוּזְט עֶס יֶעצְט טוּן, נֶעם דִי נָאדְל, נֶעם דִי פָּאדֶעם אוּן הֵייבּ אָן גֵייעֶן**", אוּן נָאכְדֶעם וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס וֶוערְט שׂוֹין צוּ אָנְגֶעצוֹיגְן אִין כִּתָּה, מַאכְט מֶען צוּרִיק פְרֵיילִיךְ, מֶען רֶעדְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מֶען שְׁטַארְקְט דִי קִינְדֶער אוּן מֶען זָאגְט פַאר יֶעדְן: "**הֵייבּ אָן, בַּאלְד וֶועסְטוּ זֶען ווִי גוּט דוּ קֶענְסְט!**"

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן דִי פִּינְקְטְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס צוּ זָאגְן, ווַייל אִיךְ בִּין דָאךְ נִישְׁט אִין כִּתָּה, אָבֶּער אִיךְ קֶען זָאגְן וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן, אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער וֶוען עֶס וֶוערְט שׂוֹין צוּ אָנְגֶעצוֹיגְן וָואלְט אִיךְ גֶעמַאכְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן נָאכְדֶעם צוּרִיק גֶעוָוארְן שְׁטְרֶענְג.

עֶס דַארְף זַיין אִין כִּתָּה שְׁטְרֶענְג אוּן פְרֵיילִיךְ; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל דָאס קֶענֶען בַּאווַייזְן, דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז מֶען מוּז פָּאלְגְן דִי תַּקָּנוֹת, אוּן צוּזַאמֶען מִיט דִי שְׁטְרֶענְגְקֵייט זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה.

## מֶען טוּט נִישְׁט אִין לֶעבְּן וָואס מֶען ווִיל, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג

אוֹיבּ אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵייעֶן", דַארְף מֶען אִיר זָאגְן: "**דָא אִין כִּתָּה טוּט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל, דָא אִין**

**כִּתָּה טוּט מֶען וָואס דִי טִיטְשֶׁער זָאגְט, מֶען מוּז נִישְׁט וֶועלְן! אִין לֶעבְּן טוּט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג!"**

הַלְוַאי וְהַלְוַאי זָאלְן אַלֶע מַאמֶעס אַזוֹי מְחַנֵךְ זַיין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַ קִינְד בַּאשְׁלִיסְט נִישְׁט וָואס מֶען זָאל טוּן אִין שְׁטוּבּ, מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט אַ קִינְד: "וָואס ווִילְסְטוּ? ווִילְסְט אַזוֹי? - זָאל זַיין אַזוֹי, דוּ ווִילְסְט עֶס נִישְׁט? - אִיז נִישְׁט", אַ קִינְד דַארְף פְרֶעגְן דִי מַאמֶע וָואס צוּ טוּן, אֲפִילוּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה פְרֶעגְט מֶען וַוייטֶער דִי מַאמֶע וָואס מֶען מֶעג קוֹיפְן אוּן וָואס נִישְׁט!

מֶען גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן מִיט וָואס מֶען וִויל, אוּן מֶען עֶסְט נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, אוּן מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג!

דָאס הֵייסְט אַ רִיכְטִיגֶער מְחַנֵךְ, עֶר לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אוּן נִישְׁט וָואס מֶען וִויל.

## זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן אִיז רַחְמָנוּת

אִיךְ הָאבּ דִי וָואךְ גֶערֶעדְט מִיט אַ מְלַמֵד פוּן שְׁטֶעטְל, זָאגְט מִיר דֶער מְלַמֵד: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין שְׁטְרֶענְג, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער", זָאג אִיךְ אִים: "דוּ הָאסְטוּ רַחְמָנוּת? - שְׁטְרֶענְג אִיז רַחְמָנוּת!"

מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ קִינְד, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד: "דוּ בִּיסְט אַן עֶקְלְדִיגֶער", "בִּיסְט אַן עֶכְי", אָבֶּער אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אִיז דָאס רַחְמָנוּת.

וֶוען אַ קִינְד פַארְשְׁמִירְט זִיךְ אוּן מֶען דַארְף אִים טוֹישְׁן, אוּן דִי מַאמֶע הֵייבְּט אָן זָאגְן פַארְן קִינְד: "דוּ בִּיסְט עֶקְלְדִיג", הַרְג'עֶט זִי יֶעצְט דֶעם קִינְד שְׁטִילֶערְהֵייט, קֵיינֶער זֶעט עֶס נִישְׁט אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט עֶס נִישְׁט, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען דַארְפְן טְרָאגְן דֶעם קִינְד צוּ דָאקְטוֹרִים, דֶער קִינְד וֶועט דַארְפְן הָאבְן אִין לֶעבְּן אַסַאךְ טֶערֶעפִּי מֶען זָאל אִים פַארְשְׁטֵיין, מֶען זָאל אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, וֶוען דִי מַאמֶע וָואלְט וֶוען גֶעזִינְגֶען צוּם קִינְד: **"מֶען דַארְף שׁוֹין גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא, דוּ בִּיסְט שׁוֹין גְרוֹיס, דוּ**

**גייסְט שׁוין זַיין גְרויס, אֶמֶת דוּ בִּיסְט שׁוין גְרויס?"** - וָואלְט זִי אויפְגֶעטוּן, דֶער קִינְד וָואלְט גֶעוַואקְסְן רִיכְטִיג אוּן גֶעזוּנְט.

## ווי אַזוי לֶערְנְט מֶען הַלָכוֹת מִיט מֵיידְלֶעךְ?

**דִי לֶערֶערִין וָואס לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער 'הֲלָכָה' פְּרֶעגְט:** וָואס טוּט מֶען אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאגְן מִיר: "וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דֶעם אַז אִיךְ לֶערְן הֲלָכוֹת, אִיךְ פַארְגֶעס סַיי ווי וָואס מֶען לֶערְנְט"?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: עֶס אִיז דָא אַ וֶועג ווי אַזוי מֶען לֶערְנְט מִיט מֵיידְלֶעךְ הֲלָכוֹת אויף אַן אוֹפֶן אַז זֵיי זָאלְן עֶס נִישְׁט פַארְגֶעסְן, דִי וֶועג אִיז מֶען זָאל עֶס לֶערְנֶען 'חַד וְחָלָק', קְלָאר אוּן שַׁארְף! נִישְׁט אַזוי ווי מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן דִי גְמָרָא אוּן מֶען גֵייט צוּ דִי רִאשׁוֹנִים אוּן אַחֲרוֹנִים בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ דִי הֲלָכָה, נָאר מֶען לֶערְנְט גְלַייךְ דֶעם קְלָארְן פְּסַק הֲלָכָה.

הִלְכוֹת בִּשׁוּל דַארְף נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער צוּ גֶעדֶענְקֶען, מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ זוּפּ, פוּנֶעם שֶׁעפּ לֶעפְל, דִי לָאקְשְׁן אוּן דִי בּוּנְדְלֶעךְ, נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן טְשָׁאלְנְט אוּן אַזוי וַוייטֶער, מֶען לֶערְנְט עֶס אוֹיס קְלָאר אוּן שַׁארְף, אוּן דִי קִינְדֶער שְׁרַייבְּן עֶס אַרָאפּ, אַזוי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען הִיטְן שַׁבָּת.

דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע לִימוּד פַאר מֵיידְלֶעךְ אִיז הִלְכוֹת שַׁבָּת; דִינֵי בִּשׁוּל, הֲלָכוֹת פוּן קְלוֹיבְּן, הֲלָכוֹת פוּן מַאכְן אַ קְנִיפּ אוּן עֶפֶענֶען אַ קְנִיפּ, דָאס אִיז נָאךְ וִויכְטִיגֶער ווי אוֹיסְלֶערְנֶען נֵייעֶן.

אוֹיךְ פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אוֹיסְצוּלֶערְנֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת, אַסַאךְ מָאל זֶע אִיךְ שַׁבָּת ווי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין פַאר דִי בָּחוּרִים אַ זַאךְ אִין אַ בֶּעג (נַיְלוֹן), אוּן דִי בָּחוּרִים הֵייבְּן אָן צוּ עֶפֶענֶען דֶעם קְנִיפּ, זָאג אִיךְ זֵיי: **"רַייס אוֹיף דִי בֶּעג! מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת עֶפֶענֶען אַ קְנִיפּ"**, אוּן דִי בָּחוּרִים וואוּנְדֶערְן זִיךְ: "וָואס הֵייסְט, מֶען מֶעג שַׁבָּת רַייסְן?! אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת רַייסְן?"

דָאס גֶעשֶׁעט וַוייל מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט קִינְדֶער הִלְכוֹת שַׁבָּת, וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט אַז עֶפֶענֶען אַ קְנִיפּ אוּם שַׁבָּת אִיז אַן

עֲבֵירָה, עֶס אִיז 'חִלּוּל שַׁבָּת', און אוֹיפְרַייסְן אַ בֶּעג מֶעג מֶען יָא, אוֹיבּ מֶען רַייסְט נִישְׁט לוֹיט אַ מָאס, און אוֹיךְ נָאר אוֹיבּ מֶען דַארְף עֶס יֶעצְט הָאבְּן, סְתַּם אַזוֹי טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען רַייסְן פַּאפִּירְן.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז וֶוען מֶען דַארְף שַׁבָּת עֶפֶענֶען אַ פֶּעקל טֶעלֶערְס, דַארְף מֶען אוֹיפְרַייסְן דִי בֶּעג און נִישְׁט עֶפֶענֶען דֶעם קְנִיפּ.

## וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ קִינְד פַּארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטֶע קִינְד בָּרַבִּים?

**אַ לֶערֶערִין פְרֶעגְט:** נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה, אַ קִינְד הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִיר הַאנְט, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס ווִילְסְטוּ זָאגְן?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיפְ'ן קוֹל: "וֶוען יֶענֶע מֵיידְל הֵייבְּט אוֹיף אִיר הַאנְט צוּ פְרֶעגְן, מַאכְט זִי מִיךְ נֶערְוֶועז!"

דִי לֶערֶערִין פְרֶעגְט, יֶענֶע מֵיידְל מַאכְט טַאקֶע קוֹלוֹת וּבְרָקִים וֶוען זִי הֵייבְּט אוֹיף אִיר הַאנְט, אָבֶער וָואס טוּט מֶען דָא אַז אַ מֵיידְל וַואגְט זִיךְ צוּ פַּארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטֶע קִינְד בָּרַבִּים?!

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: וֶוען אַ קִינְד הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט און זָאגְט בָּרַבִּים: "יֶענֶע מֵיידְל מַאכְט מִיךְ נֶערְוֶועז", דַארְף מֶען אִיר זָאגְן שְׁטְרֶענְג: **"מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי! לֵייג אַרָאפּ דַיין הַאנְט און פִּיר זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין".**

אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף דִי לֶערֶערִין אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ ווִי אַזוֹי מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִי הַאנְט וֶוען מֶען ווִיל עֶפֶּעס פְרֶעגְן, אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ נֶערְוֶועז גֶעוָוארְן פוּן אַ קִינְד וָואס הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט מִיט אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת.

וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ כִּתָּה און אַסַאךְ קִינְדֶער הֵייבְּן אוֹיף דִי הֶענְט, זָאג אִיךְ זֵיי: **"אִיךְ גֵיי אוֹיסְוֶועלְן אַפָּאר קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן קֶענֶען רֶעדְן, און אִיךְ וֶועל נָאר אוֹיס אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן דִי הַאנְט ווִי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ; מַאכְן אַ גְרוּדֶער וֶוען מֶען הַאלְט דִי הַאנְט: "הֶע הֶע הֶע הֶע הֶע..." אִיז זֵייעֶר קִינְדִישׁ און נִישְׁט שֵׂכְל'דִיג".**

# אויסלערנען די קינדער זיך אויפצופירן ערוואקסן

דאס איז בכלל א וויכטיגע יסוד אין חינוך, וואס מען באמערקט אויף א קינד אז ער טוט נישט ריכטיג, דארף מען אים אויסלערנען, צום ביישפיל, אויב מען זעט א קינד זיך קראצן אויף נישט איידעלע פלעצער, דארף מען אים אויסלערנען דאס נישט צו טון, אדער אויב א לערערין זעט א קינד ווייסט נישט ווי אזוי זיך צוזאמנעמען די האר, זאל זי נישט זאגן: "דאס איז נישט מיין דזשאב, מיין דזשאב איז צו פארלערנען נביא און פרקי אבות", נאר זי זאל נעמען דאס קינד אין א זייט און איר זאגן: **"קום איך וועל דיר אויסלערנען ווי אזוי מען מאכט די האר, עס איז זייער גרינג, מען נעמט א ראבער (גומי), עפן אויף דיין האר און נעם עס שיין צוזאם, אה, קוק דו האסט עס אזוי שיין צוזאמגענומען!"**

אויב מען האט אין כתה קינדער וואס בשעת זיי פאר'חלומ'ען זיך הייבן זיי אן צו קראצן די נאז און זיי זוכן גאלד און זילבער... מוז מען זיי אויסלערנען אז דאס טוט מען נישט, מען קען נישט זאגן: "וואס גייט מיך אן וואס זיי טוען? מיין דזשאב איז אויסצולערנען מיין לימוד און שוין!" זאלסט מיר מוחל זיין און אויסלערנען די קינדער אז דאס קען מען נישט טון.

דאס אז דער קינד טוט דאס - איז נישט דעם קינד'ס פראבלעם, דער קינד איז דאך נאר א קינד און ער ווייסט נאכנישט אז דאס טוט מען נישט, דער פראבלעם איז דער מלמד אדער לערערין וואס זעט עס און לערנט נישט אויס דעם קינד. ווען מען זעט א קינד זיך קראצן די נאז, דארף מען אים געבן א טישו און אים אויסלערנען דרך ארץ אז מען קען דאס נישט טון מיט די הענט.

ווען איך קום אין א כתה און איך זע ווי קינדער פאר'חלומ'ען זיך און נעמען ארויס פון די נאז און לייגן עס אריין אין מויל, קען איך נישט ווייטער פארלערנען, איך זאג שטילערהייט פאר דעם קינד: "**דאס קען מען נישט טון, נעם א טישו**".

איין מאל בין איך געווען אין א כתה און איך האב געזען ווי א קינד עסט פון זיין נאז, פרעג איך דעם מלמד: "וואס גייט פאר מיט דעם קינד?" זאגט מיר דער מלמד: "נעבעך דעם קינד",

הָאב אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דֶער קִינְד אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דֶער קִינְד הָאט נִישְׁט אַ רֶבִּי וָואס זָאל אִים מְחַנֵךְ זַיין אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען אַז דָאס טוּט מֶען נִישְׁט!"

דֶער קִינְד הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין טַאטֶע מַאמֶע; זַיין טַאטֶע אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, אוּן זַיין מַאמֶע אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט שַׁאפִּינְג, שַׁאפִּינְג, שַׁאפִּינְג, שַׁאפִּינְג, שַׁאפִּינְג, אָדֶער אוֹיסְהֶערְן הַאטְלֵיינְס פוּן פְּרוֹיעֶן וָואס זָאגְן: "אוֹיבּ מֶען עֶסְט וַוייסֶע רַייז גֵייט דִי וֶועלְט אַרָאפְּפַּאלְן", אוּן "אוֹיבּ מֶען עֶסְט וַוייסֶע בְּרוֹיט קוּמֶען אַלֶע מַחְלוֹת", אוּן "עֶסְן מִילְכִיגְס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ", אוּן "אוֹיבּ מֶען עֶסְט מֵייעֶרְן קֶען מֶען גוּט זֶען", אוּן בִּיז דֶערְוַוייל עֶסְן דִי קִינְדֶער פוּן דִי נָאז... קוּמְט אוֹיס אַז דֶער אִינְגְל אִיז אַ רַחְמָנוּת אַז עֶר הָאט נִישְׁט אַ מְלַמֵד וָואס זָאגְט אִים נִישְׁט: "**דָאס טוּט מֶען נִישְׁט**".

לֵייגְטְס אַריין אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ אֱמוּנָה אוּן אַסַאךְ שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס נִישְׁט מִיד וֶוערְן פוּן אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

## פֶּרֶק י״א

# קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת יִתְרוֹ,
שְׁנַת תשפ״ג לִפְְרָט קָטָן
אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א



זכות הפרק נתנדב ע״י

מו״ה
**משה יהודה**
**עקשטיין**
הי״ו

# קינֶדער שְׁפְּרִינְגֶען

## אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת אִיז עֶס גְרִינְגֶער

מוֹהֲרַא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אִין סִפְרִי (נָשֹׂא, פִּסְקָא א): "**אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין**", דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר דִי וָואס גֶעבְּן חִיזוּק פַאר אַנְדֶערֶע; מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, און זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער טָאג נָאךְ טָאג. אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת דֶערְפוּן, מֶען קוּקְט אוֹיף צוּרִיק, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן דִי פַארְגַאנְגֶענֶע חֳדָשִׁים, חֶשְׁוָן, כִּסְלֵו, טֵבֵת און שְׁבָט, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט קִינְדֶער, דֶעמָאלְט אִיז דִי אַרְבֶּעט גְרִינְגֶער.

## מֶען פַארְגֶעסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעפִילְן

אַ מְלַמֵּד און אַ לֶערֶערִין וָואס זִיצְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, דַארְף הֶערְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים און הָאבְּן אַסַאךְ חִיזוּק, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז 'קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער', און 'קִינְדֶער ווִילְן זַיין גוּט'.

'חִינוּךְ' אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע דְזָשַׁאבְּ'ס וָואס מֶען טוּט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי בּוּךְ און פַארְטִיג, אוֹיבּ דִי בּוּךְ זָאגְט: "יֶעצְט דַארְף מֶען אַרוֹיסְשִׁיקְן" - וֶועט מֶען אַרוֹיס שִׁיקְן, "יֶעצְט

דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן" - וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן, "יֶעצְט דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן" - וֶועט מֶען שְׁרֵייעֶן, "יֶעצְט דַארְף מֶען פַארְשֶׁעמֶען" - וֶועט מֶען פַארְשֶׁעמֶען.

לֵיידֶער זֶענֶען הַיינְט דָא קָאמְפֶּענִיס וָואס לֶערְנֶען אוֹיס אִינְגֶעלַייט אוּן פְּרוֹיעֶן ווִי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַ מְחַנֵךְ אוּן מְחַנֶכֶת, מֶען דַארְף זִיצְן בַּיי אַכְצְן שִׁיעוּרִים, וָואס יֶעדֶע שִׁיעוּר גֶעדוֹיעֶרְט אַ שָׁעָה צַייט, נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פָּאלְגְן וָואס דִי שִׁיעוּרִים זָאגְן אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל, מֶען פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ ווִי אַ בַּאשֶׁעפֶער, אַ אִיד, אַ נְשָׁמָה, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעפִילְן.

## מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים זֶענֶען

יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס טוּט נִישְׁט אִין חִינוּךְ, וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים.

וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים קֶען מֶען וֶוערְן זֵייעֶר נֶערְוֶועז, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִין כַּעַס קֶען עֶר אֲפִילוּ שֶׁעדִיגְן קִינְדֶער פוּן גְרוֹיס כַּעַס, דֶערְפַאר דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט קִינְדֶער, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס קִינְדֶער זֶענֶען טָאר נִישְׁט זַיין אִין אַ יְשִׁיבָה אָדֶער אִין אַ חֶדֶר.

אַ חֶדֶר אוּן אַ שׁוּלֶע דַארְף זַיין פַארְמַאכְט, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין בְּרֵייט אָפְן פַאר יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע מֶען זָאל קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען וֶוען מֶען ווִיל, וַוייל וֶוען דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֶען ווִי דִי קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען אוּן שְׁרֵייעֶן, וֶועלְן זֵיי מֵיינֶען אַז עֶפֶּעס גֵייט פָּאר מִיט דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַז זֵיי לָאזְן דִי קִינְדֶער זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְפִירְן; זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז דָאס זֶענֶען קִינְדֶער, אַזוֹי פִירְן זִיךְ אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר זֶעט ווִי בָּחוּרִים דְרֵייעֶן אִיבֶּער, מֶען שְׁפְּרִינְגְט, מֶען לוֹיפְט אוֹיף טִישְׁן וְכוּ׳, שְׁטֶעמְפְּלְט עֶר גְלַייךְ אָן דִי בָּחוּרִים אַלְס מְשׁוּגָעִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים פְרֶעגְן אִינְפָארְמַאצְיֶע אוֹיף אֵיינֶער פוּן דִי

בָּחוּרִים פַּאר אַ שִׁידוּךְ, וֶועט עֶר גְּלַייךְ עֶנְטְפֶערְן: ״דֶער בָּחוּר אִיז אַ מְשׁוּגֶענֶער״, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער בָּחוּר לוֹיפְט אִיבֶּער טִישְׁן...

פְּרִיעֶר הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ דְּרָשָׁה פַּאר דִי קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אִינְמִיטְן דִי דְרָשָׁה הָאט זִיךְ אַ קִינְד צֶעשְׁרִיגְן, וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעלִיגְן אִין חִינוּךְ, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן מִיט אִים... בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ לִיג אִין חִינוּךְ וֵוייס אִיךְ אַז דָאס אִיז אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אוּן מֶען דַארְף אִים פָּשׁוּט מְחַנֵךְ זַיין.

## דִי לַחַץ בַּיי דִי חוּמָשׁ סְעוּדוֹת

דָאס אִיז דֶער סִיבָּה פַּארְוָואס אִין אַלֶע מוֹסְדוֹת הָאבְּן דִי מְלַמְדִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע לַחַץ בֶּעפָאר מֶען מַאכְט אַ ׳חוּמָשׁ סְעוּדָה׳. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, הָאבּ אִיךְ צוּגֶעזֶען וָואס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער פַּאר אַ חוּמָשׁ סְעוּדָה, מֶען פַּיינִיגְט זֵיי, פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן אַרַיינְגֵיין אַרְבֶּעטְן אִין דִי אַרְמֵיי, מֶען הֵייסְט זֵיי שְׁטֵיין גְרָאד, זֵיי טָארְן זִיךְ נִישְׁט רִירְן אוּן נִישְׁט אָטֶעמֶען...

פַּארְוָואס מַאכְט מֶען אַזַא לַחַץ? וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דִי עֶלְטֶערְן, טָאמֶער וֶועט אַ אִינְגְל גֶעבְּן אַ לַאךְ אִינְמִיטְן דֶעם מַעֲמָד, אָדֶער אַ אִינְגְל וֶועט אַוֶועק לוֹיפְן פוּן סְטֶעידְזְשׁ (בִּימָה), וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן אַרָאפּ קוּקְן דֶעם מְלַמֵד אַז עֶר טוֹיגְט נִישְׁט, דֶערְפַאר דֶערְשְׁרֶעקְט מֶען דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן שְׁטֵיין גְרָאד אוּן שֵׁיין, דָאס בִּילְד זָאל אוֹיסְקוּקְן גוּט, אוּן אַלֶע זָאלְן זָאגְן: ״דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵדֶר!״

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר מַאכְן אוֹיךְ חוּמָשׁ סְעוּדוֹת, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר דִי בִּילְדֶער. נָאךְ יֶעדֶע חוּמָשׁ סְעוּדָה הָאבּ אִיךְ אַזַא הֲנָאָה, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: ׳פַּארְדֶעם אַלֵיינְס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דֶער חוּמָשׁ סְעוּדָה׳, אִיךְ זָאל זֶען וִוי דִי מְלַמְדִים פַּיינִיגְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער׳. דֶער מְלַמֵד שְׁטֶעלְט אַרוֹיף אַלֶע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן סְטֶעידְזְשׁ, אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן... דֶער קִינְד ווִיל נִישְׁט זִינְגֶען, דֶער קִינְד לוֹיפְט אַרָאפּ וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט זַיין מַאמֶע... דָאס אִיז מַיין נַחַת! מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער זַיין גֶעזוּנְט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ אַז נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן גְרָאד וִוי סָאלְדַאטְן.

## סְדוֹם הָאט זִיךְ גֶעפִירְט סִיסְטֶעמַאטִישׁ

נִישְׁט יֶעדֶער קִינְד אִיז מְסוּגָל צוּ זִיצְן אִין אַ פָּארֶעם, נִישְׁט יֶעדֶער קִינְד קֶען אַרַיין פַּאסְן אִין אַ סִיסְטֶעם, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין זִיץ פְלֵייש, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זִיצְן צוּ לַאנְג אוֹיף אֵיין פְּלַאץ.

סְדוֹם הָאט זִיךְ גֶעפִירְט סִיסְטֶעמַאטִישׁ, וֶוער עֶס הָאט גֶעקֶענְט אַרַיין פַּאסְן אִין דִי סִיסְטֶעם הָאט מֶען גֶעלָאזְט לֶעבְּן, דִי אַנְדֶערֶע הָאט מֶען גֶע'הַרְגֶ'עט; מִיט קִינְדֶער טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי פִירְן, מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק שְׁטִיפְּן קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט אַרַיין פַּאסְן אִין אַ סִיסְטֶעם.

## שְׁטֶעל' דֶעם קִינְד אַלְס גַּבַּאי

אֵיי, וָואס זָאל מֶען טוּן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין זִיץ פְלֵייש? מֶען קֶען זֵיי שְׁטֶעלְן פַּאר גַבָּאִים!

אַנְשְׁטָאט דֶער מְלַמֵד זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן כִּתָּה מַאכְן קַאפִּיס, זָאל עֶר שִׁיקְן דֶעם קִינְד וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְזִיצְן עֶר זָאל גֵיין מַאכְן קַאפִּיס, אוּן אַנְשְׁטָאט דֶער מְלַמֵד זָאל זִיךְ גֵיין מַאכְן אַ קַאוֶוע, זָאל עֶר שִׁיקְן דֶעם קִינְד מַאכְן אַ קַאוֶוע.

אַ קִינְד קֶען לֶעבְּן אַ וָואךְ צַייט פוּן דֶעם אַז 'מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ מַאכְן קַאפִּיס!' אוּן 'מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ מַאכְן אַ קַאוֶוע!'

## גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַלֶע קִינְדֶער

אֵיי, אוֹיב וֶועלְן דִי קִינְדֶער בַּאמֶערְקְן אַז נָאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען צֶעקְלַאפְּט, אָדֶער זִיצְן נִישְׁט אַיין אוּן דְרֵייעֶן אִיבֶּער, וֶוערְן גַבָּאִים, זֵיי וֶועלְט מֶען אוֹיס צוּ מַאכְן קַאפִּיס אוּן מַאכְן קַאוֶועס,

וועט דאָך יעדער איינער וועלן נאָכמאַכן די קינדער, און נישט אײַנזיצן, כּדי ער זאָל אויך קענען ווערן גבּאי?!

דער ענטפער איז, דער מלמד בּרֹב חכמתו דאַרף פאַר יעדן איינעם געבּן גוטע ווערטער מיט וואָס ער צייכנט זיך אויס. דער קינד וואָס זיין נאַטור איז אַז ער דאַווענט שיין, דאַוונען איז אים אַ גרינגע זאַך, ער דאַרף נישט אַרבּעטן שווער צו דאַוונען שיין, קען מען דאָך געבּן פאַר דעם קינד אויפמערקזאַמקייט אַז 'ער דאַוונט זייער שיין', און פאַר דער קינד וואָס איז דערוויל ווייט פון דאַוונען, ער האָט נישט קיין השגה אין דאַוונען, קען מען דאָך נישט זאָגן קיין ליגנט אַז ער דאַוונט שיין, ער דאַוונט דאָך נישט, דאַרף מען טרעפן אַן אַנדערע זאַך מיט וואָס אים צו רימען, צום בּיישפּיל, אַז 'ער שרייבּט אויסנאַם שיין', מען מאַכט פון דעם אַן עסק: "**קוקט ווי שיין ער שרייבּט!**"[סח] אָדער אַז 'ער קושט אַלץ די מזוזה', אַזוי דאַרף יעדער קינד בּאַקומען עפּעס גוטע ווערטער, וואַרעמקייט, נשמה און האַרץ; און דער קינד וואָס האָט נישט די מעלות - אים מאַכט מען פאַר גבּאי, און מען רימט אים אויס ווי געטריי ער איז צו העלפן.

אויב יעדער איינער וועט בּאַקומען גוטע ווערטער אויף די זאַכן וואָס ער טוט, וועט זיך פאַר קיינעם נישט גליסטן נאָכצומאַכן אַ צווייטן, ווייל יעדער וועט זיין זאַט פון די אייגענע גוטע ווערטער וואָס ער האָט בּאַקומען.

## דער אויפטו פון אַ גוט וואָרט

מען קען דאָס אַליינס זען בּיי זיך, ווי דער פּסוק זאָגט (איוב יט, כו): "**מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱ-לוֹהַּ**"; לאָמיר אָנכאַפּן אַ בּיישפּיל, אַ פרוי אַרבּעט בּיטער שווער אינדערהיים, זי וואַשט, זי איז מסדר

**סח.** אַסאַך מאָל זענען קינדער מקנא דער קינד וואָס שרייבּט שיין, אָבער נישט אייבּיג איז דאָס אַ מעלה, אַמאָל איז דאָס גאַר אַ חסרון, אַסאַך מאָל קומט דאָס פון נערוון.

עס איז נישט געפערליך צו שרייבּן פּשוט.

דִי וֶועשׁ, זִי קָאכְט, אוּן דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים אוּן זָאגְט אִיר: "וַואוּ! שְׁכּ"חַ", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר", "אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְן מַאכְן אַזַא שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט", בַּאקוּמְט זִי פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת וַוייטֶער צוּ טוּן אוּן וַוייטֶער צוּ מַאכְן.

אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעווּאוּסְט נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי מַיין וַוייבּ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וִויל אִיר הֶעלְפְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפּ גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעוַואשְׁן דִי פְּלָאר, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לֵייגְן אוֹיף דֶער עֶרְד צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, דֶער עִיקָר אִיז דִי גֶעפִּיל וָואס מֶען גֶעבְּט, מֶען זָאגְט וִוי שֵׁיין אוּן זוֹיבֶּער דִי הוֹיז אִיז, דָאס גֶעבְּט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת פַאר אַ פְרוֹי זִי זָאל קֶענֶען וַוייטֶער טוּן אִיר אַרְבֶּעט.

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, בִּפְרַט מִיט קִינְדֶער, אַז אַ קִינְד פִּילְט אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים לִיבּ, עֶר שֶׁעצְט וָואס עֶר טוּט, מַאכְט דָאס עֶר זָאל וַוייטֶער וֶועלְן זַיין וואוֹיל.

מִיט אֵיין גוּט וָוארְט, מִיט אֵיין שְׁמֵייכְל, קֶען מֶען טוֹישְׁן אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

## רֶעדְן צוּ קִינְדֶער נָאר פוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר זֵיי

דִי מְנַהֶלֶת הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, אוֹיבּ מֶען קֶען לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת אִין שׁוּלֶע אַלֶע בִּרְיוֹן פוּן 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה'?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: צוּ קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן נָאר פוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר זֵיי.

מֶען קֶען גֶעבְן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען דֶעם גַאנְצְן קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", עֶס אִיז נִישְׁטָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְן, וָואס וֶועלְן זֵיי דַארְט זֶען? זֵיי וֶועלְן נָאר זֶען 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער'; אָבֶּער אַז מֶען מַאכְט דֶערְפוּן אַ לִימּוּד, דַארְף מֶען אוֹיפְזוּכְן נָאר אַזֶעלְכֶע בִּרְיוֹן וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר זֵיי, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, בִּרְיוֹן פוּן זָאגְן תְּהִלִּים, פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, פוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים.

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וִויסְן וָואס צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן זַאכְן וָואס זֵיי

דאַרפן נאַכגעבנישט הערן. פּאַר מען גייט אַריין אין כּיתּה דאַרף מען מאַכן קורצע תּפילה: "**איך בעט דיר הייליגער באַשעפער, גיב מיר אַריין די ריכטיגע דיבורים, איך זאָל נישט רעדן קיין שטותים און נישט רעדן צו די קינדער זאַכן וואָס זיי דאַרפן נאַכגעבנישט הערן**".

נישט אַלעס וואָס עטץ הערטס ביי די שיעורים ווען דער ראש ישיבה רעדט צו די בחורים אין ישיבה, קען מען רעדן צו קינדער, מען זאָגט נישט פאַר דריי יעריגע קינדער: "מען גייט שוין באַלד חתונה האָבן"... רעדט צו די קינדער פון כּיבוד אָב ואֵם, פון גוטע מדות, פון מוותּר זיין, און פון זאַכן וואָס עס איז זיי נוגע.

אויך ווען מען רעדט צו קינדער פון זיך היטן די אויגן, ווענדט זיך צו וועלכע יאָרגאַנג מען רעדט, צו דריי, פיר, פינף יעריגע קינדער רעדט מען נישט פון קוקן מאָוויס, נאָר צו עלטערע קינדער דאַרף מען רעדן פון דאָס שעדליכקייט פון קוקן מאָוויס.

## אַריינלייגן אין די קינדער
## אַ ליבשאַפט צו אידישקייט

דער עיקר פון וואָס מען דאַרף רעדן צו יונגע זויבערע קינדער איז פון דאָס שיינקייט צו זיין אַ איד, ווי גוט עס איז צו זיין איד און ווי געשמאַק עס איז צו זיין אַ איד.

איך בעט ענק טייערע מלמדים און לערערינס, לייגט אַריין אין די קינדער אַ ליבשאַפט צו אידישקייט!

איך בין עוסק טאָג און נאַכט מיט אידישע קינדער, בחורים און אינגעלייט און משפּחות וואָס עס ליגט אין זיי אַן איינגעגעסענע שנאה קעגן די אידישע וועג, בפרט מיט צניעות ביי פרויען. אַז מען וועט פרעגן אַ געזונטער מענטש: "וואָס איז שיין?" וועט ער ענטפערן: "זיך אָנטון מיט אַ שיינע קלייד איז שיין, און אויסגעטון איז נישט שיין!" אָבער אַז מען וועט דאָס פרעגן פון אַ מיידל וואָס איז שוין נעבעך אָנגעגעסן אויף די אידישע וועג, וועט זי ענטפערן אַז דער גוי וואָס גייט אָנגעטון נאַקעט איז שיין, ווייל זי רעדט זיך נעבעך איין אַז דער גוי האָט אַ לעבן.

וועגן דעם ליגט אַ פליכט אויף אַלע מלמדים און לערערינס און אַלע וואָס זענען עוסק אין מחנך זיין אידישע קינדער, עס

פּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן, ווִי אַזוֹי? דוּרְךְ רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט אַז דִי אִידִישֶׁע וֶועג אִיז שֵׁיין. זָאגְטְס פַאר דִי קִינְדֶער: **"דִי אִידִישֶׁע וֶועג אִיז אַ שֵׁיינֶע וֶועג, אַ וֶועג פוּן לֶעבְן, אִיךְ זָאג דִיר עֶס נִישְׁט ווַייל אִיךְ ווִיל דִיר פַארְנַארְן, וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן דֶעם אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ אִיד? גָארְנִישְׁט! אִיךְ ווִיל פָּשׁוּט אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ הָאבְּן דִי זִיסֶע לֶעבְּן, דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן!"**

## בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז שֵׁיין

לֵייגְטְס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַז בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז שֵׁיין!

פוּן וואוּ וֵויס אִיךְ אַז בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת זֶענֶען שֵׁיין? וַוייל עֶס מוּז אַזוֹי זַיי, אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֵיין מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, קֶען נִישְׁט זַיין אַז אוֹיבּ מֶען נֶעמְט עֶס חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ זָאל עֶס זַיין שֵׁיין!

אֵיי, אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז דִי אִידִישֶׁע וֶועג נִישְׁט שֵׁיין? זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דָאס וָואס אִיז שֵׁיין אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אוֹיגְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶפֶּעס אִיז אַרַיין בַּיי מִיר אִין קָאפּ אַ רוּחַ שְׁטוּת אַז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי דֶער גוֹי טָמֵא גֵייט אִיז שֵׁיין, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז 'שֵׁיין' אִיז דָאס וָואס בַּיי דִיר אִיז שֵׁיין"**.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק בְּרַחֲמִים! אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט פוּן דֶער שְׁטֶעטְל אוֹיבּ דֶער יוּגְנְט וַואקְסְט מִיר אוֹיף אָן לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, עֶס אִיז אַ שָׁאד מַיין אַרְבֶּעט, אַ שָׁאד מַיין הָארֶעוַואנְיֶע, אִיךְ קוּק אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס אוֹיף דִי נֵייעֶ דוֹר, עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ דוֹר פוּן קִינְדֶער וָואס זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער וָואס זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער וָואס זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן קִינְדֶער וָואס זָאלְן זַיין אִיבֶּערְצֵייגְט אַז זֵיי זֶענֶען גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין קָאפּ אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר', אוּן 'אִיךְ וֶועל

שוין נישט זיין קיין צדיק׳; ווי אזוי קומען פלוצלינג אריין ביי יעדן איינעם די זעלבע מחשבות אז ׳דער אייבערשטער איז ברוגז אויף מיר?!׳ פארוואס זאל מען בכלל האבן אזעלכע מחשבות?! פארוואס זאל מען נישט ארום גיין מיט א שמחה אז ׳דער אייבערשטער דארף מיך יא׳, ׳דער אייבערשטער האט מיך ליב׳ און ׳דער אייבערשטער הערט מיך אויס׳?!

עס מוז זיין אז עפעס איז קרום מיט די חינוך אז אזעלכע מחשבות קומען אריין אין יעדנ׳ס קאפ, און דאס ליגט אין אונזערע הענט, איך קוק ארויס אויף מיינע מלמדים און לערערינס, מען זאל אריינלייגן א ריינע חינוך אין די קינדער, זיי זאלן אויפוואקסן מיט דעם געדאנק אז ׳איך בין גוט, איך בין נישט שלעכט!׳

## מחזק זיין די מלמדים און לערערינס

איך וויל בעטן דעם מנהל, [ביז דערווייל האבן מיר נישט אין שטעטל קיין מנהל, רעד איך צום ׳במקום מנהל׳]; דער ארבעט פון א מנהל און א מנהלת איז צאמצונעמען די מלמדים און לערערינס איין מאל א טאג אדער כאטש איין מאל א וואך, רעדן צו זיי חיזוק אויף אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט, און אויך צו געבן פריוואט שיינע גוטע ווערטער פאר אלע איינגעשטעלטע[סט].

סט. מיר ברענגען אראפ א בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט״א האט געשריבן אפאר טעג פארן געבן דעם שיעור, וואס רעדט זיך פון דעם ענין:

**א מנהל און מנהלת דארפן מחזק זיין די מלמדים און לערערינס**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת יתרו, ל׳ שובבי״ם, ט״ז שבט, שנת תשפ״ג לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר, מנהל תלמוד תורה היכל הקודש**

מזל טוב פאר די שמחה ביי דיר אין די משפחה, דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן נחת פון אלע דיינע קינדער, עס זאל זיך ציען שיינע אידישע ערליכע דורות.

אַסַאךְ מָאל גֵייעֶן לֶערֶערִינְס אַרוּם מִיט קַאמְפְּלֶעקְסְן צִי 'מֶען דַארְף מִיךְ יָא' אָדֶער 'מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט', אוּן 'אֶפְשָׁר וֶועט מֶען מִיךְ אַוֶועקְשִׁיקְן פוּן שׁוּלֶע', מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי זִיצְן מִיט קִינְדֶער, בִּשְׁעַת מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט גוּט', 'אֶפְשָׁר טוֹיג אִיךְ נִישְׁט'.

פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ פַּיינִיגְן? מֶען קֶען אַרַיינְגֵיין אִין אָפִּיס פְּרֶעגְן דִי מְנַהֶלֶת אוֹיב זִי אִיז צוּפְרִידְן פוּן מִיר!

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז דֶער מְנַהֵל אוּן דִי מְנַהֶלֶת זָאלְן מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְ'ס מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

## דְרַייִ זַאכְן - אַ שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה

יֶעדֶער מְלַמֵד אוּן יֶעדֶע לֶערֶערִין מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין אָנְהֵייבּ.

אִיךְ זֶע וִוי דִי נַייעֶ מְלַמְדִים זֶענֶען זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה מִיטְ'ן אֵיינֶער פוּן דִי עֶלְטֶערֶע מְלַמְדִים וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער, זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז זַיין עֶרְשְׁטֶע יָאר אִין מְלַמְדוּת אִיז גֶעוֶוען שְׁוַואכֶער וִוי עֶנְקֶער עֶרְשְׁטֶע יָאר! אִיךְ זָאג עֶס כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְּן פוּן דֶעם חִיזוּק אַז אִין אָנְהֵייבּ גֵייט עֶס שְׁוֶוער, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָנְקוּקְן וִוי אַ דוּרְכְפַאל פוּן אַ מְלַמֵד.

---

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן גֶעבְּן וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פַאר דִי מְלַמְדִים, דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט פוּן אַ מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת אִיז - מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס. רֶעד צוּ דִי מְלַמְדִים יֶעדְן טָאג, אִינְטֶערֶעסִיר זִיךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן וִוי אַזוֹי אַלֶעס גֵייט אִין כִּתָּה, אִינְטֶערֶעסִיר זִיךְ אוֹיף יֶעדְן קִינְד.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם דִי חֵדֶר פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט. נֶעם נִישְׁט נָאךְ אַרְבֶּעט אוֹיף דִיר אֵיידֶער דִי חֵדֶר קְלַאפְּט אַ מִילְיָאן פְּרָאצֶענְט, בְּרֶענְג אַרַיין אַ חִיוּת אִין דִי קִינְדֶער.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה שְׁנַת תשפ"ג)

איי אויב אַזוי אַז יעדער מאכט אין אָנהייב טָעוּתים, ווי אַזוי ווייסט מען אויף אַ מענטש אויב ער איז פּאסיג צו זיין אַ מְלַמֵּד? דער ענטפער איז, מען קוקט אויב ער האט די דריי זאכן: אַ גוט האַרץ, אַ ביסל שֵׂכֶל, און ער איז גרייט צו הערן וואס מען זאגט אים; אויב האט ער די דריי זאכן, ווייסט מען אַז ער וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף מַצְלִיחַ זיין.

קיינער ווערט נישט געבוירן אלס מְלַמֵּד מוּמְחֶה, און אַ לערערין מוּמְחִית, אויב מען זעט אַז דער מענטש האט אַ האַרץ, ער האט אַ געפיל פאר אַ אידיש קינד. ער האט אַ ביסל שֵׂכֶל, און אַן אויער, ער איז גרייט צו הערן וואס מען זאגט אים צו טון, וועט ער מַצְלִיחַ זיין, אָבער אויב ער האט נישט קיין שֵׂכֶל, איז נישטא צו וועם צו רעדן; מיט אַ נאר פארשטיי איך זיך נישט, איך קען רַחֲמָנוּת האבן אויף אים, אָבער זיצן מיט אים בַּיי איין טיש טאג און נאכט - קען איך נישט.

## קינדער ווילן אַ רֶבִּי וואס איז שטארק בַּיי זיך

עטץ זאלטס וויסן אַז קינדער זענען זייער קלוג, קינדער כאפן אלעס אויף. איך וויל ענק דערציילן אַ מַעֲשֶׂה וואס איך האב געהאט מיט אַ אינגל. אַ מִשְׁפָּחָה פון שטעטל האט געבוירן אַ בעבי, זיי האבן געדארפט צעטיילן זייערע קינדער לְכָבוֹד די שִׂמְחָה, האבן זיי אַוועק געשיקט זייער אַכט יעריג קינד קיין וויליאמסבורג, ער איז געקומען אין אונזער חֵדֶר אין וויליאמסבורג, בַּיי אַ פרישער מְלַמֵּד וואס האט קוים אָנגעהויבן מיט מְלַמְּדוּת.

איין טאג פרעג איך דעם קינד: "וואס זאגסטו צו די וויליאמסבורג'ער חֵדֶר?" זאגט ער מיר: "עס איז זייער גוט", זאג איך אים: "זאג מיר עפּעס", זאגט ער מיר: "עס איז זייער פיין, אָבער עס איז נישט קיין חֵדֶר..." פרעג איך אים: "וואס מיינסטו צו זאגן אַז עס איז נישט קיין חֵדֶר?" זאגט ער מיר: "דער מְלַמֵּד האט זייער אַ גוט האַרץ, זייער אַ ווייכע האַרץ, אָבער איך ווייס נישט פארוואס בַּיי מיין רֶבִּי אין שטעטל פאלגט מען", פרעג איך אים: "וואס הייסט אַז בַּיי דיין רֶבִּי פאלגט מען?" איז ער מיר מַסְבִּיר, אַ אינגל האט זיך געשפּילט מיט עפּעס אינמיטן

לֶערְנֶען, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "גֶעבּ עֶס אַהֶער!" הָאט דֶער אִינְגְל גֶעזָאגְט: "נֵיין!" הָאט דֶער רֶבִּי עֶס נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן, אוּן דֶער אִינְגְל הָאט נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט: "נֵיין!" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אָקֶעי, דֶעמָאלְט לֵייג עֶס אַוֶועק!" - דֶער אִינְגְל פְרֶעגְט מִיר תְּמִימוּת'דִיג: "פַארְוָואס בְּלַייבְּט נִישְׁט דֶער רֶבִּי שְׁטַארְק מִיט וָואס עֶר זָאגְט, אַזוֹי וִוי מַיין רֶבִּי פוּן שְׁטֶעטְל?!"

דֶער קִינְד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דֶעם נֵייעֶם מְלַמֵּד, דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ אִינְגְל: "גֵיי צוּם מְנַהֵל!" דֶער אִינְגְל הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט שְׁטְרֶענְג: "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן גֵיין צוּם מְנַהֵל!" דֶער אִינְגְל הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אָקֶעי, דֶעמָאלְט בְּלַייבּ דָא", דֶער אִינְגְל זָאגְט מִיר תְּמִימוּת'דִיג: "בַּיי מַיין רֶבִּי פוּן שְׁטֶעטְל וֶוען עֶר זָאגְט אַ וָוארְט - גֶעשֶׁעט וָואס עֶר זָאגְט".

מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַ קְלֵיין קִינְד פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין פִּינְקְטְלִיךְ וָואס מֵיינְט אַ שְׁטַארְקֶער רֶבִּי, אוּן עֶר וִויל זַיין רֶבִּי זָאל זַיין שְׁטַארְק; אַ קִינְד הָאט לִיבּ אַ רֶבִּי וָואס פַארְלַאנְגְט מֶען זָאל פָאלְגְן, אוּן זָאגְט אִיבֶּער זַיין פַארְלַאנְג אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן וֶוערְט נִישְׁט שְׁוַואךְ פַאר אַ קִינְד.

אִיךְ מֵיין נִישְׁט מִיט דִי מַעֲשֶׂה אַוֶועק צוּ מַאכְן יֶענֶער מְלַמֵּד, ווייל אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדְן פְרִישְׁן מְלַמֵּד, עֶס נֶעמְט צַייט צוּ כַאפְּן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט ווילְדֶעוֶוען, נָאר מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ אוּן נָאכְאַמָאל אִיבֶּער זָאגְן שְׁטַארְק: **"מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן אִינְמִיטְן חֵדֶר! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן דוּ זָאלְסְט אַהֶער בְּרֶענְגֶען דַיין שְׁפִּילְצֵייג!"** [ע]

---

**ע.** מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר טֶעג פַארְן גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא:

**אַ מְלַמֵּד דַארְף קֶענֶען הַאלְטְן אַ כִּתָּה**
**אָן שְׁרֵייעֶן אוּן אַרוֹיסְשִׁיקְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ח שׁוֹבָבִי"ם, כ"ד שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

# דִי כִּתָּה זָאל נִישְׁט וֶוערְן קַארְבָּאן-דִיאַקְסֵייד

מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי פַּאךְ פוּן מְלַמְדוּת, מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט זַיין 'נָאר שְׁטְרֶענְג', וַוייל בַּאלְד גֵייט אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע לוּפְט פוּן כִּתָּה, עֶס וֶוערְט קַארְבָּאן-דִיאַקְסֵייד.

אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין שְׁטְרֶענְג, נָאכְדֶעם מוּז מֶען שׁוֹין מַאכְן אַבִּיסְל גֶעשְׁמַאק, אוּן וֶוען מֶען פִּילְט אַז דִי קִינְדֶער וֶוערְן שׁוֹין אִינְגַאנְצְן לוֹיז, עֶס וֶוערְט אוֹיס כִּתָּה, דַארְף מֶען צוּרִיק וֶוערְן שְׁטְרֶענְג.

---

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵד אִין שְׁטֶעטְל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר דִי גוּטֶע גְרִיסְן פוּן חֵדֶר; זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר דִי חֵדֶר.

בְּנוֹגֵעַ אַ מְנַהֵל; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָנְצִיעֶן נָאךְ אַפָּאר וָואכְן אָן אַ מְנַהֵל, וַוייל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הֵייסְט עֶס יֶעצְט אַז ר' מָרְדְכַי נֵרוֹ יָאִיר צִיט זִיךְ צוּם שְׁטֶעטְל אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. עֶר וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס, עֶר וֶועט צוּגֶעבְּן צוּם חֵדֶר אַלֶעס זָאל זַיין וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. יֶעצְט אִיז דָא נָאךְ זֶעקְס וָואכְן בִּיז יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן נָאךְ פִינְף וָואכְן צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה.

בְּנוֹגֵעַ דֶער מְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ הָאף אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי צוּ הַאלְטְן אַ כִּתָּה, אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס אוֹיפְכַאפְּן, וִוי מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ גוּטֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גוּט, אַז נִישְׁט - וֶועל אִיךְ דַארְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ נֵייעֶם מְלַמֵד. הַלְוַאי זָאל עֶר דָאס אוֹיפְכַאפְּן, וַוייל עֶר הָאט אַלֶע מַעֲלוֹת פוּן זַיין אַ מְלַמֵד; אַ גוּטֶע וֵוייכֶע הַארְץ, אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַן עֶרְנְסְטֶער, נָאר דִי אֵיין זַאךְ; עֶר דַארְף ווִיסְן צוּ זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז קִינְדֶער דַארְפְן פָאלְגְן אַ רֶבִּי, אוּן אָן שְׁרֵייעֶן, אָן אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן כִּתָּה - דַארְף מֶען דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים, אוּן זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פַּאזֶעטִיוֶוע לוּפְט צְווִישְׁן דִי מְלַמְדִים, אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה שְׁנַת תשפ"ג)

אַזוֹי ווִי מֶען טוּט פַארְן עֶסְן, אִינְדֶערְפְרִי צַיְיט מֶען אַיין דֶעם פַּאסִיק, און פַאר מֶען גֵייט עֶסְן - עֶפְּנְט מֶען עֶס אַבִּיסְל אוֹיף, און מֶען לָאזְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי פַאר אֵייבִּיג, מָארְגְן אָנְהֵייבּ טָאג מַאכְט מֶען צוּרִיק טֵייט דִי פַּאסִיק, נָאכְדֶעם עֶפְּנְט מֶען עֶס צוּרִיק אוֹיף.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן עֶס זָאל זַיין שְׁטְרֶענְג צוּזַאמֶען מִיט גֶעשְׁמַאק? אוֹיף דֶעם אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, דִי עֵצָה פוּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן און מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרַיין אִין כִּתָּה, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, גֶעבּ מִיךְ שְׁטַארְקְקֵייט און גֶעבּ מִיר חֵן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר".**

## הוֹרָאוֹת פַאר אֲסִיפַת הַהוֹרִים

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אַפָּאר טֶעג פַאר דֶעם 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים' פוּן שׁוּלֶע, ווִיל אִיךְ רֶעדְן אַפָּאר זַאכְן ווָאס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר אַן אֲסִיפַת הַהוֹרִים, און אִיךְ הָאף אַז דִי לֶערֶערִינְס ווֶעלְן אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווָאס צוּ טוּן.

## שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת ווָאס מֶען גֵייט רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן

אוֹיבּ מֶען הָאט אַ קִינְד ווָאס דַארְף הִילְף פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיז כְּדַאי מֶען זָאל עֶס פַּארְדֶעם דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת ווִי אַזוֹי עֶס צוּ זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן. ווַייל נִישְׁט יֶעדֶע לֶערֶערִין, אֲפִילוּ גֶעלוּנְגֶענֶע לֶערֶערִינְס, ווֵייסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ זִי טוֹיגְט צוּ אִירֶע תַּלְמִידוֹת מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז זִי ווֵייסְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט עֶלְטֶערְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ פָּארְאוֹיס אָנְגְרֵייטְן ווָאס מֶען גֵייט רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

אָבֶּער מֶען קֶען עֶס נָאר דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן קֵיין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן מִיט סְתָּם לֶערֶערִינְס און זִיכֶער נִישְׁט מִיט אַנְדֶערֶע חַבֶר'טֶעס, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל זָאל ווִיסְן פוּן אַ פְּרָאבְּלֶעם ווָאס עֶר הָאט מִיט זַיין קִינְד.

# נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט פַאר עֶלְטֶעְרְן

מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן, אַז מֶען הָאט אַ קִינְד וָואס מֶען אַרְבֶּעט מִיט אִיר שְׁוֶוער אִין כִּתָּה, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר דִי מַאמֶע: "דַיין קִינְד אִיז גֶעפֶערְלִיךְ!" אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט אַז "אַלֶעס אִיז פֵיין", מֶען דַארְף זָאגְן דֶעם אֱמֶת; מֶען דַארְף נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי עֶס צוּ זָאגְן.

אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעט אַז אַ מְלַמֵּד זָאגְט אוֹיף אַ קִינְד וָואס פָּאלְגְט נִישְׁט אוּן אַנְעֶרְקֶענְט אִים נִישְׁט אַלְס מְלַמֵּד, אַז "אַלֶעס אִיז מוֹרָא'דִיג פֵיין", נָאכְדֶעם וֶוערְט דֶער טַאטֶע גֶעוואוּיר אַז מֶען הָאט גֶענוּמֶען זַיין זוּן אִין אַ זַייט אוּן אִים בַּאשְׁטְרָאפְט, דֶער טַאטֶע וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צֶעטוּמְלְט, אֵיין מִינוּט הֶער אִיךְ אַז מַיין קִינְד אִיז מוֹרָא'דִיג פֵיין, נָאכְדֶעם הֶער אִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס גֵייט דָא פָאר?!

אִיךְ הַאלְט אַסַאךְ מָאל פָאר עֶלְטֶערְן וֶועגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַז זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אִין חֵדֶר, פְרֶעגְן מִיר דִי עֶלְטֶערְן צוּרִיק: "וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? מִיר טְרֶעפְן כְּסֵדֶר דֶעם מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין פוּן אוּנְזֶער קִינְד, אוּן זֵיי זָאגְן אוּנְז אַלְץ: 'מוֹרָא'דִיג', 'אַלֶעס אִיז פֵיין', אוּן יֶעצְט זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג?!" אִיךְ עֶנְטְפֶער זֵיי: "עֶטְץ זֶענְטְס גֶערֶעכְט, אָבֶער וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז אַ נֵייעֶר מְלַמֵּד אוּן אַ נֵייעֶ לֶערֶערִין וָואס וֵייסְט נָאכְנִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ זָאגְן".

# אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ גֶעבּ אִיךְ פֶּעטְשׁ

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר דִי מְלַמְּדִים פוּן מַיינֶע קִינְדֶער: "אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט מִיר אַז מַיין קִינְד אִיז גוּט וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, בִּין אִיךְ דִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹחֵל! אִיךְ וִויל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ וִויל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת".

איך בִּין זייער שְׁטְרֶענְג מִיט מַיינֶע קִינְדֶער װעגְן דֶרֶךְ אֶרֶץ, פָאר אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּער קוּמֶען אִין חֵדֶר גֶעבְּן פֶּעטְשׁ, זֵיי זָאלְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין זייער פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעקֶענְט מְחַנֵךְ זַיין.

שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "**חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ**", װער עֶס נֶעמְט אַװעק דֶעם שְׁטֶעקְן, דֶעם פַּאסִיק, פוּן זַיין קִינְד - הָאט אִים פַיינְט! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲרָטָה אוֹיף קַיין אֵיין פַּאטְשׁ װָאס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן װעגְן 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'.

אֱמֶת אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער, און מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן דֶערְפוּן, דָאס אִיז װייל גֶעװֶעהְנְלִיךְ שְׁלָאגְט מֶען פוּן כַּעַס. װען אַ קִינְד דְרֵיידְט עֶפֶּעס אִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים קוּמְט אִים נִישְׁט קַיין פֶּעטְשׁ, מִיר קֶענֶען אוֹיךְ אַמָאל אִיבֶּער דְרֵייעֶן, און אַז עֶר הָאט גֶעטוּן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז אַ קִינְד אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן און זִיךְ צֶעקְלַאפְּט, און דוּ בִּיסְט גֶעװָארְן דֶערְשְׁרָאקְן און פַארְלוֹירְן - װוּאוּ קוּמְט דָא אַרַיין שְׁלָאגְן?! מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער סְתָּם אַזוֹי, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען אַ קִינְד 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', קֶען מֶען יָא שְׁלָאגְן.

## אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן װִיכְטִיגֶער װִי אוֹיף לֶערְנֶען

אָבֶּער אַז אַ קִינְד כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף דִי רֶעכֶענֶען - אִיז גָארְנִישְׁט, און אֲפִילוּ אַ קִינְד כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט. דִי הֲלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, הִלְכוֹת מְלַמְדִים, סִימָן רמה, סְעִיף ט): "**אֲפִילוּ תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין לִקְרוֹת, לֹא יְסַלְקוּהוּ מִשָּׁם**", אֲפִילוּ אַ קִינְד פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט װָאס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען אִים נִישְׁט אַװעק שִׁיקְן, "אֶלָּא יֵשֵׁב עִם הָאֲחֵרִים, אוּלַי יָבִין", עֶר זָאל בְּלַייבְּן זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער װָאס פַארְשְׁטֵייעֶן יָא, אֶפְשָׁר מִיט דִי צַייט װֶעט עֶפֶּעס װֶערְן פוּן אִים.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַ בָּחוּר װָאס אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען דָא אִין יְשִׁיבָה בַּיי דִי זִיבֶּעצְן יָאר, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן פוּן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), הָאט עֶר

אָנְגְעהוֹיבְּן 'זָאגְן' גְמָרָא, אֵיין טָאג קוּמְט עֶר צוּ מִיר אוּן ווייזְט מִיר אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אִין דִי גְמָרָא, עֶר וַוייזְט מִיר אִינֶעוֵוייניג וואוּ עֶס שְׁטֵייט: "רַב נַחְמָן"... הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז דִי גְמָרָא אִיז שׁוֹין גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר 'זִיבְּעצְן הוּנְדֶערְט יָאר' צוּרִיק, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶעבְּט בְּעֶרֶךְ 'צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר' צוּרִיק.

דֶער בָּחוּר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעוואוּסְט, מִיט דִי צַייט, נָאכְ'ן זָאגְן אַסַאךְ אַסַאךְ גְמָרָא, קֶען עֶר שׁוֹין הַיינְט לֶערְנֶען.

דָאס אִיז אַלֶעס מִיט אַ קִינְד וָואס הָאלְט נִישְׁט מִיט דָאס לֶערְנֶען, אָבֶּער אוֹיף 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', אַז אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, דַארְף מֶען אַריין מִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן הֶעלְפְן דֶעם קִינְד.

## קוֹדֶם זָאל מֶען אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע נְקוּדָ——ה אוֹיפְ'ן קִינְד——

וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן מִיט אַ מַאמֶע דַארְף מֶען קוֹדֶם אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע נְקוּדָה מִיט וָואס דָאס קִינְד אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט. מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט דִי פְּרָאבְּלֶעם, דָאס קֶען נִישְׁט זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע וָוארְט.

מֶען דַארְף אוֹיפְזוּכְן אַ גוּטֶע נְקוּדָה אוֹיפְ'ן קִינְד מִיט וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל אוּן זֵייעֶר טַייעֶר, אוּן עֶס זָאל זַיין אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאךְ מִיט וָואס דֶער קִינְד אִיז מַמָּשׁ אַ חִידוּשׁ קֶעגְן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דֶער קִינְד הָאט מוֹרָא'דִיגֶע גוּטֶע מִדּוֹת, זִי טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, אָדֶער זִי עֶסְט זֵייעֶר אֵיידֶל; אֲפִילוּ אֵיין נְקוּדָה אִיז אוֹיךְ גֶענוּג. נָאכְדֶעם קֶען מֶען רֶעדְן פוּנֶעם חֵלֶק וָואס דָאס קִינְד דַארְף זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן.

## דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרָאפְן מַיין גוּטֶע נְקוּדָ——ה

אַן עֶלְטֶערֶער אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט, אַלְס קִינְד בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוער קִינְד, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן מִיט מִיר, מֶען הָאט מִיךְ גֶע'הַרְגִ'עט אוּן גֶעשְׁלָאגְן אִין חֵדֶר, קֵיינֶער הָאט

מִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען. דֶער אִיד אִיז שׁוֹין הַיינְט אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיט בּוּשָׁה: אֵיין מָאל הָאט מִיר מַיין מַאמֶע גֶענוּמֶען צוּם לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ פִּינְקְטְלִיךְ וואוּ אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן דֶער לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט לִיבּ חֵדֶר?" הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין!" הָאט מִיר דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען?" הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין!" הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ מַיין מַאמֶע: **"עֶר אִיז אַן אֱמֶתְ'עֶר קִינְד!"**

דֶערְצֵיילְט דֶער אִיד: "דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעכַאפְּט מַיין הַארְץ; פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן, זַאכְן הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וֶוערְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, אַלֶעס אַ דַאנְק דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרָאפְן אִין מִיר אַ גוּטֶע נְקוּדָה!"

## דֶער טַאטֶע מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג פוּנֶעם מְלַמֵּד

בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ מַאכְן אַן אֲסִיפַת הַהוֹרִים, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ דִי מְלַמְּדִים טְרֶעפְן זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן אִיז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. קֶען אַסַאךְ מָאל בַּאדֶערְן פַאר אַ מְלַמֵּד וֶועגְן אַ טַאטֶע פוּן אַ קִינְד: 'אִיךְ טְרֶעף דִיר יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דַיין קִינְד, פַארְוָואס זָאגְסְטוּ מִיר נִישְׁט קַיין אֵיין גוּט וָוארְט?! לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אוֹיבּ מָארְגְן גֵייט פַּאסִירְן אַז מֶען גֵייט אִיבֶּערְלָאזְן דַיין קִינְד אוֹיפְ'ן בָּאס, גֵייסְטוּ מִיר גְלַייךְ אָנְרוּפְן מִיט טַעֲנוֹת... אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס וֶוען אִיךְ זִיץ שׁוֹין מִיט דַיין קִינְד פִיר חֲדָשִׁים אוּן אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אִים, קֶענְסְטוּ מִיר נִישְׁט אָנְרוּפְן זָאגְן "שְׁכֹּחַ"?!'

דָאס טָאר נִישְׁט וֵוי טוּן! מֶען דַארְף וִויסְן אַז עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְיָאגְט אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיךְ בַּאדַאנְקֶען.

אַנְשְׁטָאט דֶער טַאטֶע זָאל צוּקוּמֶען צוּ דִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, גֵיי דוּ צוּ צוּם טַאטְן אוּן זָאג אִים: **"דַיין זוּן אִיז זֵייעֶר וואוֹיל אִין חֵדֶר, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גוּט קִינְד, זֵייעֶר אַ הַארְצִיג קִינְד, אִיךְ**

**הָאב זֵייעֶר הַנָאָה פון אִים**". און אוֹיב אִיז דָא וָואס צו בַּאמֶערְקְן אוֹיפְ'ן קִינְד וֶועגְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועלְן דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער זַיין דִי פָּארְשְׁפֵּייז... און נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "**אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אִים עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן וֶוען דֶער מְלַמֵד רֶעדְט, לָאמִיר אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען, זָאג אִים אוֹיךְ אַז וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט, רֶעדְט מֶען נִישְׁט אַרַיין**".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה און סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא, אָמֵן.

# פֶּרֶק י"ב

# אוֹיסְרִימֶען יֶעדְן קִינְד

דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן
דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים,
שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א



זכות הפרק נתנדב ע"י

מו"ה
**משה הלל סאלז**
הי"ו

# אויסְרִימֶען יֶעדְן קִינְד

## חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים

וִויפִיל חִיזוּק מֶען גֶעבְּט פַאר מְחַנְּכִים דַארְף מֶען גֶעבְן נָאךְ און נָאךְ חִיזוּק.

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין אֲשֶׁר בְּנַחַל דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרִי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): **"אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין"**; דִי וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע, דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין, וַוייל זֵיי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק.

מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חִינוּךְ, און אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְפְן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז זֵייעֶר אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד.

עֶס קֶען זִיךְ אַסַאךְ מָאל דַאכְטְן פַאר אַ מְלַמֵּד וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל עֶר זֶעט בִּשְׁעַת עֶר גֶעבְּט דֶעם שִׁיעוּר וִוי קִינְדֶער לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער, און דֶער קִינְד גֶענֶעצְט, דֶער קִינְד קוּקְט אוֹיפְ'ן דַאךְ, דֶער קִינְד קוּקְט אוֹיף זַיין חַבֵר, דֶער קִינְד בְּלִינְקְט מִיט דִי אוֹיגְן צוּ זַיין חַבֵר, און דֶער קִינְד שִׁיקְט אַרוֹיף אַ צֶעטְל צוּ זַיין שָׁכֵן, און אוֹיב עֶר זָאגְט אַ שְׁטְרֶענְג וָוארְט פַאר אַ קִינְד שְׁמֵייכְלֶען זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער אוּנְטֶער; זַאכְן וָואס מִיר אַלֶע פְלֶעגְן טוּן אַלְס קִינְד... בִּיז דֶער מְלַמֵּד בַּאקוּמְט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת און הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז סְתַם גֶעוֶוען אַ שָׁאד מַיין צַייט און אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְגֶעקוּקְט, וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְגֶעגְרֵייט אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל, אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְּלָאגְט אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַ נְקוּדָה, און עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט קֵיינֶעם'.

דַארְף מֶען וויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵּיין אַפָּאר יָאר, דֶער קִינְד וֶועט אוֹיפְוואַקְסְן, פְּלוּצְלוּנְג וֶועט עֶר זִיךְ אָנְהֵייבְּן דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעוִויזְן דֶעמָאלְט קַיין אִינְטֶערֶעסֶע.

וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער בַּאקוּמְט מֶען כֵּלִים, דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן זִיךְ בַּאנִיצְן מִיט דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד. אִיךְ זֶע עֶס בַּיי מִיר, וִוי עֶלְטֶער אִיךְ וֶוער, עֶס גֵּייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ נָאךְ אוּן נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן חֵדֶר.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ בִּשְׁעַת מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן גֶערֶעדְט צִי אִיךְ הָאבּ אַרוֹיס גֶעוִויזְן אִינְטֶערֶעסֶע, מִן הַסְּתָם הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אַזוֹי וִוי אַלֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט יֶעדֶעס וָוארְט, אָבֶּער הַיינְט דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ 'אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי שֵׁיינֶע זַאךְ פוּן דֶער מְלַמֵּד', 'אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי שֵׁיינֶע מָשָׁל פוּן יֶענֶער מְלַמֵּד', הַיינְט קוּמְט מִיר אַלֶעס צוּנִיץ.

## מַיין אַרְבֶּעט גֵּייט נִישְׁט לְאִיבּוּד

יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס אִיךְ גֶעבּ פַאר מְחַנְּכִים אִיז חִיזוּק, בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר פְּרוּבִּיר אִיךְ אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַנְדֶערֶע נְקוּדוֹת, הַיינְט וֶועלְן מִיר רֶעדְן פוּן עֶטְלִיכֶע וִויכְטִיגֶע נְקוּדוֹת.

דִי עֶרְשְׁטֶע נְקוּדָה הָאבְּן מִיר יֶעצְט גֶערֶעדְט, אַז אַ מְלַמֵּד דַארְף וויסְן 'מַיין אַרְבֶּעט גֵּייט נִישְׁט לְאִבּוּד!'

דָאס וָואס אִיךְ קוּם מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אִין חֵדֶר, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט אִין דִי צַייט טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ קוּם צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק אִיבְּרִיגֶע צַייט פַאר דִי קִינְדֶער זִיךְ פָּארְצוּגְרֵייטְן שֵׁיינֶע זַאכְן, דָאס אַלֶעס גֵּייט נִישְׁט לְאִבּוּד, עֶס קֶען זַיין אַז יֶעצְט בִּשְׁעַת אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵיי נָאךְ צוּ יוּנְג מִיךְ צוּ זָאגְן: "שְׁכּוֹחַ", אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען וִוי שֵׁיין דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעוֶוען, אָבֶּער עֶס אִיז זִיכֶער אַז דִי וֶוערְטֶער גֵּייעֶן אַרַיין אִין זֵיי, אוּן אַלֶע מַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט זֵיי נָאךְ צוּנִיץ קוּמֶען אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל, אַז אִיךְ טְרֶעף אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן יָארְן צוּרִיק גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן לֶעבְּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע לֶעבְּן, אוּן נָאךְ יָארְן וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, זָאגְן זֵיי מִיר: "אִיךְ גֶעדֶענְק דֶעם שִׁיעוּר פוּן 'מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין', אִיךְ טוּ עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט", "אִיךְ גֶעדֶענְק דֶעם שִׁיעוּר פוּן 'רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אִיךְ טוּ עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט".

דָאס אִיז פַאר מִיר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, וַוייל אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וִוי בְּשָׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן דִי שִׁיעוּרִים הָאט מִיר אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי 'יֶענֶער בָּחוּר דַארְף נִישְׁט דִי שִׁיעוּרִים', עֶס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי אִיךְ רֶעד בִּכְלַל נִישְׁט צוּ אִים, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט זַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע שְׁפִּילְצֵייג וְכוּ', אוּן יֶעצְט קוּמְט עֶר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְפְן מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וִויסְן; אַלֶע װערְטֶער וָואס אִיךְ רֶעד גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אֵיי פַארְוָואס וַוייזְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער קַיין אִינְטֶערֶעסֶע? וַוייל קִינְדֶער כַאפְּן נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן, בְּשָׁעַת דֶער מְלַמֵּד לֶערְנְט פָּאר שְׁרַייבְּט מֶען אוּן מֶען קַאטְשְׁקֶעט אוֹיף צֶעטְלֶעךְ, מֶען שִׁיקְט אַרוּיף צֶעטְלֶעךְ, מֶען קוּקְט אַהֶער אוּן מֶען קוּקְט אַהִין, אוּן וֶוען דֶער מְלַמֵּד זָאגְט שׁוֹין פַאר אַ קִינְד: "**מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ!**" גֶעבְּט דֶער קִינְד אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אַ בְּלִינְק מִיט דִי אוֹיגְן צוּ אַ צְוֵוייטְן.

אָבֶּער הָאטְס נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם, נֶעמְטְס עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, עֶנְקֶער אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער גֵייט אַרַיין אִין זֵיי.

## אַ פְרֵיילִיכֶער אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה

דִי צְוֵוייטֶע נְקוּדָה וָואס מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן וִויסְן: עֶס מוּז זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה.

אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז אַבִּיסְל אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ פַאר גֶעוִויסֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן וֶוערְן צֶעלָאזְט; אוֹיךְ מַגִּידֵי שִׁיעוּר הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא אַז

בָּחוּרִים זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, זֵיי ווילְן נִישְׁט דִי בָּחוּרִים זָאלְן זִינְגֶען און טַאנְצְן, ווייל זֵיי טְרַאכְטְן אַז דִי בָּחוּרִים וֶועלְן צוּקוּמֶען צוּ הוֹלְלוֹת.

מֶען דַארְף אָבֶער וויסְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ צוּקוּמֶען פון עֶרְנְסְט צוּ וֶוערְן צֶעקְוֶועטְשְׁט - ווי צוּ צוּקוּמֶען פון פְרֵיילִיךְ צוּ וֶוערְן צֶעלָאזְט.

'שִׂמְחָה' אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, 'הוֹלְלוֹת' און צֶעלָאזְטְקֵייט אִיז סִטְרָא אַחֲרָא; זַיין עֶרְנְסְט מִיט הַכְנָעָה און אַ לֵב נִשְׁבָּר אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶעפְּרֶעסְט און דֶערבִּיטֶערְטְקֵייט אִיז סִטְרָא אַחֲרָא, זָאגְט דֶער רֶבִּי, עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַרַיין צוּ פַאלְן דוּרְךְ אַ 'לֵב נִשְׁבָּר' צוּ 'עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה', ווי אַרַיין צוּ פַאלְן דוּרְךְ 'שִׂמְחָה' צוּ 'הוֹלְלוֹת'.

עֶס מוּז זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה, אַ מְלַמֵד מוּז שְׁמֵייכְלֶען!

בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵד גֶעבְּט דֶעם שִׁיעוּר מוּז זַיין זֵייעֶר עֶרְנְסְט, אָבֶער אֵיין מָאל מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר, אִין דִי צַייט פון רִיסֶעס וְכַדוֹמֶה, וֶוען דֶער מְלַמֵד דְרֵייט זִיךְ אִין כִּתָּה אָדֶער אַיְנְדְרוֹיסְן פון כִּתָּה, זָאל עֶר גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן קִינְד, אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן קִינְד.

אַזוֹי ווי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת ל:) אַז דִי הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָאִים פַאר זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ וֶוערְטְל, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט, נָאכְדֶעם בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע יִרְאָה.

אוֹיבּ מֶען אִיז אַ גַאנְצְן טָאג עֶרְנְסְט און אָנְגֶעצוֹיגְן, וֶוערְן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זֵיי הֵייבְּן אָן צִיטֶערְן אַז מֶען גֵייט זֵיי שְׁלָאגְן אָדֶער מֶען גֵייט זֵיי שְׁטְרָאפְן, און זֵייעֶר מֹחַ וֶוערְט פַארְמַאכְט, דָאס הַארְץ וֶוערְט פַארְמַאכְט, נָאכְדֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט פּוֹעֵל'ן בַּיי זֵיי.

מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון: "זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְּרֵייליכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין יְשִׁיבָה, מֶען זָאל נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן"; דִי בְּרִיוְון קֶען מֶען נָאכְקוּקְן אִין דִי אִידִישֶׁע 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל'[עא].

## גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד

דִי דְרִיטֶע נְקוּדָה וָואס מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן וִויסְן: מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד פְּרִיוַואטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (אַטֶענְשָׁאן).

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס וָוארְט 'אַטֶענְשָׁאן' אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע וָוארְט, עֶס אִיז אַ וָוארְט וָואס מֶען נִיצְט אָנְצוּשְׁרֵייעֶן אוּן אָפְּצוּלַאכְן פוּן אַ קִינְד, מֶען זָאגְט אִים: "דוּ דַארְפְסְט אַטֶענְשָׁאן..." - דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אַטֶענְשָׁאן אִיז זֵייעֶר אַ גֶעזוּנְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער גֶעזוּנְטֶער לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ ווִיל מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף אִים, מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן אִים, מֶען זָאל מַאכְן אַ מַצָּב פוּן אִים.

דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן קוּקְן עֶס אָן שְׁלֶעכְט, אִיז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ בַּאקוּמֶען אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע וֶועג, אוּן עֶר בֶּעט עֶס נַארִישֶׁערְהֵייט.

וֶועגְן דֶעם אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר אַ מְלַמֵּד צוּ הַאלְטְן קָאפּ אַז יֶעדֶער קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען פְּרִיוַואטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. אוֹיבּ מֶען הָאט אַ גְרוֹיסֶע כִּתָּה אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מֶען זָאל קֶענֶען גֶעבְּן יֶעדְן טָאג פַאר יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער אַ גְרוֹיסֶע פָּארְצִיֶע אַטֶענְשָׁאן, דַארְף דֶער מְלַמֵּד הַאלְטְן קָאפּ אַז יֶעדֶער קִינְד זָאל כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ וָואךְ בַּאקוּמֶען פְּרִיוַואטֶע אַטֶענְשָׁאן.

---

**עא.** עֶס אִיז גְרִינְג צוּ כַאפְּן וֶועלְכֶע בְּרִיוו פוּן דִי אִידִישֶׁע 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר מִיר, ווַייל דִי אַלֶע בְּרִיוְון וָואס רֶעדְן זִיךְ פוּן אַ יְשִׁיבָה מִיט בָּחוּרִים - הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מִיר.

## אַ גוּט מָארְגְן פַאר יֶעדְן קִינְד

אוֹיסֶער וָואס יֶעדֶער קִינְד דַארְף וֶוערְן אוֹיסְגֶערִימְט, מֶען זָאל מַאכְן אַ מַצָב פוּנֶעם קִינְדְ'ס מַעֲלוֹת כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ וָואךְ, מוּז יֶעדֶער קִינְד בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ שֵׁיינֶע 'אַ גוּט מָארְגְן', אוּן בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן צְוֵויי לֶערֶערִינְס, דַארְף אוֹיךְ דִי נָאכְמִיטָאג לֶערֶערִין גְרִיסְן יֶעדֶע קִינְד 'אַ גוּטְן טָאג', אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַהֵיים 'אַ גוּטְן אָוֶוענְט'.

דָאס זֶענֶען דִי פָּאר נְקוּדוֹת וָואס אִיז וִויכְטִיג פַאר מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ וִויסְן.

## הוֹרָאוֹת פַאר אֲסִיפַת הַהוֹרִים

אַזוֹי וִוי הַיינְט וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵׁם פָּארְקוּמֶען אַן 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים', וואו דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְטְרֶעפְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, וויל אִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעסְן עֶטְלִיכֶע נְקוּדוֹת וָואס לֶערֶערִינְס דַארְפְן וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין בַּיים 'אֲסִיפַת הוֹרִים', אוּן אִיךְ הָאף אַז דִי לֶערֶערִינְס וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר.

## דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף זֵייעֶר קִינְד

וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן אַ שְׁמוּעֶס מִיט עֶלְטֶערְן, דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן מִיט אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיפְ'ן קִינְד, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן קֵיין לִיגְנְט, אוֹיבּ דָאס קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט אָדֶער שְׁטֶערְט בַּיים לֶערְנֶען, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן: "זִי לֶערְנְט אַ מְחַיֶה", "זִי אִיז מוֹרָא'דִיג דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג", מֶען דַארְף זָאגְן אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס דָאס קִינְד הָאט בֶּאֱמֶת, אוּן עֶס אִיז זִיכֶער אַז יֶעדֶעס קִינְד הָאט כָאטְשׁ אֵיין זַאךְ מִיט וָואס זִי אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט.

מֶען קֶען זָאגְן: "דַיין קִינְד אִיז זֵייעֶר צוּזַאם גֶענוּמֶען", "זִי אִיז אֵייבִּיג אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל", "עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס אִיז אֵייבִּיג צוּזַאם גֶענוּמֶען".

## פַּאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְ—ד

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט אוֹיף אַ קִינְד, יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע ווייסְט גַאר גוּט וָואס פַּאר אַ קִינְד זֵיי הָאבְּן, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט אָפְּנַארְן, דִי מַאמֶע לַאכְט פוּן דִי לֶערֶערִין וֶוען זִי זָאגְט אַ פַּאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְט.

פַּאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס זֶענֶען גָארְנִישְׁט ווערד, נִישְׁט פַּארְן קִינְד אוּן נִישְׁט פַּאר דִי עֶלְטֶערְן, אוּן נִישְׁט פַּאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, עֶס מַאכְט נֶערְוֶועז, עֶס מַאכְט פַּארְאִיבְּלְט, אוֹיךְ קֶען עֶס מַאכְן אַז דִי לֶערֶערִין זָאל וֶוערְן פַּארְפַּיינְטֶעט אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן בֵּייז צוּ הֶערְן וִוי דִי לֶערֶערִין טְשֶׁעפֶּעט אִיר וֶועגְן אִיר קִינְד מִיט פַּאלְשֶׁע זַאכְן.

אִיךְ ווייס פוּן אַ קִינְד אִין מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי דַאר, זִי פְּלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען פוּן שׁוּלֶע זָאגְן אַז אִיר לֶערֶערִין הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אַז זִי אִיז זֵייעֶר דַאר... עֶס פְּלֶעגְט אִיר זֵייעֶר בַּאדֶערְן, וָואס ווילְסְטוּ פוּן מִיךְ? דוּ ווילְסְט מִיךְ טְשֶׁעפֶּענֶען? וָואס טְרַאכְסְטוּ? דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ ווייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס?!

אַז מֶען וויל אִיר גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט קֶען מֶען אִיר זָאגְן: **"דוּ זֶעסְט אוֹיס אַזוֹי שֵׁיין", "דַיין פָּנִים אִיז זֵייעֶר שְׁמֵייכְל'דִיג"**, - אַ זַאךְ וָואס קוּמְט אַריין, אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מַאכְט זֵייעֶר נֶערְוֶועז, אָדֶער מַאכְט עֶס מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי לֶערֶערִין, מֶען זָאל טְרַאכְטְן: 'נֶעבֶּעךְ, זִי ווייסְט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, זִי רֶעדְט פַּאר פֵּייעֶר אוּן וַואסֶער...'

## נִישְׁט אַלְץ ווילְן עֶלְטֶערְ—ן הֶערְן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער

וִוי אַזוֹי זָאגְט מֶען פַּאר עֶלְטֶערְן אַ פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף זֵייעֶר קִינְד? - קוֹדֶם דַארְף מֶען ווִיסְן צִי עֶס אִיז בִּכְלַל כְּדַאי צוּ זָאגְן פַּאר דִי עֶלְטֶערְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וֶוער דִי עֶלְטֶערְן

זֶענֶען, עֶס אִיז דָא גֶעזוּנְטֶע עֶלְטֶערְן וָואס אוֹיבּ מֶען זָאגְט זֵיי: "דַיין קִינְד אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג", וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט, פַארקֶערְט, זֵיי וֶועלְן פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן דֶעם קִינְד, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס קִינְד זָאל זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס גֵייעְן נֶעמֶען דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶס אַרוֹיפְוִוישְׁן אוֹיף דִי לֶערֶערִין, זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְנֶעמֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זֵייעֶר קִינְד, זֵיי וֶועלְן זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אָדֶער אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַן אַנְדֶערֶער קִינְד, אָדֶער וֶועלְן זֵיי זָאגְן אַז דִי לֶערֶערִין אוּן מְנַהֶלֶת הָאבְּן פַּיינְט דֶעם קִינְד, - קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער גֶעוֶוען גָארְנִישְׁט צוּ זָאגְן.

דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי אוֹיבּ מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט אַ קִינְד, עֶס פַארְדֶעם דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶפֶּעס פַארְדִינֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען וֶועט עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אָדֶער עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

מֶען קֶען דָאס אָבֶּער נָאר רֶעדְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת פְּרִיוָואט, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן קִינְדֶער בָּרַבִּים, אִין פָּארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע זַאךְ אַז יֶעדֶער זָאל מִיט הַאלְטְן יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעמֶען; דוּ וָואלְסְט דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֶעדְן פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אָפְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט צוּטוּן מִיט עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּטֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן "מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע קִינְדֶער", אוּן "עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט מַיין קִינְד", אִיז אַ שָׁאד צוּ זָאגְן, וֶועט מֶען דַארְפְן אַרְבֶּעטְן מִיטְ'ן קִינְד אַלֵיינְס, אוּן זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן דָאס בֶּעסְטֶע מִיטְ'ן קִינְד.

## וָואס דַארְף מֶען זִיכֶער זָאגְן פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן?

דָאס אִיז זִיכֶער אַז 'גוּטֶע זַאכְן' וָואס אַ קִינְד טוּט, מוּז מֶען זָאגְן פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ קִינְד וָואס אֲפִילוּ זִי הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים, בַּיים דַאוֶונֶען קְלָאצְט זִי אוּן גֶענֶעצְט אַ גַאנְצְן צַייט, אוּן זִי אִיז צֶעפְּלוֹיגְן, זִי

בְּרֶענְגְט נִישְׁט צוּרִיק דִי צֶעטְלֶעךְ אוּן זַאכְן פְלִיעֶן אַרוּם, קֶען אָבֶּער זַיין אַז זִי טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, דַארְף מֶען מַאכְן פוּן דֶעם אַן עֵסֶק, זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן: "זִי אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, זִי הָאט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מִדוֹת, זִי טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶס קוּמְט אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס בְּטָעוּת אַז אֵיינֶער זָאל קוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף אִיר אַז זִי הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט".

## אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קִינְדְ'ס מַעֲלוֹת

דָאס אִיז סַיי אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ זָאגְן פַאר עֶלְטֶערְן, אוּן אוֹיךְ פַארְן קִינְד אַלֵיינְס. אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ מַצָב אִין כִּתָּה אוּן מֶען בּוֹיעֶט אוֹיף אַ מַעֲלָה פוּן אַ קִינְד, בַּאקוּמְט דֶער קִינְד אַ גֶעפִיל אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס חָשׁוּב, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד, עֶר טוֹיגְט אוֹיף עֶפֶּעס, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז עֶר זָאל וֶועלְן טוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן.

## מַאכְן דִי שְׁוֶועֶרֶע קִינְדֶער צוּ זַיין גַבַּאי

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד הָאבּ אִיךְ אַלְץ גֶענוּמֶען דִי שְׁוֶועֶרֶע קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זִיךְ מִיט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַן עֵצָה גֶעבְן, אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן פְלֶעגְן זֵיי זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, אַז זֵיי זָאלְן זַיין מַיינֶע הֶעלְפֶערְס, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "**דוּ בִּיסְט מַיין גַבַּאי, מַאךְ מִיר אַ קַאוֶוע, בְּרֶענְג אַרוֹיף מַיין הוּט פוּן אוּנְטְן, גֵיי צוּ דִי אָפִּיס, מַאךְ קַאפִּיס פוּן דֶעם צֶעטְל**", - דִי אַלֶע זַאכְן וָואלְט אִיךְ אַלֵיינְס גֶעקֶענְט טוּן, אוּן דָאס אִיז בֶּאֱמֶת מַיין נַאטוּר אַלֵיינְס אֶנְצוּגְרֵייטְן אַלֶעס פוּן פָאְרַאוֹיס, אַלֶעס זָאל זַיין מְסוּדָר וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין אִין כִּתָּה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן פְלֶעג אִיךְ סְפֶּעצִיעֶל אִיבֶּערְלָאזְן גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּן, כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען שִׁיקְן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין מַיינֶע גַבָּאִים.

אִיךְ פְלֶעג אֲפִילוּ אַמָאל אִיבֶּערְלָאזְן עֶפֶּעס אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז אִיךְ לָאז עֶס סְפֶּעצִיעֶל אִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ אִינְגֶל וָואס אִיךְ מוּז אִים שִׁיקְן עֶר

זָאל עֶס בְּרֶענְגֶען, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין זִיץ פְּלֵייש, אִין כִּתָּה טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, אִיךְ מוּז אִים מַאכְן גֵיין אוּן קוּמֶען, אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ חִיוּת אוּן אַ מוּט.

## אוֹיסְרִימֶען אוֹיךְ דִי גוּטֶע קִינְדֶער

אֵיי, וָואס טוּט מֶען אוֹיבּ דִי גוּטֶע אוּן קְלוּגֶע קִינְדֶער וֶועלְן כַּאפְּן אַז דִי קִינְדֶער וָואס דַאוֶּוענֶען נִישְׁט אוּן לֶערְנֶען נִישְׁט וֶוערְן דִי מְיֻחָסִים, מֶען אִיז זֵיי מְכַבֵּד צוּ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען, אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי צוּלִיבּ דֶעם אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען כְּדֵי זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען וֶוערְן גַבָּאִים.

דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם אִיז: יֶעדֶער קִינְד וִויל פָּשׁוּט שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד, דֶערְפַאר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אוֹיסְרִימֶען דֶעם קִינְד וָואס לֶערְנְט פְלַייסִיג אָדֶער דַאוֶּונְט שֵׁיין, דוּ וֶועסְט מַאכְן אַן עֵסֶק וִוי פְלַייסִיג עֶר לֶערְנְט אוּן וִוי שֵׁיין עֶר דַאוֶּונְט, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין צוּפְרִידְן מִיט דֶעם, עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זוּכְן צוּ בַּאקוּמֶען אַנְדֶערֶע אַטֶענְשָׁאן.

'גַבָּאוּת' אִיז גֶעמַאכְט פַאר קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט דַאוֶּוענֶען, אָדֶער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי, אָדֶער זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין זִיץ פְלֵייש צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט זֵיי שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ עֶפֶּעס וֶוערְד, אָבֶער פַאר דִי גוּטֶע קִינְדֶער מִיט גוּטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, דַארְף מֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף זֵייעֶרֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין זַאט אוּן נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס מֶען מַאכְט פַאר גַבָּאִים.

אוֹיבּ מֶען מַאכְט טַאקֶע 'נָאר' אַן עֵסֶק פוּן דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען, אִיז טַאקֶע אַ פְּרָאבְּלֶעם, דַאן וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן יֶענֶע קִינְדֶער.

יֶעדֶעס קִינְד מוּז בַּאקוּמֶען זַיין צַייט וָואס מֶען מַאכְט אַ מַצָּב פוּן אִים, וָואס מֶען רֶעדְט פוּן אִים, וָואס מֶען מַאכְט פוּן אִים אַ טְרַאסְק; עֶס אִיז דָא גֶענוּג זַאכְן וָואס צוּ טְרֶעפְן אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד מִיט וָואס עֶר אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען

זָאגְט: **"דֶער קִינְד טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם"**, **"דֶער קִינְד מַאכְט אַלְץ שַׁיין בְּרָכוֹת"**, **"דֶער קִינְד אִיז אַזוֹי זוֹיבֶּער"** אוּן מֶען פְּרֶעגְט אִים: **"אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ זַיין דֶער גַּבַּאי פוּן כִּתָּה צוּ זֶען אַז אַלֶעס זָאל זַיין רֵיין אוּן זוֹיבֶּער"**.

גֵייטְס דוּרְךְ יֶעדֶעס קִינְד אוּן טְרַאכְטְס וֶועלְכֶע שֵׁיינֶע זַאךְ מֶען קֶען זָאגְן אוֹיפְן קִינְד, אוּן אוֹיבּ אִיז דָא קִינְדֶער וָואס שְׁטֶערְן, שְׁמוּעֶסְט עֶס דוּרְךְ מִיט דִי מְנַהֶלֶת צוּ וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז בִּכְלַל כְּדַאי צוּ זָאגְן פַּאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן וִוי אַזוֹי מֶען זָאל עֶס זָאגְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל לוֹינְט זִיךְ בֶּעסֶער גָארְנִישְׁט צוּ זָאגְן.

דֶער עִיקָר זָאלְט עֶטְץ זֶען עֶס זָאל זַיין אַ פְּרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

סוֹד ה׳ לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִצְלָן, וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ, תִּקְּנוֹ, גִּלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל.
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוֹצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

# רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

הוּבָא לִדְפוּס עַל-יְדֵי חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב
עִיר הַקֹּדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב״א

טוֹב לוֹמַר זֹאת לִפְנֵי אֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִקּוּן זֶה:

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיְיָ נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵ-ל גָּדוֹל יְיָ וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱ-לֹהִים:

קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל תְּהִלִּים יֹאמַר זֶה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## ◆ טז ◆

מִכְתָּם לְדָוִד, שָׁמְרֵנִי אֵ-ל כִּי חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיְיָ אֲ-דֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל חֶפְצִי בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל אֶשָּׂא אֶת שְׁמוֹתָם עַל שְׂפָתָי: יְיָ מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ לִי בַּנְּעִמִים, אַף נַחֲלַת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת יְיָ אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְיָ לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא תַעֲזֹב נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת פָּנֶיךָ, נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## ◆ לב ◆

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְיָ לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַייָ, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי[א] מִצַּר תִּצְּרֵנִי, רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ, אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס, כְּפֶרֶד אֵין הָבִין, בְּמֶתֶג וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם,

---

א. אחר 'אַתָּה סֵתֶר לִי' - צריך להפסיק מעט. (עיין בלקוטי מוהר"ן חלק א' סימן רי"ג)

בָּל קָרֵב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיְיָ חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיְיָ, וְגִילוּ צַדִּיקִים, וְהַרְנִינוּ כָּל יִשְׁרֵי לֵב:

## • מא •

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל, בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְיָ: יְיָ יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ, וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְיָ יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי, כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי אָמַרְתִּי יְיָ חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי, מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם בָּא לִרְאוֹת, שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא יוֹסִיף לָקוּם: גַּם אִישׁ שְׁלוֹמִי, אֲשֶׁר בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְיָ חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְיָ אֱ-לֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם, אָמֵן וְאָמֵן:

## • מב •

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל אֲפִיקֵי מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱ-לֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵא-לֹהִים לְאֵ-ל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱ-לֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה, בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱ-לֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד בֵּית אֱ-לֹהִים בְּקוֹל רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי, הוֹחִילִי לֵא-לֹהִים, כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱ-לֹהַי, עָלַי

נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח, עַל כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם אֶל תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְיָ חַסְדּוֹ, וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵ-ל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱ-לֹהֶיךָ: מַה תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה תֶּהֱמִי עָלָי, הוֹחִילִי לֵא-לֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵא-לֹהָי:

## ◆ נט ◆

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱ-לֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא פִשְׁעִי וְלֹא חַטָּאתִי יְיָ: בְּלִי עָוֹן יְרוּצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְיָ אֱ-לֹהִים צְ-בָאוֹת אֱ-לֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל הַגּוֹיִם, אַל תָּחֹן כָּל בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב, יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְיָ תִּשְׂחַק לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱ-לֹהִים מִשְׂגַּבִּי: אֱ-לֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי, אֱ-לֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל תַּהַרְגֵם פֶּן יִשְׁכְּחוּ עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲ-דֹנָי: חַטַּאת פִּימוֹ דְּבַר שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה, כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ, וְיֵדְעוּ כִּי אֱ-לֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה: וְיָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל, אִם לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, כִּי הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה, כִּי אֱ-לֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱ-לֹהֵי חַסְדִּי:

## ◆ עז ◆

**לַמְנַצֵּחַ** עַל יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי[ב] אֶל אֱ-לֹהִים וְאֶצְעָקָה, קוֹלִי אֶל אֱ-לֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲ-דֹנָי דָּרָשְׁתִּי, יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג, מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱ-לֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲ-דֹנָי, וְלֹא יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵ-ל, אִם קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָ-הּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל פָּעֳלֶךָ, וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱ-לֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי אֵ-ל גָּדוֹל כֵּא-לֹהִים: אַתָּה הָאֵ-ל עֹשֵׂה פֶלֶא, הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱ-לֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם, יָחִילוּ, אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת, קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## ◆ צ ◆

**תְּפִלָּה** לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱ-לֹהִים, אֲ-דֹנָי, מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ, וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל,

---

ב. באמרך 'אל א-להים' תכוון המילוי כזה: **אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם**

וּמֵעוֹלָם עַד עוֹלָם, אַתָּה אֵ-ל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּה עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ, עֲלֻמֵנוּ, לִמְאוֹר פָּנֶיךָ: כִּי כָל יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ, כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְיָ עַד מָתָי, וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ, וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲ-דֹנָי אֱ-לֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

## קה

**הוֹדוּ** לַייָ קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ, יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְיָ: דִּרְשׁוּ יְיָ וְעֻזּוֹ, בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ, בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְיָ אֱ-לֹהֵינוּ, בְּכָל הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ, דָּבָר צִוָּה, לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק, לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר, לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן, חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר, כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי, מִמַּמְלָכָה אֶל עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם, וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ

בִמְשִׁיחָי, וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל הָאָרֶץ, כָּל מַטֵּה לֶחֶם, שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ, לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ, בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ, אִמְרַת יְיָ צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ, מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ, וּמֹשֵׁל בְּכָל קִנְיָנוֹ: לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ, וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם, וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ חָם: וַיֶּפֶר אֶת עַמּוֹ מְאֹד, וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ, אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ, וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם, וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים, בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: אָמַר, וַיָּבֹא עָרֹב, כִּנִּים, בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק, וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל אוֹנָם: וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָו, וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר, וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו, וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָ-הּ:

## ◆ קלז ◆

**עַל** נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת צִיּוֹן: עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ, תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ

שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר אֶת שִׁיר יְיָ, עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְיָ לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם לָךְ אֶת גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

## ◆ קנ ◆

**הַלְלוּיָ-הּ** הַלְלוּ אֵ-ל, בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר, הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעוּגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה, תְּהַלֵּל יָ-הּ, הַלְלוּיָ-הּ:

אַחַר שֶׁסִּיֵּם תְּהִלִּים יֹאמַר שְׁלֹשָׁה פְּסוּקִים אֵלוּ

**מִי** יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְיָ שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְיָ מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְיָ וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## שמעון אליהו אביש

וזוגתו

## יענטא חיה דבורה

ובנם

## אליעזר שלמה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## יעקב יוחנן איידליס

וזוגתו

## רבקה מירל

ובתם

## חיה אסתר

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## ישעי' אלכסנדר איידליס

וזוגתו

## מרים ראציל

וילדיהם

## לאה, נחמן נתן, רייזל, חיה פריידא, ישראל דוד, שלמה גבריאל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## סיני ברוך בן פערל

וזוגתו

## אסתר בת עלא שרה

ומשפחתם

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

לע"נ חיים יהודה ב"ר משה צבי מאיר ע"ה
ולע"נ ר' משה צבי מאיר בן ר שלום ע"ה
ת.נ.צ.ב.ה

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יקותיאל יודא איינהארן**

וזוגתו

**אידל לאה**

וילדיהם

**חנניה יום טוב ליפא, חיה גנעסא, רחל, ישראל דוד, שרה דרעזיל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**הענעך יצחק אינדיג**

וזוגתו

**רויזא רבקה**

וילדיהם

**ליבא רחל, נחמן נתן, אליעזר שלמה, הילל מרדכי, שרה אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**מאטל
בת רבקה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבה לטובה, ותתברך מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, ולזיווג הגון בקרוב ולהצלחה בכל הענינים, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**מנשה הלוי איצקאוויטש**

וזוגתו

**חיה שבע**

וילדיהם

**שמואל דוד, ישראל יוסף, רוזא בלימא, פייגא, צבי דוב, אברהם קלונימוס**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

ולע"נ אבי מורי ר' צבי דוב ב"ר אברהם משה הלוי ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**ברוך שמואל זאב**
**הלוי אפעלדארפער**

וזוגתו

**ניחא אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

ולע"נ

מאיר בן יעקב צבי הלוי ע"ה
בריינדא ראכל בת נפתלי צבי הכהן ע"ה
יעקב שלום בן מאיר ע"ה
שלמה בן יצחק יעקב ע"ה
רבקה בת יצחק אייזיק ע"ה
ת.נ.צ.ב.ה.

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יואל אפפענהיים**

וזוגתו

**שרה רבקה**

וילדיהם

**נחמן נתן, רייזל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**נחמן נתן בוים**

וזוגתו

**סימא**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, חיים,**
**פיגא, קריינדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**עזרא בוים**

וזוגתו

**אסתר אקא**

וילדיהם

אברהם צבי ומשפ', נחמן נתן ומשפ',
מליא חיה רחל ומשפ', משה יצחק ומשפ',
נפתלי, גאלדא רבקה, פיגא, אליעזר
שלמה, אלכסנדר זאב, אדל, מרים

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## חיים דוד בלום

וזוגתו

## רחל יענטא

וילדיהם

## רבקה שרה, ישראל,
## מנחם מענדל , שלום

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בכני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## שמואל אליהו בלעדי

וזוגתו

## חיה בילא

וילדיהם

## ברכה, סימא לאה,
## שמעון יואל, שרה ליבא

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בכני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## יהושע אשר אריה
## בערקאוויטש

וזוגתו

## חוה לאה

וילדיהם

## חיה פערל, בלומא, גיטל זעלדא,
## אליהו, שרה, ביילא, שלמה צבי

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בכני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## שמואל דוד ברוין

וזוגתו

## פראדל

וילדיהם

## נחמן נתן זאב,
## לאה, מלכה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בכני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יוסף ברילל**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**ליבא, יוטל, אשר
אנשיל, טויבא לאה,
שרה, חיים יששכר דוב**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**נחמן אליהו ברילל**

וזוגתו

**בילא**

וילדיהם

**חיים דוד, ישכר דוב,
שרה, אסתר פערל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**נחום ברילל**

וזוגתו

**שרה רבקה**

וילדיהם

**אברהם אליהו, פיגא,
פרומט גיטל, נחמן
נתן, ישראל שמעון**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**משה גאטליעב**

וזוגתו

**גיטל**

וילדיהם

**דוד, מלכה, יעקב
פנחס, יצחק יהודה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יואל נחמן גלויבער**

וזוגתו

**מינדל**

וילדיהם

**חיה ריזל, איידל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אפרים מרדכי שכנא גפן**

וזוגתו

**דבורה**

וילדיהם

**יוטא, שלמה אהרן
גרשון, יוסף יהודה,
זאב, חיים צבי**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**ישראל גראהמאן**

וזוגתו

**פיגל**

וילדיהם

**חיה אסתר, יעקב יוסף,
ליבא, מלכה, יצחק**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**משה גראס**

וזוגתו

**שרה טויבא**

ובנם

**שמעון**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה
## נדפס לזכות

# משה אריה גרויז

## וזוגתו

# סימה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון כבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה
## נדפס לזכות

# אברהם דאנציגער

## וזוגתו

# רוחמה פיגא

## וילדיהם

# שמעון, אליעזר
# שלמה, רחל, פראדל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון כבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה
## נדפס לזכות

# נחמיה דייטש

## וזוגתו

# חיה זעלדא

## וילדיהם

# ליבא, בנימין זאב, שרה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון כבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה
## נדפס לזכות

# יצחק מרדכי הכהן דים

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבו לטובה, ויתברך מפי אל עליון כבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכה לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציו, אמן כן יהי רצון

ולע"נ אחיו הילד שלום אליעזר
בן ר' חיים יואל הכהן
ת.נ.צ.ב.ה.

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## מנחם מענדל האממער

וזוגתו

## רחל יוטא

וילדיהם

**גאלדא, מרדכי צבי, גנענדל ליבא,
אלעזר ליפמאן, יקותיאל שלמה, משה
ישראל, נפתלי, מלכה, חנה בינא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## מרדכי אהרן חיים
## היילפרין

וזוגתו

## פערל

וילדיהם

## נתנאל, יחזקאל שרגא,
## חיה אסתר, נחמן נתן

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## ישראל דוד העסקעל

וזוגתו

## שרה

וילדיהם

## נפתלי, מרדכי, יהודית

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## ישראל הערשקאוויטש

וזוגתו

## אסתר חיה

וילדיהם

## גדלי', רחל, זאב אריה,
## דוד, שלמה, שיינדל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## מאיר ווייזל

וזוגתו

## דינה לאה

וילדיהם

## רבקה, שלמה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

ולע"נ
יעקב שלום בן מאיר ע"ה
מאיר בן יעקב צבי ע"ה
בריינדא ראכל בת נפתלי צבי הכהן ע"ה
הרה"ק ר' חיים זאנוויל בן ר' משה זי"ע
ת.נ.צ.ב.ה.

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## אברהם חיים ווייזל

וזוגתו

## חוה רבקה שיינדל

וילדיהם
**יואל יוחנן ומשפ', חי' אסתר ומשפ',
מיטה ומשפ', אלתר יעקב משה ומשפ',
אשר מרדכי ישעי' יוסף בענדיט**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## הלל הכהן
## בן חיה שרה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבו לטובה, ויתברך מפי
אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי,
ולזיווג הגון בקרוב ולהצלחה בכל
הענינים, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## יהודה זאב ווייל

וזוגתו

## גאלדא

וילדיהם

## משה צבי, מרדכי,
## חיה שיינדל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש
הזה נדפס

לע"נ

## ר' צבי הירש בן ר'
## בנימין אייזיק ע"ה

## ולע"נ מרת רחל לאה
## בת יעקב דוד ע"ה

ת.נ.צ.ב.ה.

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## אורי עזריאל וויינרעב

וזוגתו

## הינדא רחל

וילדיהם

## גאלדא לאה, חוה, קלמן
## יעקב, אסתר טילא,
## ליבא אידל, חיים, שרה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## הלל הלוי ווייס

וזוגתו

## שרה רבקה

וילדיהם

## סאביל, נחמן נתן,
## אליעזר שלמה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## נח צבי הלוי ווייס

וזוגתו

## רחל לאה

ובנם

## נחמן נתן

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אברהם צבי וועבערמאן**

וזוגתו

**לאה שעניא**

וילדיהם

**רייזל, חיה, רבקה, יוטא,
אליעזר שלמה, נחמן
יואל, חיים, פראדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יואל וועבערמאן**

וזוגתו

**מייטא**

וילדיהם

**עטי' ומשפ', נפתלי,
יוטא, אשר, מרדכי
צבי, נחמה, חיה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יצחק יונה זאבעל**

וזוגתו

**מרים זיסל**

וילדיהם

**יהושע יהודה ומשפ', זלאטא, ייטל,
שרה דרעזל, לאה, רחל, אסתר
ברינדל, חנני' יום טוב ליפא, גיטל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אליעזר מנחם צבי זאבעל
וזוגתו רייזל**

וילדיהם
רחל, שרה דרעזיל, גיטל

**ולזכות
שמואל חיים זאבעל
וזוגתו אסתר**

וילדיהם
**אליהו אלימלך, איידל לאה, יואל, יוטל,
גיטל רייזל, אשר זעליג, שרה דרעזיל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יחזקאל זיגלער**

וזוגתו

**מרים**

וילדיהם

**דוד, רויזא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**ישראל חיים זילבער**

וזוגתו

**יהודית**

וילדיהם

**חיה שרה, משה שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אברהם אליהו
זעלקאוויטש**

וזוגתו

**ריסא**

וילדיהם

**אדל, מלכה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יואל טייטלבוים**

וזוגתו

**בת שבע מרים**

וילדיהם

**שרה רבקה אסתר ומשפ׳,
פריידא הענדיל גיטל ומשפ׳,
פערל ומשפ׳, פייגא ומשפ׳,
משה, אליעזר שלמה, סביאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**שמשון צבי טייטלבוים**

וזוגתו

**רבקה חנה**

וילדיהם

**משה יוסף, חיים, אשר
ענזיל, פראדל, נחמן נתן,
חיה פעסיל, בריינדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**דוד טשינגל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבו לטובה, ויתברך מפי אל עליון בבני
חיי ומזוני רויחי, ולזיווג הגון בקרוב
ולהצלחה בכל הענינים, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**נחמן שמואל
יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**שלום, חיים מאיר, לאה, פיגא,
מלכה, הינדא רחל, אברהם
יהודה, אידל, שרה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יואל הכהן לאנדא**

וזוגתו

**חוה לאה**

וילדיהם

**פיגא, חיה, שמעון**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## הושע נח לעווין

וזוגתו

## ירדנה רחל

וילדיהם

## אסתר מלכה, הדסה,
## אריה, דבורה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## יהודה אריה לייב
## ליבערמאן

וזוגתו

## אסתר דאבא

וילדיהם

**מלכה רבקה, משה טוביה, עמנואל**
**צבי אלימלך, שמחה בונים**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## שלמה לעבאוויטש

וזוגתו

## רחל

ובנם

## ישראל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## משה מאיראוויטש

וזוגתו

## חיה מירל

וילדיהם

## שלום עזריאל, שמעון,
## שרה פרומט

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**עלי מזרחי**

וזוגתו
**לאה**

וילדיהם
**שמחה עליזה,**
**מרדכי, מרים, רחל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**שמעון עוזר מיטעטלמאן**

וזוגתו
**נוחה**

**ומשפחתו**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**הרוצה**
**בעילום שמו**
ומשפחתו שיחיו

הקדוש ברוך הוא ימלא את
כל משאלות לכם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני
חיי ומזוני רויחי, ויזכו לרוות
רוב נחת דקדושה מכל יוצאי
חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יואל משה מייזעלס**

וזוגתו
**שרה**

וילדיהם
**שלום אליהו,**
**מאיר, יצחק דוב**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## חנה הדס
## הענא בת הינדא

השם יתברך ישלח לה רפואה שלמה
לכל רמ"ח איבריה ושס"ה גידיה
ולכל טיפי דמיה, רפואה שלימה מן
השמים רפואת הנפש ורפואת הגוף,
ותזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל
יוצאי חלציה, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## יואל מענדלאוויטש

וזוגתו

## נעמי יהודית

וילדיהם

## מנחם מענדל, פיגא,
## מליא צירל, אליעזר
## שלמה, נחמן נתן

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## אפרים נובוגרודסקי

וזוגתו

## צפורה

וילדיהם

## אלישבע, ידידיה
## אלימלך, תמרה
## רוזה, הדסה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## שמעון ניישטיין

וזוגתו

## חנה פראדל

וילדיהם

## שלמה גבריאל,
## בילא בלומא

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## דוד ניישטיין

וזוגתו

## חיה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## משה הלל בן
## רחל סאלז

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבו לטובה, ויתברך מפי
אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי,
ולזיווג הגון בקרוב ולהצלחה
בכל הענינים, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## זאב סרולאוויטש

וזוגתו

## מרים

וילדיהם

## חנה חי׳, מרדכי, פייגא

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## משה יהודה עקשטיין

וזוגתו

## רחל

וילדיהם

## פיגא, שרה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**חיים מאיר ערפס**

וזוגתו
**בילא מינדל**

ובתם
**ריזל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**בנימין פאללמאן**

וזוגתו
**יהודית**

וילדיהם
**ישראל ניסן, אליהו**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יוסף בן שרה רבקה**

וזוגתו
**גענענדל בת חוה רחל**

וילדיהם
**מלכה, ריזל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יעקב הלל פארקאש**

וזוגתו
**בלומא רחל**

וילדיהם
**שלום דובער, שרה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**נפתלי צבי פארקאש**

וזוגתו

**רחל הענדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**ישראל פוקס**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**נחמן, אברהם יצחק,
מאיר, נתן, שרה
רבקה, פרידא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**משולם נחמן פינטער**

וזוגתו

**תמר**

וילדיהם

**פיגא, אסתר, אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אברהם מרדכי פיש**

וזוגתו

**שרה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## יעקב שאול פיש

**וזוגתו**

## שרה

**וילדיהם**

## אליעזר שלמה, מירל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## יואל משה עזרא פליישמאן

וזוגתו

## שרה לאה

וילדיהם

**יוסף צבי, חיים זאנוויל, אריה לייב,**
**יצחק אהרן, נחמה, שלום, אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

ולעילו נשמתם של
אביו יוחנן שמחה בן ר' שלמה גבריאל
אמו שרה זהרה בת נסים הלוי
שמחה רבקה ע"ה בת ר' אברהם מרדכי הלוי נ"י
ת.נ.צ.ב.ה.

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## משולם פייש
## פעלבערבוים

**וזוגתו**

## באשא הדס

**וילדיהם**

**יענטא חי' דבורה, שפרה**
**ליבא, שלום אלי', אלעזר ארי',**
**מירל, בנימין זאב , מאיר**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## שלום אליהו
## פעלבערבוים

**וזוגתו**

## דבורה גיטל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אפרים פעלדמאן**

וזוגתו

**טשארנא מלכה**

ובתם

**יוטא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בכבי חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יוסף פעלדמאן**

וזוגתו

**פריידל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בכבי חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**צבי אלימלך פריעדמאן**

וזוגתו

**רחל יוטא**

**ומשפחתו**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בכבי חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**משולם זושא פריעדמאן**

וזוגתו

**חיה שרה**

וילדיהם

**אלעזר ישעי, שלום
יעקב יהושע, ישראל
מנחם, יוסף אלי**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בכבי חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אליהו ציג**

וזוגתו

**מלכה**

וילדיהם

**יכט, יוסף, שרה**
**פיגא, מנחם זאב**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אברהם חיים אלטר**
**קלאגסברוין**
**וזוגתו רבקה**

ולזכות

**נחמה רחל בת מלכה ברכה**
**מאיר בן מלכה ברכה**
**אהרן בן מלכה ברכה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אהרן יוסף קליין**

וזוגתו

**ליבא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אברהם אליהו קנאלל**

וזוגתו

**פיגא**

וילדיהם

**מלכה, ישראל,**
**אליעזר שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**נחמן נתן קרויס**

וזוגתו

**מרים חיה**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, אברהם מאיר, פיגא, נעכא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**ישראל יעקב קרויס**

וזוגתו

**חנה דבורה**

וילדיהם

**אברהם שמחה, יודא, יוסף, ברכה נחמה ברײנדל,פיגא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**ישראל קרויס**

וזוגתו

**חיה שרה**

וילדיהם

**אדל, לאה פערל, נחמה פריידא, אליעזר שלמה, אפרים פישל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אשר אברהם קרויס**

וזוגתו

**פערל**

ובתם סאביל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## יחיאל יהושע יעקב ראבינאוויטש

וזוגתו

## שרה ליבא

וילדיהם

## רבקה גיטל, דוד מתתיהו, יוטא הינדא

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## אשר אנשיל ראזנער

וזוגתו

## בלימא

וילדיהם

## שיינדל, חיים ישראל, סאסאל, יעקב

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## ישראל מנחם ראזענבערג

וזוגתו

## לאה

ובנם

## שמואל אריה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

## יואל הכהן ראזענבערג

וזוגתו

## לאה הענדל

וילדיהם

**מנשה צבי שניצער ומשפ׳, מרדכי יהודה ומשפ׳, רבקה, משה יצחק דוב, שלמה, אליעזר אהרן, יוסף פינחס, נפתלי הירצקא, שמעון**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**משה זאב ראזענבערג**

וזוגתו

**חוה מחלה**

וילדיהם

**אדל, יוסף שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

ולע"נ אבי מורי ר' יצחק ב"ר אברהם ז"ל
ת.נ.צ.ב.ה.

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**מרדכי ראזענבערגער**

וזוגתו

**מלכה**

ובתם

**הינדא רחל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יהודה אריה ראטה**

וזוגתו

**רחל**

ובנם

**יוסף**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יצחק אייזיק ראטה**

וזוגתו

**ברכה דיזל**

ובנם

**יעקב יהודה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**ישראל מאיר**
**ראטטענבערג**

וזוגתו
**פראדל**

וילדיהם
**יהושע, אסתר מינדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**שלמה רוטה**

וזוגתו
**פריידא הענדל גיטל**

וילדיהם
**נחמן נתן, מלכה, יחזקאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אלחנן חיים רוטה**

וזוגתו
**נחמה אסתר**

וילדיהם
**בלימא, יחזקאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יששכר דוב שווארטץ**

וזוגתו
**חוה**

וילדיהם
**מנחם זאב, יוכבד**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יוחנן שור**

וזוגתו

**הינדא**

וילדיהם

**משה, דוד, סימא, חוה ברכה,
יפה שיינדל, בלומא, ברוך צבי**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

לע"נ ר' מאיר בן ר' דוד ע"ה
ת.נ.צ.ב.ה

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**מנחם שטיינבערג**

וזוגתו

**חיה**

וילדיהם

**אדל, אליעזר
שלמה, יוטא, שרה,
יהושע, פנחס דוד**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**משה שמואל שטעסל**

וזוגתו

**שרה חוה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

ולע"נ
הרה"צ ר' שמעון ישראל בן הרה"צ
ר' שמואל שפירא ז"ל, מחסידי ברסלב
ת.נ.צ.ב.ה.

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**מנחם זאב שטערן**

וזוגתו

**עטל**

וילדיהם

**מלכה ומשפ', שמואל מרדכי
ומשפ', יכט, חיים יהושע, אסתר
פראדל, פיגא, חיה דבורה,
שלמה אליהו, רווא, גאלדא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אליעזר שטרויס**

וזוגתו

**מרים פראדל**

וילדיהם

**לאה, ישראל**
**שמעון, יואל זאב**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**מנחם זאב שטרול**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבו לטובה, ויתברך מפי
אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי,
ולזיווג הגון בקרוב ולהצלחה בכל
הענינים, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אהרן בן אסתר מלכה**

וזוגתו

**חוה בת לאה**

וילדיהם

**יואל זוסמאן, מרים,**
**רחל פראדל, יעקב**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

---

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אליעזר שמן**

וזוגתו

**חנה פרומט**

וילדיהם

**יואל, צביה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**אלעזר צבי שניטצלער**

וזוגתו

**מלכה הינדא**

וילדיהם

**נחמן נתן, יואל,**
**יוטא, בת שבע**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**שלום שענקער**

וזוגתו

**פיגא שרה**

וילדיהם

**חנה, חוה ברכה,**
**מרים, ליבא מלכה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**זרח שפירא**

וזוגתו

**מרים**

**וילדיהם שיחיו**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון